STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04812

LIEBES-BRIEF

Multatuli

Permanent preservation of this book was made possible
by Carol B. Finerman
in memory of
the Steisel family, Harry Annie, Edna, Rose, Bill & Sydney

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ארבייטער פריינד“.

ליעבעס-בריעף

פון

מולטאטולי.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

מיט א פאררעדע פון ר. ראקער.

ארויסגעגעבען פון

אנארכיסטישען ליטעראטור פעראיין.

לאנדאן, 1911.

„ארבייטער פריינד“ דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

פֿאָררעדע.

דאָס איז געווען אין 1860, ווען עס איז ערשיענען אין דער שטאָדט אַמסטערדאַם אַ בוך מיט דעם מאָדנעם טיטעל: „מאַקס האַוועלאַאַר אָדער די קאַפֿע־ליציטאַציעס פֿון דער נידערלענדישער האַנדעלס־געזעלשאַפֿט". דער אויטאָר פֿון דעם דאָזיגען ווערק האָט זיך גערופֿען „מולטאַטולי"; נאָר מען האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז דער פֿערפֿאַסער איז אַ געוועזענער הויכער בעאַמטער פֿון דער האָלענדישער רעגירונג אין די אינדישע קאָלאָניען, אַ געוויסער עדואַרד דויעס דעקער, וועלכער האָט מיט אַבזיכט אויסגעקליבען דאָס לאַטיינישע וואָרט „מולטאַטולי" פֿאַר אַ פסיידאָנים, דען דער טייטש דערפֿון איז „איינער, וואָס האָט פֿיעלעס איבערגעטראָגען".

דאָס בוך איז איינע פֿון די אָריגינעלסטע ערשיינונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַ פֿלאַמענדער פּראָטעסט געגען די אונמענשליכע גרויזאַמקייטען פֿון דער האָלענדישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, אַ וואונדערבאַרע פֿעראייניגונג פֿון בייסענדער איראָניע, טיעפֿסטער ליעבע, ברענענדיגען האַס און רעבעלישער עמפּעהרונג — אַ בוך, אָנגעשריבען מיט די בלוטיגע טרערען פֿון מיליאָנען אָרעמע, געפּייניגטע און פֿערשקלאַפֿטע מענשען־קינדער, דער ביטערער אויסגעשריי פֿון אַ האַרץ, וואָס פֿאָדערט גערעכטיגקייט און נור גערעכטיגקייט. עס האָט זעלטען ווען געטראָפֿען, אַז אַן איינצעלנער מאַן, אָהן פֿריינד, אָהן אָנהייננגער, זאָל האָבען אַזוי פֿיעל מוטה צו בראַנדמאַרקען אַ גאַנצע רעגירונג, אַ גאַנצעס פֿאָלק אויף אַזאַ שרעקליכען אופֿן, ווי מולטאַטולי האָט עס געטהאָן אין זיין „מאַקס האַוועלאַאַר". אָבער עס איז ניט בלויז די שניידענדע קריטיק, וועלכע גיט דעם ווערק אַזאַ אויסערגעוועהנליכע בעדייטונג, די גאַנצע פֿאָרם, דער גראַנדיאָזער סטיל ציינגען אונז אויף דעם ערשטען בליק, אַז אַ געניוס רעדט צו אונז. דאָס בוך איז אַזוי ווי אַ וואולקאַן, עס קאָכט און ברענט ווי אַ ים מיט פֿייער און ווירקט אויף אונז ווי אַ בעפֿרייענדע טהאַט.

פֿאַר די האָלענדישע קאַפֿע־קרעמער איז „מאַקס האַוועלאַאַר" געווען אַ מאָראַלישער טויטעס־אורטהייל. מולטאַטולי האָט זיי פֿאָרגעשטעלט אין

זייער גאַנצער ברוטאַלער נאַקעטקייט, ער האָט זיי אַרונטערגעריסען די היפּאָקריטישע מאַסקעס פון די העסליכע פּנים'ער און געבראַנדמאַרקט מיט גליהענדע ווערטער זייער קליינליכע נידערטרעכטיגקייט, זייערע אויסגעטרי-קענטע הערצער און פערשטויבטע נשמות.

דאָס בוך פאַנגט זיך אָן מיט דער כאַראַקטעריסטישער ערקלערונג פון דעם קאַפע-קרעמער באַטאַוויאוס דראָגסטאָפעל: „איך בין אַ מעקלער פון קאַפע און מיין אַדרעס איז לוריען-גראַכט נומער 37" — אָט וויסען מיר באַלד מיט ועמען מיר האָבען די עהרע זיך צו בעקענען. דראָגסטאָפעל איז דער אמת'ער טיפּ פון דעם האָלענדישען קרעמער, דעם קרעמער אין אַלגעמיין, די לעבעדיגע פערקערפּערונג פון אַ גאַנצער קלאַס. זיין לעבענס-פּרינציפּ איז קאַפע און ניט מעהר ווי קאַפע. ער בעאורטהיילט אַלע עפענטליכע און פּאָליטישע פראַגען לויט זייער שייכות מיט'ן קאַפע-האַנדעל; פאַר איהם עקזיסטירען נור צוויי קלאַסען מענשען: אַזעלכע, וואָס פערשטעהען עפּעס פון קאַפע, און אַזעלכע, וואָס פערשטעהען ניט. די ערשטע זיינען די אמת'ע ניצליכע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפט, וועגען די צווייטע לוינט זיך אפילו ניט צו רעדען. ער לעבט מיט קאַפע, שלאָפט מיט קאַפע, חלום'ט פון קאַפע; ער האָט „גאָט אויף די ליפּען און אַ קאַפע קראָם אין האַרצען" — מיט איין וואָרט, דראָגסטאָפעל איז דער קרעמער ווי ער שטעהט און געהט, דער קרעמער מיט זיין קליינער מאָראַל, זיין היפּאָקריטישער אַנשטענדיגקייט, זיין אויטאָמאַטישער פּינקטליכקייט, ער איז דער מאַן, ביי וועמען די געדאַנקען און געפיהלען ענטוויקלען זיך אין מאָ-גען אָנשטאָט אין קאָפּ אָדער אין האַרצען, דער מאַן מיט דעם גוטען גע-וויסען, מיט דער פעטער מאָראַל און דעם גראָבען געלד-בייטעל.

אָט דערזעלבער דראָגסטאָפעל ווערט דורך אַ צופאַל אַ „ליטעראַט". אַ געוועזענער בעקאַנטער, איצטער אַ „געמיינער קערל, וועלכער פערמאָגט אפילו ניט קיין אויבעררא̇ק", האָט איהם איבערגעגעבען אַ פּעקעל מאַנו-סקריפּטען. דראָגסטאָפעל געפינט דאָרט איינינגע פּאָעזיען, וועלכע מאַכען, פערשטעהט זיך, קיין שום איינדרוק אויף איהם, און אַנדערע „נאַרישקייטען". עס פערדריסט איהם שוין די גאַנצע געשיכטע, אָבער פּלוצלינג דערזעהט ער אַ מאַנוסקריפּט מיט דעם טיטעל: „אַ בעריכט איבער די קאַפע-קולטור אין מענאַדאַ". דאָס איז געווען אַן אמת'ע איבערראַשונג. דראָגסטאָפעל קען אפילו בשום אופן ניט פערשטעהן, ווי אַ מענש, וואָס שרייבט פּאָעזיע און געהט אַרום אָהן אַן אויבעררא̇ק, קען שרייבען עפּעס וועגען קאַפע; נאָר די געשיכטע איז געווען אינטערעסאַנט, און דראָגסטאָפעל בעשליסט אַליין צו שרייבען אַ ביכעל, פערשטעהט זיך, מיט דעם מאַטעריאַל פון דעם

אַנדערען. אין זיין הויז געפֿינט זיך צופֿעליגערווייזע אַ זוהן פֿון אַ דייטשען געשעפֿטס־פֿריינד, ערנסט שטערן, וועלכער האָט ליטעראַרישע טאַלאַנטען, און באַלד געהט אַלעס ווי געוואונשען. שטערן וועט אָבשרייבען יעדע וואָך אַ פּאָר קאַפּיטלאַך, דראָגסטאָפּעל׳ס זוהן, פֿריץ, וועט פֿערריכטען די אָרטאָגראַפֿיע און מאַריע, דראָגסטאָפּעל׳ס טאָכטער, וועט איבערשרייבען דעם מאַנוסקריפּט פֿאַר׳ן זעצער. פֿון צייט צו צייט וועט דראָגסטאָפּעל גופא דורכוואַרפֿען אַ פּאָר קאַפּיטלאַך, כדי דאָס בוך זאָל בעקומען אַ פּראַקטישען כאַראַקטער. די ערשטע פֿיער קאַפּיטלאַך זיינען פֿון איהם און מען קען זיך פֿאָרשטעלען דעם אינהאַלט. ערשט אין פֿינפֿטען קאַפּיטעל הויבט זיך אָן די געשיכטע פֿון מאַקס האַוועלאַאַר. מיט גליהענדע ווערטער דערצעהלט אונז מולטאַטולי זיינע ערלעבניסען אַלס אַ הויכער אינדישער בעאַמטער. וואונדערבאַרע בילדער פֿון ענטציקענדע קאָלירען ענטשטעהען פֿאַר אונזערע אויגען, אַ גאַנצער גן עדן; אָבער אין אָט דיזען גן עדן שפּיעלט זיך אָב די בלוטיגע טראַגעדיע פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק, און מולטאַטולי דערצעהלט מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז דאָס האַרץ ווערט פֿערציטערט און די נשמה הויבט אָן צו קרעכצען פֿון וועהטאָג.

און דיזעס בוך איז געשריבען געוואָרען אין אַן אָרעם דאַך־קעמערל אין בריסעל, געשריבען געוואָרען מיט דעם ביטערען געפֿיהל פֿון אַ מאַן, וועלכער האָט אַלעס פֿערזוכט און איז איבעראַל דורכגעפֿאַלען. מולטאַטולי איז געווען אָהן ברויט, אָהן פֿייער, ווען ער האָט אָנגעשריבען מיט פֿיבערהאַפֿטע הענד די ביטערע ערפֿאַהרונגען פֿון זיין לעבען; ער האָט געדאַרפֿט אויסבאָרגען פֿון אַ אינגעל צעהן סאַנטים, אום צו קענען קויפֿען אַ פֿלעשעל טינט...

דאָס בוך האָט געווירקט אַזוי ווי אַ דונער; אָבער מולטאַטולי האָט זיך געמוזט דערלעבען, אַז די דראָגסטאָפּעל׳ס האָבען איהם ניט בלויז בעשמוצט און פֿערלוימדעט אויף דעם ערגסטען אופֿן, נאָר זיי האָבען אויך אַוועקגערויבט פֿון איהם זיין בוך, זיין האַוועלאַאַר, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען מיט דעם בלוט פֿון זיין האַרצען. דער פֿערלעגער האָט זיך נעמליך ענטזאָגט צו דרוקען אַ צווייטע אויפֿלאַגע און ערשט מיט צעהן יאָהר שפּעטער, ווען זיינע יורשים האָבען פֿערקויפֿט דעם פֿערלאַגס־רעכט צו אַ צווייטען, האָט געקענט ערשיינען אַ צווייטע אויפֿלאַגע.

מולטאַטולי האָט זיך פֿיעל אָנגעליטען אין דיזע צעהן יאָהר צייט, אָבער זיינע ליידען האָבען איהם געמאַכט נאָך מוטהיגער, שטאַרקער און ראַדיקאַלער. פֿריהער האָט ער זיך כמעט אויסשליסליך בעשעפֿטיגט מיט

דער אינדישער פֿראַגע, איצטער האָט ער זיך גענומען צו אַלע אינסטיטו־ציאָנען פֿון דער געזעלשאַפֿט. עס איז איהם געגאַנגען ווי דר. שטאָקמאַן אין איבסען'ס פֿאָלקס־פֿיינד, וועלכער האָט צוערשט אויך בלויז גערעדט וועגען די פֿערדאָרבענע וואַסער אין באָד, ביז ער האָט אויסגעפֿונען, אַז אַלע לעבענס־קוועלען פֿון דער געזעלשאַפֿט זיינען פֿערגיפֿטעט דורך דעם קליינליכען עגאָאיזם פֿון די דראַגנסטאָפּעלס און זייערע נאָכפֿאָלגער.

אין 1861 האָט מולטאַטולי פֿערעפֿענטליכט זיינע „ליעבעס-בריעף", יענעם איינציגע ווערק, איינציג אין פֿאָרם און אינהאַלט, וואו דער געניוס פֿון דעם דיכטער מאַניפֿעסטירט זיך ערשט אין זיין פֿולער קראַפֿט און שעהנהייט. ס'איז דאָס בוך פֿון דער גרויסער ליעבע און דעם גרויסען האַס, „געשריבען פֿון אַ גאָט און פֿון אַ טייוועל", ווי ער האָט אַליין גע־זאָגט — אַ גאַנצע פּאַנאָראַמאַ פֿון דער מענשליכער נשמה אין איהרע טויזענדער פֿערשיעדענע שטימונגען און עמפּפֿינדונגען. דאָס זיינען טענער אַזוי זיס און צוויבערהאַפֿט ווי דער געזאַנג פֿון דער נאַכטיגאַל אין אַ מיל־דער זומער־נאַכט און קריעגס-ליעדער, ווילד און ליידענשאַפֿטליך ווי אַ געוויטער־שטורם. ליעבע, בייגקעניש, האַס, צאָרן, איראָניע, פֿעראַכטונג, קראַפֿט, שעהנהייט, מוטה, בלוט, טרערען זיינען צונויפֿגעגאָסען אין יענע גראַנדיאָזע בילדער, אין יענע זאָנדערבאַרע ליעבעס־בריעף צווישען דריי פּערזאָנען — מאַקס, טינע און פֿעני — די מערקווירדיגסטע, וועלכע זיינען ביז איצט געשריבען געוואָרען.

מאַקס, דער יונגער זיגפֿריד מיט דעם טיטאַנישען מוטה, וועלכער לאָזט זיך ניט בעאיינפֿלוסען פֿון אַלטע טראַדיציאָנען און גראָע טהעאָריען, און וועלכער האָט נור איין מאָטאָ: „צוערשט דער ווילען, דאַן די קראַפֿט און צולעצט דער זיעג!" דאָס איז דער דיכטער אַליין, מולטאַטולי דער קעמפּפֿער, דער רעבעל, דער אַנאַרכיסט! און טינע איז זיין ווייב, וואָס האָט דורכגעמאַכט מיט איהם די גאַנצע ביטערע לעבענס-פּעריאָדע אין אינדיען, פֿול מיט אויפֿרעגונג, ליידען און ענטוישונג. און פֿעני, אָט די וואונדער-באַרע פֿעני, צו וועמען מאַקס האָט געשריבען אַזעלכע אונבעשרייבליכע בריעף, זי איז דעם דיכטער'ס נשמה, אָט דיזע גרויסע, טיעפֿע און העלדישע נשמה, וועלכע איז פֿערבלוטיגט, געשענדעט, געטראָטען געוואָרען אין דער וועלט פֿון די דראָגנסטאָפּעלס, וואו קאַפֿע און היפּאָקריטיזם זיינען די איינ־ציגע געזעצע פֿון לעבען. אָבער געגען די פֿערשאָלטענע ראַסע פֿון די דראָגסטאָפּעלס העלפֿט ניט קיין העלדישקייט. זיי וואוינען אין דעם זומפּ פֿון לעבען, אויף דעם מיסט פֿון דער געשיכטע; זיי פֿערוואונדען דעם געגנער מיט קליינע שפּיציגע נאָדלען, מיט שמוץ, קליינליכקייט און

פֿערלוימדונג. קיין שווערד וועט זי קיינמאָל ניט פֿערניכטען, מען דאַרף אויסברעכען די שויבען פֿון זייערע הייזער, כדי זיי זאָלען קראַפּירען פֿון דער פֿרישער לופֿט. אַך, די דראָגסטאָפּעלס, די דראָגסטאָפּעלס! אויך זיי זיינען כמעט אונשטערבליך, אונשטערבליך ווי די אייביגע געמיינהייט! העלף אונז, פֿענסי! זעה, אַז דיין העלד זאָל ניט דערשטיקט ווערען אין קאַפּע — ניין, אין בלאָטע!

„זעהסט דו די זונן, פֿענסי? אָדער ביזט דו אַליין די זונן? ביזט דו דער צענטער פֿון דער ערד, וועלכער ציהט אַלצדינג צו זיך? דאַן איז יעדער רעגען־טראָפּען אַ שליחות צו דיר! דאַן איז יעדער בליץ, וואָס שפּאַלט פֿונאַנדער די וואָלקענס, יעדער דונער אַ ליעבעס־בריעף צו דיר, צו דיר! יאָ, יאָ, איך וואַרף אָט דיזען בריעף אַראָב אין גאַס, כדי דער פֿערבייגע־הער זאָל מיינען, ער קען איהם אַריינכאַפּען, ווען ער גיט מיר אַ סענט פֿאַר אַ זייטעל... אָבער ער וועט זיך אָבנאַרען: דער בליץ וועט איהם פֿערברענען די פֿינגער!"

אָבער פֿענסי ליידעט, זי קען ניט לעבען אין דיזער קליינער וועלט, זי פֿאָדערט ליכט, לופֿט, פֿרייהייט! און מאַקס דערצעהלט איהר יענע וואונ־דערבאַרע מעשה'לאַך מכח דער ענטשטעהונג פֿון דער אויטאָריטעט. מיט די גרויזאַמע וואַהרהייטען, וועלכע בילדען דעם אינהאַלט פֿון דיזע ניין קורצע מעשה'לאַך, האָבען אַנדערע אָנגעפּילט אַ גאַנצע ביבליאָטעק.

אין די „ליעבעס־בריעף" שפּיעגעלט זיך אָב דער גאַנצער אינערליכער קאַמפּף, וועלכען מולטאַטולי האָט איבערגעלעבט, און די גאַנצע גרויסקייט פֿון זיין כאַראַקטער. ס'איז די טראַגעדיע פֿון אַן איינזאַמען קעמפּפֿער און אין דערזעלבער צייט די טראַגעדיע פֿון דעם מענשליכען געניוס. אָבער ניט פֿאַר אימער וועט עס זיין אַ טראַגעדיע, דען דער לעצטער בריעף איז אַ טריאומפף־געזאַנג פֿון אַ גרויסער צוקונפֿט: — „צוערשט דער ווילען, דאַן די קראַפֿט און צולעצט דער זיעג!" — — —

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז מולטאַטולי, וועלכער איז אַליין געווען אַזוי ביטער אָרעם, האָט געשריבען דיזעם בוך, אום צו העלפֿען אַ פֿאַמי־ליע, וועלכע איז געווען אין שלעכטע אומשטענדען. אָט דיזער „אינדיווי־דואַליסט" איז שטענדיג פֿאַרטיג געווען אָוועקצוגעבען דעם לעצטען ביסען ברויט פֿאַר אַנדערע. דערזעלבער מאַן, וועלכער האָט אין 1861 געשריבען די „ליעבעס־בריעף", אַ בוך פֿאַר אַלע צייטען, האָט אין 1862 פֿערעפֿענט־ליכט די פֿאָלגענדע אַנאָנסע אין דריי אַמסטערדאַמער צייטונגען:

„איך מאַך בעקאַנט צו דעם האָלענדישען פֿאָלק, אַז פֿאַר מיר ליגט

אַ בריעף, אין וועלכען אַ מענש סטראַשעט מיך צו פֿערקויפֿען מיין ווירטהשאַפֿט. מיין גאַנצע ווירטהשאַפֿט בעשטעהט פֿון מיינע קליידער און מיינע קינדער. מעהר פֿערמאָג איך ניט. און דאָס איז אייער שאַנדע, האָלענדער, ניט מיינע! —

עדוואַרד דויעס דעקער."

דיזע וויניגע ווערטער זיינען אַ קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט פֿאַר אַלע צייטען, אַ מורא'דיגע אָנקלאַגע געגען די פֿירמאַ דראָגסטאָפּעל און קאָמפּאַניע.

די „ליעבעס־בריעף" איז ניט בלויז איינע פֿון די אָריגינעלסטע ביכער אין דער וועלט־ליטעראַטור, עס איז אויך איינע פֿון די רעוואָלוציאָנערסטע ווערק, וואָס זיינען ווען געשריבען געוואָרען. אפילו דאָרטען, וואו די אַטאַקען פֿון דעם געניאַלען און רעבעלישען שרייבער ריכטען זיך געגען די גרויזאַמקייטען פֿון דער האָלענדישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, דערפֿיהלען מיר אינסטינקטיוו די מורא'דיגע אָנקלאַגע געגען דער גאַנצער מאָדערנער געזעלשאַפֿט.

עס איז איבערהויפּט ניט מעגליך איבערצוגעבען די אַלע זעלישע פֿיינהייטען פֿון דיזען זעלטענעם בוך. מיט איין איינציגען וואָרט וואַרפֿט דער דיכטער אָפֿטמאָל אַ בליץ־שנעלען שטראַהל אין די בעהאַלטענסטע ווינקלאַך פֿון דער מענשליכער נשמה. אַקוראַט ווי דער אשמדאי אין לע־סאַזש'ס „הינקעדיגען טייוועל" נעהמט אַראָב אַלע דעכער פֿון מאַדריד, אום צו צייגען דעם סטודענט סאַמבוליאָ די בעהאַלטענע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס, וואָס שפּיעלען זיך אָב הינטער די איינגע פֿיער ווענד, אַזוי נעהמט מולטאַטולי אין זיינע „ליעבעס־בריעף" אַראָב די דעכער פֿון אַלע מענשליכע אינסטיטוציאָנען און מנהגים און צייגט זיי אונז אין זייער אמת'ער געשטאַלט.

„מיין פּראָפֿעסיאָן איז איבערצוקעהרען דאָס אַלטע" האָט מולטאַטולי געזאָגט פֿון זיך אַליין, און ער האָט געהאַלטען וואָרט. זיין גאַנצער לעבענס־ווערק איז געווען אַ גרויסע רעבעלישע טהאַט, אַ מוטהיגע קריעגס־ערקלערונג געגען דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, און די „ליעבעס־בריעף" בעלאַנגען צו די שעהנסטע און טיעפֿסטע זייטען פֿון דיזען לעבענס־ווערק.

דאָס ביכעל האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָן אין האָלאַנד. די דראָגסטאָפּעלס פֿון אַלע ריכטונגען און פּאַרטייען זיינען באַלד אַראָב פֿון זינען און האָבען געהאַלטען אין איין שרייען, אַז די געזעלשאַפֿט איז אין געפֿאַהר, און אַז מולטאַטולי געהט צוברעכען די הייליגע לוחות פֿון דער אַלטער מאָראַל און אָרדנונג. אמת, קיינער פֿון זיי איז אפילו ניט געווען

אימשטאַנד צו פֿערשטעהן דעם אייגענטליכען זין פֿון דיזען בוך, אָבער זייער אינסטינקט האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס פֿערשאָלטענע ביכעל איז דער בעשולדיגונגס-אַקט פֿון אַ געניאַלען דיינקער און קינסטלער געגען דער איינגער און קליינגייסטיגער וועלט פֿון די דראָגסטאָפּעלס.

דער „גראַוועןהאַאַגשער ניוזבאָדע", איינע פֿון די בעקאַנטעסטע ביר-נעריכע בלעטער פֿון יענער צייט, האָט אָבגעגעבען זיין אורטהייל איבער די „ליעבעס-בריעף" אויף אַזאַ אופן:

„...מיר האָבען איצטער אַ מאָדערנעם העראָסטראַטוס. ס'איז דער „איך-קולטוס" פֿון מולטאַטולי. ער ריהרט זיך צו צו אַלעס, וואָס עס איז דעם מענשען ליעב און טהייער. ער פֿריידיגט די ערגסטע און אונמאָראַ-לישסטע לעהרען. אויף אַלעס, וואָס די נאַציאָן האָט זיך אויסגעלערנט צו ליעבען און רעספּעקטירען, טרעט ער אַרום מיט די פֿיס. ער לייקענט אָב די עקזיסטענץ פֿון גאָט און נעגירט די ביבעל און דעם עוואַנגעליום. ער גלויבט ניט אין דער עקזיסטענץ פֿון דער זעעלע און ניט אין דער אונ-שטאַרבליכקייט און אָנערקענט בלויז זיין אייגענעם „איך" אַלס די איינציגע גאָטהייט אויף דער וועלט — — — — — — —".

און נאָך דעם ווי די אויבענדערמאָנטע צייטונג האָט צולעצט נאָך אויפֿגעפֿאָדערט דאָס פֿאָלק צו באָיקאָטירען דעם דיכטער, האָט זי זיך ער-וואָרבען די דאַנקבאַרע סימפּאַטיע פֿון דער פֿירמאַ דראָגסטאָפּעל און קאָמ-פּאַניע. דאָס איז שטענדיג געווען די טאַקטיק פֿון די קרעמער — צו באָיקאָטירען דעם מאָגען אום צו דערשטיקען דעם געדאַנק. —

לעבענדיג אין'ם ביטערסטען עלענד, האָט מולטאַטולי געמאַכט נאָך עטליכע געניאַלע ליטעראַרישע פֿערזוכע, ביז ער האָט ענדליך אָנגעהויבען שרייבען זיין גרויסעס זאַמעל-ווערק „אידעען". ער האָט אַליין אַם בעסטען אילוסטרירט דעם כאַראַקטער פֿון דעם דאָזיגען ווערק אין אַ בריעף צו זיין פֿערלעגער מיט די פֿאָלגענדע ווערטער:

„ניין, מען זאָל ניט זאָגען, אַז קיינער האָט ניט פֿערזוכט צו בעפֿרייען דאָס פֿאָלק פֿון דעם פֿלוך, וואָס ליגט אויף איהם. מען זאָל ניט זאָגען, אַז קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוטה, צוצוריהרען זיך צו דער גרויסער קראַנקהייט, פֿון וועלכער דאָס פֿאָלק ליידעט — דעם ליגען... איך בעט איך אָנצונעהמען דעם פֿערלאַג פֿון אַ ווערק, וואָס איך האָב בעשלאָסען אַרויסצוגעבען. איך וועל דאָרט טראַכטען וועגען דעם אמת. דאָס איז מיין פּראָגראַם, מיין איינציגער פּראָגראַם. איך וועל געבען בעריכטען, ערצעהלונגען, מעשה'לאַך, פּאַראַבלען, בעטראַכטונגען, עראינערונגען,

ראַמאַנען, נביאות, פאַראַדאָקסען... איך האָף, אַז יעדער בעריכט וועט ענט־האַלטען אַן אידעע. מיין ווערק זאָלט איהר רופען „אידעען", ניט אַנדערש און דער מאָטאָ דערפון זאָל זיין: „אַ זעער געהט אוים זעען!"

„ס'איז אַ מורא'דיגעס ווערק, די „אידעען", אַ שטורם אויף דעם טעמ־פעל פון די פיליסטער, אַ קאַמפף געגען אַלע אינסטיטוציאָנען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. אין ווייניגע צייללען זאָגט דער געניאַלער האָלענ־דער די טיעפסטע וואַהרהייטען. ער שאַנעוועט קיינעם ניט, און מיט גלי־הענדע ווערטער פריידיגט ער דעם עוואַנגעליום פון דער הייליגער ליעבע, פון דער אייביגער שעהנהייט און דעם נייעם מענשען, וועלכער איז „ביז איצט נאָך ניט ענטדעקט געוואָרען". און פלוצלינג שטעלט ער זיך אָב פאַר אַ מאָמענט און שרייבט די וואונדערבאַרע געשיכטע פון דעם „קליינעם וואָלטער", וואו ער צייגט אונז די קינדערשע נשמה מיט אַזאַ מייסטער־שאַפט, אַז אפילו זיינע ביטערסטע געגנער האָבען געמוזט אַראָבלאָזען די אויגען פאַר איהם.

דער זיבעטער און לעצטער באַנד פון די „אידעען" איז ערשיענען אין 1877. זיי זיינען אָנגעשריבען געוואָרען מיט בלוט, מיט הערצענס־בלוט, דיזע גראַנדיאָזע ביכער, און דער מאַן, וועלכער האָט זיי געשריבען, האָט אונמענשליך געליטען אין זיין לעבען. זיינע טיעפע אויגען האָבען דערזעהן דאָס הייליגע לאַנד פון שעהנהייט און פרייהייט און דערפאַר האָבען איהם די דראַגסטאָפעלס אַוועקגענומען דעם לעצטען ביסען ברויט. ערשט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין געפייניגטען לעבען האָט איהם אַ פריינד גע־געבען די מעגליכקייט זיך אָבצורוהען פאַר אַ ווילע. אין אַ קליין דער־פעל אין דייטשלאַנד איז ער געשטאָרבען אין 1886, אַן אַלטער מאַן פון 66 יאָהר.

ר. ראקער.

ליעבעס־בריעף.

זיין ראָק איז געווען אָבגעבליאַקעוועט, נאָר ס׳האָט אויסגעזעהן, אַז ער ווייסט ניט דערפֿון. ווער האָט דען אין זינען דעם אייגענעם ראָק, אַז עס איז דאָ אַזוי פֿיעל עלענד און נויט ביי אַנדערע?

אַזוי ריידען די ביכער.

נאָר אין דער וועלט איז עס ניט אַזוי. בנאמנות, ס׳איז ניט אַזוי! אין דער ווירקליכקייט זיינען פֿאַרהאַן מענשען, וועלכע פֿיהלען אַ שטאַרקען עקעל פֿאַר אָבגעבליאַקעוועטע רעק, ווען זיי הייגען ניט אַרום די שול־טערן פֿון אַנדערע. ניטאָ קיין לייכטערע צרות אַריבערצוטראָגען, ווי די צרות פֿון אַ שכן. נור שרפֿות און פּאָקען זיינען אַן אויסנאָהם: אָט די זאַכען געהען צייטענווייז אַריבער.

איך וואָלט חשק געהאַט צו שרייבען אַ בוך מכח די אַלע ליגענס, וואָס מען געפֿינט אין ביכער. נאָר ערשטענס וואָלט עס אַביסעל צו לאַנג געדויערט, ביז וואַנען איך וואָלט זיך איספּראַוועט דערמיט, און צווייטענס וואָלט דאַן געקומען אַן אַנדערער, וואָס כדי צו בעווייזען, אַז איך בין אונגערעכט וואָלט ער געזאָגט, אַז דער בעוויז פֿאַר מיין בעהויפּטונג ליגט ביי מיר אין מיין אייגענעם בוך... אָקוראַט ווי מיט יענעם קרעטענזער, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אַז אַלע קרעטענזער זיינען ליגנער.

אויך וואָלט געווען אַ שאָד, דאָס פּובליקום זאָל אַ טעות האָבען און מיינען, אַז טאַקע אַלעס, וואָס מען שרייבט, איז ניט אמת. אַך, לאָמיר שאַנעווען די שטרוי צוליעב׳ן ווייץ!

זיין ראָק איז אַליזאָ געווען אָבגעבליאַקעוועט, און ער האָט אַנגעקלאַפּט אין טהיר...

ער האָט שוין אָפֿט אַנגעקלאַפּט אין אַנדערע טהירען, נאָר אימער אָהן ערפֿאָלג! וועט עס איהם אַצונד אָבגליקען?

דאָרט אינעווייניג איז געזעסען איינער, גרייט צו שרייבען, וועלכער האָט האַסטיג אויסגערופֿען „יאָ!‟, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען איהם נאָך געווען צופֿיעל, די צוויי בוכשטאַבען, וועלכע האָבען ביי איהם צוגע׳גנב׳עט אַ קליין ביסעלע פֿון זיינע אינספּיראַציעס.

גלייך נאָכדעם האָט זיך ענטוויקעלט אַ געשפּרעך, וואָס קיינער וועט ניט פערשטעהן. דאָך וויל איך עס אייך מיטטהיילען. פיללייכט וועט מען עס פערשטעהן שפּעטער.

דער מאַן אין צימער האָט איינפאַך געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין געלד, און אַז ער איז פערליעבט.

איז דער בעזוכער געווען אַ בעל חוב?

דאָס מאָל ניט, און ס'איז ווירקליך געווען אַן אויסנאַהמע.

— בנאמנות, איך קען גאָר ניט העלפען! קיין געלד האָב איך ניט, און קיין צייט אויך ניט. כ'שרייב צו פּ ע נ ס י'ן, און אַלזאָ...

— פּ ע נ ס י?

— פּענסי אָדער פאַנסי, אַט ווי איהר ווילט אַליין. ס'איז אימיצער, וועמען איך האָב ליעב... אין לאַעקען ליגט זי אין אַ קופּערט... איך קען זי ניט אַריבערברייננען אַהער... די צאַלל-בעאַמטע וועלען זי זיכער בע־טאַפּען... דאָס קען איך ניט פערטראָגען... וואָרים איהר קענט זיך דאָך פאָרשטעלען, אַז זי איז אַ שעהמעדיג קינד. און פאָהרען נאָך איהר קען איך אויך ניט, ווייל איך האָב קיין געלד ניט אויף דער רייזע. אָבער זי וואוינט דאָ אויף דער ליליענגראַבט, גלויב איך... זעהט איהר, זי האָט מיר געשריבען אַ לאַנגען בריעף. איך מוז איהר ענטפערן. זי פרעגט, צי זי מעג מיך ליעב האָבען. נו פערשטעהט זיך! וואָס דען, זי טאָר ניט? מינע זאָגט, אַז עס איז גאַנץ גוט אַזוי. און איהר?

וואָס דער בעזוכער האָט געדיינקט? נו, ער האָט געדיינקט, אַז דער מאַן אין צימער איז פערריקט.

און דאָס האָבען געדיינקט אַסך מענשען.

נאָר איידער דער בעזוכער האָט אַרויסגעזאָגט זיין אונהעפליכע מיינונג, איז ער צוריק אַרויפגעקומען אויף דעם גרונד פון זיין קומען.

ס'מוז געשאַפען ווערען הילף, אי דאָס פ אַ ר דעם עלטטען יוני. דער מאַן קען זיך קיין שום עצה ניט געבען... ער האָט קיין זאַך ניט. זיין פרוי און זיינע קינדער...

— קינדער אויך? ק י נ ד ע ר? אָה, דאָס איז ביטער! אַ פ ר ו י איז גאָרנישט. אָבער... ק י נ ד ע ר, זאָגט איהר? יאָ, דאָס איז שרעקליך!

און דער מאַן אין צימער איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט פיעל פייער בעוויזען, אַז אַ פרוי איז „גאָרנישט".

— אַ קינד איז גרויזאַם, מיין הערר! אָה, איך קען די באַרבאַרישע אַרט און ווייזע, ווי אַזוי אַ קינד פרעגט: „אָבער טאַטע, פאַרוואָס ביסט דו אויך ניט רייך, אַזוי ווי דער פעטער, וואָס קויפט דרעה-ביינקלאַך פאַר־

זיינע קינדער?" „וואָס מוז מען טהאָן, טאַטע זיסער, אום אויך צו האָבען אַ וואָגען ווי די „הערצאָגין פון בראַבאַנט" ?" „פאָטער, איז דאָס קינד, וואָס זי האָט נעכטען געהאַלטען אויף'ן שויס, זיסער ווי נאָני?" „צי עסט דאָס קליינע מיידעלע אַלע טאָג פלייש, פונקט ווי די קינדער ביים אָנקעל?" „וואָס האָסט דו פאָרט געטהאָן, פאָטער, וואָס מען לאָזט אונז בלייבען אַזוי אָרים?" זעהט איהר, דאָס פערוואונדעט! ווארים אַ קינד קען מען ניט אַלצדינג אויסלייגען און ערקלעהרען; אָט די עלטער ווייסט ניט פון קיין רחמנות! יאָ, פאַרהאַן פיעלעס, וואָס מען קען ניט אויסלייגען אפילו פאַר גרויסע מענשען, וועלכע בלייבען מייסטענס קינדער אין דעם דאָזיגען פונקט... וויבאַלד עס ליגט נור אין זייערע אינטערעסען ניט צו בעגרייפען.

נאָר... אַ פרוי! אָה, דאָס שטיצט, דאָס דערהויבט, דאָס איידעלט אוים! האָט איהר אַ פרוי?

— ניין, אָבער...

— נו, דאַן קענט איהר עס ניט וויסען! אַניט... פוי, מיין הערר, זאָגט, אַז דער מאַן ליידט צוליעב זיינע קינדער, נאָר רעדט ניט וועגען דער פרוי, אַזוי ווי זי וואָלט אויך שווערער געמאַכט דעם ביודזשעט פון זיין עלענד און נויט!

העלפט זי איהם ניט? טרייסט זי איהם ניט? וואָלט ער געווען שטאַרקער אָהן איהר?

צום טייפעל, פאַרוואָס האָט זי דען חתונה געהאַט מיט איהם? איינמאָל האָט זי דאָך זיכער געמוזט זאָגען „יאָ", ווען ער האָט איהר געפרעגט, צי וויל זי זיך טהיילען מיט איהם מיט זיינע פריידען און ליידען?

אָה, אָט דער צווייטער און דריטער רוף! יאָ, יאָ, איך ווייס עס גאַנץ גוט: זאָגאַר אָפיציעל איז די פרוי אַ סערטיפיקאַט, אַ צייגניס, אַז מען איז ניט צום געברויכען! דאָס לאַנד איז אין נויט... פאַרוואָרטס! ווי רופט איהר עס, ווען אַלעס לויפט צו דער גרענעץ? אַלעס? אָה ניין, דער מאַן, וואָס האָט אַ פרוי בלייבט פאַרלויפיג אין דערהיים! די פרוי שטעהט אויף'ן צעטעל פון די בעפרייענדע קראַנקהייטען... צווישען „ראַק" און מענערשוואַכקייט געווים! דער מאַן טויג ניט פאַר העלדען־מוטה און געוועהרפוצען... ביז אויף ווייטערן בעפעהל! ביז אויף ווייטערן בעפעהל, ווען די בחורים זיינען קאַפוט, די בחורים, וועלכע געהען פאָראויס!

אין טראַיאַ איז דאָס אַנדערש געווען... זעה נור דעם אָבשיעד פון העקטאָר און אַנדראָמאַכע... אין וויפיעלטען בוך, ווייס איך ניט. דאָס קליינע איינגעלע דערשרעקט זיך פאַר העקטאָר'ס פעדער־קראַנץ... נאָר העקטאָר געהט!

— עס שטעהט אין ועקסטען בוך, — האט געזאגט דער בעזוכער, וועלכער איז געווען א דאקטאר פון ליטעראטור.

„דאס זאגענדיג האט דער הערליכער העקטאר אויסגעשטרעקט
די ארעמס נאך זיין זיהנדעלע".
„דאס אינגעל אבער . . . . . ."

— גוט, אבער העקטאר געהט ניט!

— יא, אבער אנדראמאכע האט געוואלט, ער זאל ניט געהן.

— דאס איז געווען אונפערשעהמט פון אנדראמאכע! און ווען דאס וואלט מיט מיר געטראפען... אבער אזוי וואס ווער מיט מיר ניט טרעפען! זעהט נור דאס דא...

ער האט געוויזען זיין בעזוכער א בריעף... א בריעף פון זיין אנדראמאכע! אזוי וואס האט זיך האמער'ן געוויס ניט גע'חלום'ט. יא, דא איז געשטאנען:

„איך בין אויסער זיך פאר צארן. אזא פארשלאג וואגט מען דיר צו מאכען, דיר! און מען שפעקולירט אויף די נויט און די ליידען פון אונזערע קינדער? הערסט דו, דו זאלסט זיך ניט דערוועגען צו דיינקען וועגען מיר, וועגען אונז. ליעבערשט וועל איך געהן אין די הייזער און אויסבעטלען מיין שטיקעל ברויט, איידער ערנעהרט צו ווערען פאר אזא פרייז! זאג זיי, אז דו ביסט זיי מוחל די טובה, זאג עס זיי גאנץ רויה און גראב, אזוי אז מען זאל מעהר ניט קומען צו דיר דערמיט. זאג, אז איך וואלט דיך פעראכט, ווען דו וואלסט אויס נויט, צוליעב אונז פערקויפט דיינע געדאנקען, דיין סטיל, דיין זעעלע. פאדער געלד, בארג, ס'מאכט ניט אוים פון וועמען, דו ווערסט אבגעבען הונדערט מאל אזוי פיעל — אבער בויג זיך ניט אונטער די פאדערונגען פון די, וועלכע ווילען דיך אויסניצען פאר זייערע צוועקען. און טאמער קענסט דו אונז מעהר ניט ערנעהרען, מאקס, דאן ווען וועלען מיר שטארבען... אבער נאך איז ניטא קיין נויט! איך האב נאך אויף דריי טעג..."

— מיין גאט, פון וועמען איז אט דער בריעף? — האט געפרעגט דער בעזוכער.

— נו, פון מיינע'ן! וואס זשע, איהר פערשטעהט עס דען ניט? ווער דען וואלט אזוי געשריבען? זעהט, ווי די שריפט איז פונאנדערגעלאפען. זי שרייבט ניט אימער אזוי פונאנדערגעלאזען, אבער זי איז געווען שרעקליך בייז, ווען זי האט דאס געשריבען...

— וואס פאר א פארשלאג האט מען אייך געמאכט?

— איך זאָל שווינען דעם הערר דוימאַער וואַן טוויסט, וועלכער רעדט אין דער צווייטער קאַמער איבער „פֿרייע אַרבייט" *), און אָנפֿאַלען אויף דעם הערר ראָכוסען. דעם בריעף, וואו דאָס שטעהט, וועל איך אייך ניט ווייזען; ווי שענדליך דער אינהאַלט זאָל ניט זיין — דאָס רופֿען זיי פּאָליטיק! — אָבער אָט דער בריעף איז געשריבען געוואָרען מיט אַ געוויסער פֿערטרויליכקייט...

— פֿון דעם הערר וו. ה.?

— ניין! איך בין זאָגאַר איבערציינט, אַז אָט דער האָט גאָר ניט געוואוסט פֿון דער „פֿרייער אַרבייט", וועלכע מען האָט אויף מיר געוואָלט אַרויפֿלייגען פֿאַר אַ לוין. און פֿאַר וואָס פֿאַר אַ לוין? פֿאַר דעם לוין, וואָס עס קריגען די אַפֿען ביי אונז אין זאָאָלאָגישען גאָרטען... פֿאַר עסען און טרינקען! און די דאַרפֿען דאָך וויינינגסטענס דערפֿאַר ניט שרייבען קיין ליגענס: גליקליכע אַפֿען! דאָס האָבען זיי זייער עק צו פֿערדאַנקען. ווען ניט דאָס וואָלט מען זיי נאָך אויך געצוואונגען צו „פֿרייער אַרבייט"...

אָבער זעהט איהר שוין, מיין הערר, אַז אַ פֿרוי איז גאָרנישט? גאָרנישט אין דער רעכנונג פֿון לאַסטען, נאָר פֿיעל, אונענדליך פֿיעל, יאָ, אַלעס, אַזוי גיך ווי עס האַנדעלט זיך נור פֿון הילף און שטיצע? איך וואָלט אַבסאָלוט ניט געהאַט קיין שום פֿערגניגען צו ליידען נויט, ווען איך האָב ניט מיין פֿרוי...

דער בעזוכער האָט דאָס בעטראַכט פֿאַר אַ מאָדנעם, אייגענאַרטיגען פֿערגניגען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס איז דאָ אַ פֿרוי דערביי.

— אָה, איהר ווייסט ניט, ווי אַזוי אַ פֿרוי האָט ליעב... איהר קענט גאָר ניט בעגרייפֿען, מיט וואָס פֿאַר אַ הויכען פּראָצענט זי גיט אָב צוריק דעם מאַן די איינדריקע, וואָס ער האָט אָנגעשריבען ביי איהר אין דער זעלע!... זיינען די פֿרויען שולדיג, וואָס אַזויפֿיעל מענער האָבען גאָרנישט געהאַט וואָס אָנצושרייבען ביי זיי אין די זעלען? קען מען ערוואַרטען מען זאָל האָבען וואָס צו שניידען, דאָרט וואו עס איז ניט פֿערזעעט... געבויירען אָהן בעפֿרוכטונג?

---

*) „פֿרייע אַרבייט" און „קולטור-סיסטעם" זיינען אין מולטאַטולי'ס צייטען געווען די פּאַרטיי-פּאַראָלען אין קאַמפּף וועגען די האָלענדישע קאָלאָניאַל-אינטערעסען. ס'האָט זיך געהאַנדעלט צו ענטשיידען, וועלכען פֿון די ביידע קאָלאָניזאַציאָנס-סיסטעמען מען זאָל ענדליך אָננעהמען און דורכפֿיהרען. דאָס „קולטור-סיסטעם" האָט אין יענער צייט אָפֿיציעל געגאָלטען און איז געווען פֿערטראָטען פֿון דער רעגירונג און איהרע אָנהייננער; די ליבעראַלען זיינען געווען פֿאַר „פֿרייע אַרבייט".

יאָ, יאָ, שעהנעס ליגט פערבאָרגען אין אָט דער צווייפאַכיגקייט פון דער ליעבע! שטאָף און זעעלע! — „זעעלע" זאָג איך בלויז, כדי זיך פערשטענדליך צו מאַכען... אַלעס איז שטאָף, גוט! איך בעצייכען אַלזאָ מיט דעם דאָזיגען וואָרט דאָס ווירקען פון'ם שטאָף, זיין טהעטיגקייט, וועלכע ווערט פון אַסך מענשען בעטראַכט אַלס אונשטאָפליך, אויס שטאָלץ אָדער מחמת קירצקייט... וויים איך? איבער ווערטער אַמפּער איך זיך ניט. נאָר דאָס אַלעס אָן אַ זייט, זעהט איהר, ווי הערליך סימעטריש די ליעבע נאַטור האָט אַלצדיג געמאַכט. ליעבע איז פון איין זייט די נייגונג צו געבען און אויסצושטראָמען און פון דער אַנדער זייט צו עמפּפאַנגען, צו נעהמען. די גראָבע פערטייטשונג — ניין, אויך אָט די זאַך איז ניט גראָב! זיי מאַכען זי גראָב, די, וואָס שאַפען אָדער איבער אַלעס נאָך זייער בילד נאָך! — אָט די פערטייטשונג וויל איך ניט אָנריהרען, אום זיך איצט צו בעשעפטיגען בלויז מיט דער אַנדערער. ליעבע איז דער דראַנג צו געבען און צו עמפּפאַנגען... צו בעפרוכטען און צו געביירען. וואָס איך וויים — אָה, ס'איז ביטער ווייניג, קען איך העלפען דערצו?— וואָס איך וויים, בעגרייף, פיהל, טרוים... אַך, דאָס אַלעס גיב איך איהר!

— אייער פרוי?

— ניין, ניין, פענסי'ן... דאָס איז מיין פרוי!

— דאָס פערשטעה איך ניט.

— נו געווים! ווייניג מענשען פערשטעהען, וואָס ליעבע איז. איך גיב איהר מיין זעעלע אין גאַנצען, אונגעטהיילט, אָהן די מינדעסטע צוריקהאַלטונג. איך פלאַנץ איין מיינע געדאַנקען אין איהר געמיטה, און ווען עס קומט דער אויגענבליק פון דער העכסטער שוואַנגערשאַפט, דאַן לייגט זי מיר אַריין דאָס ריעזען-קינד אין די אָרעמס.

דער בעזוכער האָט מיט גרויס רחמנות געדיינקט וועגען דעם ריעזען-קינד, וואָס איז געשטראָפט מיט אַזעלכע עלטערן, און ער האָט זיך פאָרגענומען צו פערשווינדען, אַזוי גיך ווי יענער וועט נור ענדיגען דעמאָנסטרירען, אַז אַ פרוי איז „גאָרנישט".

— יאָ, און אַז עס קומט די צייט, דאַן געפין איך אַ שטאַם פון אַ בוים דאָרט, וואו איך האָב געוואָרפען אַ זאָמען-קערענדעל. עס פליסט אַ טייך דאָרט, וואו איך האָב געספּענדט בלויז איין טראָפּען. און וואו איך האָב אַ שטיינדעלע אַוועקגעלייגט, דאָרט געפין איך אַ גאַנצען פעלז.

שעהנער, קרעפטיגער, איידעלער, פול אויסגעוואַקסען געפין איך דאַן די געדאַנקען, וועלכע איך האָב אָנגעטרויט דעם פרוכטבאַרען באָדען פון

איהר האַרץ. איך פֿרעג, ווי האַידן, וועלכער איז אַליין איבערוועלטיגט געוואָרען פֿון זיין שעפּפֿונג, האָט געפֿרעגט, בעת מען האָט אויפֿגעפֿיהרט זיין „שעפּפֿונג“: מיין גאָט, האָב איך דאָס געמאַכט? — בעגרייפֿט איהר דאָס?

— ניין, — האָט דער בעזוכער געענטפֿערט.

— נו יאָ — וואָרים דער מאַן אין צימער האָט, אָנשטאָט ניין, „יאָ“ פֿערשטאַנען, ווייל ער האָט געהערט דעם אָבקלאַנג פֿון זיינע ווערטער ביי זיך אין זיין אייגען האַרץ — נו יאָ, אַזוי גיט די פֿרוי אָב מיט אַן אונענדליכען פּראָצענט דאָס, וואָס דער מאַן, וועלכער האָט זי ליעב, האָט פֿערזעעט אין איהר זעעלע. און ווען עס ווערט דאַן געליטען, פֿיעל געליטען — וואָרים מענשען, וואָס ליעבען אַזוי, מוזען ליידען... בעגרייפֿט איהר דאָס?

— ניין.

— נו געוויס, אַזעלכע מענשען מוזען ליידען!... ווייטער: ווען דער אייז־קאַלטער צפֿון־ווינד פֿון׳ם שיקזאַל בלאָזט דורך די שפּאַלטען פֿון דער הוילער, נאַקעטער וואוינונג... ווען איין וואונד נאָך דער אַנדערער ווערט געמאַכט דורך דער רויהער האַנד פֿון... ס׳מאַכט ניט אוים פֿון וועמעס האַנד! איך שעלט ניט גערן קיין מענשען... איך בין אויך אַ מענש און האָב אַסך פֿעהלערן... „nil humani...

me alienum puto“ — האָט געענדיגט דער דאָקטאָר פֿון ליטעראַטור.

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס! נון, ווען אַזעלכע טיעפֿע וואונדען ווערן געמאַכט דורך די... נויטווענדיגקייט, דאָס איז גאָט... ווען מען שטעהט טיעף איינגעבויגען, דערשלאָגען פֿון שמערץ, אַזוי אַז עס קומט איינפֿאַך אוים צו פֿערגעהן אין פֿערצווייפֿלונג, דאַן טרעט אויף די פֿרוי און וויזט דיר די ערנטע, די פֿרוכט פֿון איהר פֿערהייראַטען לעבען. שמייכלענדיג זאָגט זי:

„פֿאַרוואָס וויינסט דו? האָסט דו מיר דען ניט געגעבען אַן אוצר צו בעהאַלטען? זעה, ווי איך האָב געוואוכערט מיט דעם טאַלאַנט, וואָס דו האָסט אַוועקגעלייגט ביי מיר אין שויס. מיר זיינען רייך, רייך אין ליעבע, רייך אין אַדעל! איך האָב בעהאַלטען דאָס, וואָס דו האָסט אַוועקגעגעבען! איך האָב אָבגעשפּאָרט און אַוועקגעלייגט אויף גרויסע פּראָצענטען דאָס, וואָס איז פֿון דיר פֿערשווענדעט געוואָרען! איך בין געוועזען דיין הויז־האַלטערין, יאָ, די הויז־האַלטערין פֿון דיין זעעלע!

„וואָס ביסט דו אַזוי פּערזאָנלעך? לײדסט דו פון עהרגײץ? ווילסט כבוד? איך מאַך דיך פאַר אַ קעניג, איך קרוין דיך! בין איך דען קלענער ביי דיר ווי אַ פּאַפּסט?

„וואָס ביסט דו אַזוי פּערזאָנלעך? דריקט דיך דאָס שימפּוואָרט? איך רוף דיך גרויס, איך רוף דיך איידעל, איך, וואָס איך אַליין נור קען דיך און איך בעדויער די אָרעמע, וועלכע קענען דיך ניט!

„וואָס מאַכט דיך אַזוי פּערזאָנלעך? אָרעמקייט? ליגען! רייך זיינען מיר, שטיין־רייך! גיב אַ קוק אויף אונזערע קינדער מיט זייערע פּאָעטישע הערצעלאַך! מיט זייער בעגעהר צו וויסען, צו בעגרייפען, צו געבען, ליעב צו האָבען! רייך זיינען מיר, מאַקס, שטיין־רייך! זעה די בוימער, ווי גרין! זעה דאָס פעלד, ווי פיעל־פאַרביג! זעה די גאַנצע ליעבע נאַטור, וועלכע... ארבייט פרייוויליג אָהן דאָס מינדעסטע האַלענדישע סיסטעם פון קולטור... אָה, כ'האָב געוואוסט, אַז איך וועל דיך ברייננגען צו שמייכלען!

„וואָס מאַכט דיך אַזוי פּערזאָנלעך? אַנגסט? מורא? אַנגסט פאַר וואָס? וואָס פאַר אַ מורא? זיינען מיר שוין ניט אַריבער די העלפט פון לעבען? האָבען מיר דען ניט באַלד אַ רעכט אויף רוה? דו ווייסט גאָרניט פון אָט דער רוה? איך אויך ניט... אָבער דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט: „ס'איז ניטאָ קיין גאָט, אָדער ער מוז זיין גוט!"*)

„דאַן מוז ער אונז ליעב האָבען, מאַקס!

„וואָס ביסט דו אַזוי פּערזאָנלעך? דאגה'סט פאַר היינט, פאַר מאָרגען? היינט האָבען די קינדער געהאַט וואָס צו עסען... אויך אויף מאָרגען האָב איך נאָך דאָס נייטיגע... מאַקס, מאַקס, קענסט דו האָבען וויינינגער בטחון ווי די קריסטען, וועלכע פּרעטענדירען, אַז זיי נעהמען אָן פאַר ליעב גאָט'ס ווילען? קענסט דו זיין וויינינגער רוהיג און געלאַסען ווי דער מחמד'אַנער, וועלכער נעהמט ווירקליך אָן פאַר ליעב די בעשטימונג פון'ם שיקזאַל? מאַקס, גלויב מיר, ס'טהוט ניט וועה... ווי האָט זי געהייסען?

— איך מוז צוגעבען, אַז איך בין גאַנץ פערטייפעלט. מינע, אָדער... פענסי, אָדער...

— ניין, נאָך ווייטער צוריק!

— פאַרציאַ, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר פון ליטעראַטור, — אָדער... אַרריאַ?

---

*) „געבעט פון דעם ניט-וויסענדען". — מולטאַטולי.

— גוט, פּאָרציאַ... אָדער אַרריאַ, ווי איך געפֿעלט. אָבער איהר זעהט שוין, אַז אַ פֿרוי איז גאָרנישט אין דער רעכנונג פֿון די לאַסטען? אָה, אָט דער פֿערפֿלוכטער צווייטער און דריטער רוף אין קריעג!

אָבער — דאָס איז אמת! — ניט אַלע פֿרויען זיינען פֿרוכטבאַר, זאָגט מען. איך גלויב, אַז אָט די אונפֿרוכטבאַרקייט אין דער ספֿערע פֿון דעם מאָראַלישען מוז מייסטענס צוגעשריבען ווערן צו אַ זעהר אונמאָראַלישער אָהנמאַכט פֿון די מענער... וועלכע האַנדלען מיט צוקער אָדער קאַפֿע!

— וואָס זשע... דאַרף מען, הייסט עס, גאָר ניט פֿערקויפֿען קיין צוקער אָדער קאַפֿע?

— אָה יאָ! אָבער די קולטור פֿון דער פֿרוי מוז קומען אַ פֿ ר י ־ ה ע ר! און דאָס איז נ י ט אַזוי אין דער וועלט! ווילט איהר אַ קליינעם בעווייז... א י י נ ע ם פֿון די פֿיעלע? באַט אָן אימיצען, וואָס געהט אין דער בערזע, אַ גלעזעל שנאַפּס, אָדער מאַדייראַ אָדער עפּעס אַנדערש... ער וועט דאַנקען, ער קען ניט, וואָרים ער איז פֿערנומען מיט זיינע ג ע ־ ש ע פֿ ט ע ן! קיינמאָל וועט ער אין ג ע ש ע פֿ ט ע ן ניט „צוליעב טהאָן" ועמען עס איז. אָה, ער וואָלט עס געהאַלטען פֿאַר אַ פּחיתת הכבוד, פֿאַר אַן ערנידעריגונג, ווען אַ ק ו נ ד, אַ פֿ ר יי נ ד — „פֿריינד" הייסט: אימיצער, מיט וועמען מען מאַכט „געשעפֿטען", אַ מין קאָמי־וואָיאַזשער, אַ רייזע־אָנגעשטעלטער — ווען אַזאַ פֿריינד זאָל בעמערקען, אַז ער האָט „אימיצען צוליעב געטהאָן", ווי זיי רופֿען דאָס.

גוט, קום זשע נ אָ ך דער בערזע!

נ אָ ך דער בערזע איז ער דיין מאַן! פֿערשטעהט זיך! דאַן וואַרטען אויף איהם ניט קיין ג ע ש ע פֿ ט ע ן! דאַן וואַרטען אויף איהם בלויז אַ פֿרוי און אַ פּאָר קינדער, וועלכע זיינען געבווירען געוואָרען געגען זייער ווילען! אָט די פֿרוי איז ניט קיין „קונד", אָט די קינדער זיינען ניט קיין „פֿריינד". זיי מעגען עס גאַנץ גוט וויסען, אַז ער האָט „איינעם צוליעב געטהאָן"! זיי קענען עס גאַנץ גוט מערקען, אַז דער פּאַפּאַ שמעקט ווי אַ קוטשער אָדער שטאַל־קנעכט! דאָ מאַכט עס ווינציג וואָס אויס, אויב זיין שפּראַך שמעקט אויך נאָך'ן קוטשער־ביינקעל אָדער נאָך'ן שטאַל. דער קוש, וואָס ער גיט א י ה ר אָדער זיי, מעג זיין פֿערפּעסטעט... אַלצאיינס! דורך דעם וועט דאָך קיין ג ע ש ע פֿ ט ניט אָבפֿאַלען! ווען די קינדער זיינען נור שטיל און רוהיג און געהאָרכזאַם, און ווען ס'עסען איז נור גוט, און ווען דער פּאַפּאַ האָט נור אַלעס וואָס ער פֿערלאַנגט!

דער פּאַפּאַ איז מיעד, מיעד פֿון גריץ, פֿון סירופּ, פֿון „עסטרייכער" און אַסעקוראַנץ, מיעד פֿון קאַפּע־הויז־געשפּרעך און בערזען־איינגשאַפּט.

וואָס פּלאַנצט אזא מאַן איין ביי זיין פֿרוי אין דער נשמה? וואַכ־האָלדער, וואַכהאָלדער־בראַנפּען! דאַרף ער זיך בעקלאָגען, ווען עס ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, אַז אָט די בעשפּריצונג האָט אָבגעטויט יעדע פֿרוכט? איז די פֿרוי אונפֿרוכטבאַר, וועלכע געביירט ניט נאָך אַזאַ בעפֿרוכטונג?

און אויך אָהן דעם דאָזיגען געפֿעהרליכען טרונק, וואָס גיט דער מאַן דער פֿרוי, וועלכע ער האָט כלומר'שט ליעב? א שאַל, אַן עטאַ־זשערקע, אַ פּאָר קליידער און „עסען און טרינקען". אָה, גיט איהר מעהר, ווען איהר האָט חתונה... גיט איהר עפּעס אַנדערש! מאַכט אייער פֿרוי פּאַר אַ שפּאָר־קאַסע פֿון אייערע געדאַנקען, אַ לעבענס־פֿערזיכערונג פֿון אייער געמיטה! און אַז עס וועלען אָנקומען די שלעכטע טעג, וועט איהר איינזעהן, אַז איך בין גערעכט... בנאמנות, אַ פֿרוי איז גאָרנישט!

נאָר אַצונד לאָזט מיך אַליין: איך שרייב צו פּענס'ן, און איך האָב פֿיעל צו טהאָן!

דער בעזוכער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט דערלאַנגט די האַנד מיט האַרציגקייט אָדער אויך מיט מיטלייד. דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט. וואָרים ער האָט ניט געקענט אויף ריכטיג אויסמאַכען, צי איז דער מאַן אין צימער געשטאַנען איבער אָדער אונטער אַנדערע, הגם ער האָט געפֿיהלט, אַז פֿון גלייכהייט קען גאָר קיין רייד ניט זיין. אַלס צוגאָב צו זיין בעזוך האָט ער ביים אַוועקגעהן ווידערהאָלט די ווערטער, וועלכע ער האָט שוין עטליכע מאָל געמורמעלט:

— דער אָרעמער מאַן!

איך וויים ווידער ניט, צי האָט ער דאָס מאָל דערמיט געמיינט דעם מאַן אין צימער אָדער דעם מענשען, וועמען מען האָט געמוזט פּאַר'ן עלפֿטען יוני אַרויסהעלפֿען מיט אַביסעל געלד, כדי ער זאָל ניט אונטערגעהן מיט פֿרוי און קינדער. פֿילייכט האָט ער דערביי אין זינען געהאַט ביידען.

אָבער דער מאַן אין צימער האָט קיינמאָל ניט גערדיינקט פֿון זיך, ווען מען האָט גערעדט וועגען אָרעמע מענשען, הגם ער איז אין גרונד גענומען ניט זעהר רייך געווען.

כדי אויסצומיידען די געפֿאַהר, איך זאָל זיך ניט איבער אַ נייעס שולדיג מאַכען אין דער צולאָזענקייט, וועלכע דער העדר בוים וואַרפֿט מיר מיט רעכט אויף אין די „וויסענשאַפֿטליכע בלעטער", מוז איך דאָ אַריינפֿלעכטען אַ בעמערקונג, וואָס זאָל דיר, לעזער, בעווייזען, אַז איך

זאָג שטענדיג די וואַהרהייט, בעזונדערס ווען איך בעהויפּט, אַז עס ווערן דערצעהלט אַזויפיעל ליגענס אין די ביכער. איך וועל דיר דערום בעווייזען, אַז אַלעס, וואָס איך האָב דיר דערצעהלט, איז ליגען.

דער מאַן אין צימער איז געווען אָרעם. דער בעזוכער האָט עס געמוזט וויסען, מחמת יעדער איינער ווייסט עס. אומזיסט האָט ער פאַר זיין נויטבעדערפטיגען מאַן איבעראַל געפאָדערט הילף, ס'האָט איהם ניט אָבגעגליקט. פרינץ דעראַונדער האָט געדאַנקט פאַר די עהרע, און וו. ב. איז געווען אויף'ם לאַנד. דער רייכער צ. האָט „גראָד" ניט געהאַט קיין געלד — „גראָד", וואָס פאַר אַ מזל דער מאַן האָט עס אַביסעל געהאַט! — און מאַדאַם ה. איז גערן געווען צו העלפען, נאָר אַפריהער פון אַלצדינג, האָט זי געזאָגט, מוז זי וויסען, אויב דער מאַן, וועלכער געפינט זיך אין נויט, האָט פיללייכט אַמאָל געטהאָן עפּעס, וואָס איז ניט געווען „אין אָרדנונג". דאַן וועט זי נאַטירליך ניט העלפען, וואָרים „מען טאָר די לייט ניט אונטערשטיצען אין זייערע שלעכטע טהאַטען". דאָס איז אַ פעסטער פרינציפּ ביי אַלע אָנשטענדיגע מענשען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געטהאָן עפּעס, וואָס איז ניט „אין אָרדנונג". הקיצור, דער מאַן מיט דעם אָבגעבליאַקעוועטען ראָק, וועלכער האָט זיך אַזויפיעל געסטאַרעט פאַר דער פערצווייפעלטער פאַמיליע, איז איבעראַל ענטזאָגט געוואָרען, איבעראַל...

נו פרעג איך אייך, צי ס'איז וואַהרשיינליך, צי ס'איז מעגליך, צי ס'קען זיין אמת, אַז ער זאָל נאָך דעם אַלעם קומען אויף'ן געדאַנק צו פערלאַנגען הילף ביי אימיצען:

ערשטענס: וועלכער איז אַליין שרעקליך אָרעם. (איז עפּענטליך בעקאַנט.)

צווייטענס: וועלכער איז משוגע. (דאָס וועט זיך גלייך אַרויסווייזען.)

דריטענס: וועלכער איז אַ פערדאָרבענער חברה-מאַן. (זיך נאָכצופרעגען ביי אַלע, וואָס קענען איהם, אַם בעסטען ביי זיינע נאָהנטע קרובים, וועלכע ווייסען עס גענוי, און וועלכע וואָלטען עס אַודאי ניט זאָגען, ווען עס וואָלט ניט געווען אמת.)

פערטענס: וועלכער שרייבט ליעבעס-בריעף, זייענדיג אַ פערהייראַטער מאַן. (דו האָסט די ליעבעס-בריעף אין די הענד, ליעבער, בראַווער, אונטאַדעלהאַפטער לעזער!)

און פינפטענס: נאָך אַמאָל: ביי אימיצען, וואָס איז שרעקליך אָרעם? (ווען דאָס וואָלט ניט געווען דער פאַל, וואָלט דאָס איבעריגע ניט געהאַט אַזאַ בעטרעף.)

איז דאָס מעגליך? ניין! אַזעלכע ליגענס גלויבט מען ערשט דאַן, ווען זיי זיינען אַכצעהן הונדערט יאָהר אַלט!

די אורזאַך, פאַרוואָס איך דערצעהל אָט די ליגענס, איז פאָלגענדע. איך וויל דאָס מאָל אָנשרייבען צעהן פולע בויגען, און איך זעה ניט קיין שום מעגליכקייט עס צו טהאָן מיט וואַהרהייט. וואָרים דאָס וואָלט דאָך געווען אַ צו קורצע געשיכטע:

„דער יאַוואָנער ווערט גרוויזאַם בעהאַנדעלט."
„כ'וועל מאַכען אַ סוף דערצו."

און אַצונד ווידער ליגענס:

— דער אָרעמער מאַן! — האָט דער בעזוכער געזאָגט. און דער אַנדערער:

— ס'איז ווירקליך אַ פערדרוס... איך קען דיך ניט אַזוי אַוועקלאָזען, אַזוי: כ'האָב גאָרנישט. ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי פעריאָגט מיט מיין ליעבע, וואָלט איך דיר פאָרגעשלאָגען, אַז איך זאָל וואָס עס איז אָנשרייבען פאַר דער פאַמיליע, אָבער... אָה, אַ אידעע!

דער מאָדנער בחור האָט זיך געריבען די הענד, דיינקענדיג וועגען זיין אידעע.

— וואַרט נאָך אוים אַ ווײַלע! עלפטען יוני, זאָגט איהר? היינט איז דער אַכטער? זעצט זיך אַקאָרשט.

דער בעזוכער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דעם פלאַץ, וועלכען ער האָט נור וואָס פערלאָזען. דער מאָדנער חברה־מאַן האָט אָנגעשריבען אַ קורץ בריוועלע, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפען דורך'ן פענסטער.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט ער געזאָגט, זיך בעת מעשה אומקוקענדיג אין אַלע זייטען, אָקוראַט ווי עטוואָס גאַנץ וואונדערליכעס האָט געדאַרפט פאַסירען, וואונדערליך פאַר דעם אַנדערען ווייניגסטענס.

און עס איז אויך געווען וואונדערליך! דאָס נור וואָס אַרויסגעוואָרפענע בריוועלע איז צוריק אַריינגעפלויגען דורך'ן פענסטער, וואָס איז געווען פערשלאָסען. ס'איז עפּעס געווען צוגעשריבען דערצו.

— זעהט נאָר דאָ, — האָט זיך דער אָרעמער נאָר אָבגערופען, — פ ע נ ס י זאָגט, אַז עס קען געהן!

דער בעזוכער האָט געלייענט:

„ל י ע ב ע פ ע נ ס י! ס'ג ע פ י נ ט ז י ך אַ פ אַ מ י ל י ע א י ן נ ו י ט, ק ע ן א י ך פ ע ר ק ו י פ ע ן א ו נ ז ע ר ע ב ר י ע ף?"

און אונטער דעם איז געשטאַנען:

„יאָ, נאָר ניט די פֿון דעם... פֿון דעם...“

און דאָ פֿאָלגט אַ רייה פֿון דאַטען צו בעצייבענען די בריעף, וועלכע האָבען ניט געדאַרפֿט פֿערקויפֿט ווערן.

גלייך נאָכדעם האָט דער מאַן אין צימער אָנגעשריבען דעם פֿאָל־גענדען וועקסעל, וואָס ער האָט ניט אַרויסגעוואָרפֿען דורך׳ן פֿענסטער, נאָר דערלאַנגט זיין בעזוכער אין האַנד אַריין:

„גוט פֿאַר שריפֿטשטעלערישע אַרבייט.“

— דיסקאָנטירט דאָס!

דער פֿרעמדער האָט זיך אויסגעריבען די אויגען.

— דיסקאָנטירט דאָס! אָבער הערט אַקאָרשט... איז פּרינץ דער־אונדער אַן אָנשטענדיגער מאַן?

— זיכער!

— טאָ געהט ניט צו איהם: ער וועט ניט דיסקאָנטירען. איז וו. ב., וואָס געפֿינט זיך „אויף׳ם לאַנד“, אַ בעל צדקה?

— אַ גרויסער בעל צדקה! עס זיינען פֿאַרהאַן אַנשטאַלטען פֿאַר אַלטע פֿרויען, וואָס טראָגען זיין נאָמען... די אַנשטאַלטען, מיין איך.

— דאַן געהט ניט צו וו. ב.: ער וועט ניט דיסקאָנטירען. האָט צ. אַ גוט האַרץ?

— אַן אמת׳ער דימענט! זיינע טעכטער שטריקען ווינטערדיגע זאָ־קען פֿאַר נעגער־קינדער.

— געהט זשע ניט צו צ.: ער וועט ניט דיסקאָנטירען. איז די מאַ־דאַם ה. פֿרום?

— זעהר פֿרום! זונטאָג לאָזט זי דעם קעכער אַליין איהר דערלאַנ־גען דאָס עסען, כדי די קיך־מיידלאַך זאָלען האָבען צייט פֿאַר זייערע פֿרומע איבונגען מיט די משרתים פֿון הויז.

— טאָ געהט ניט צו מאַדאַם ה.: זי וועט ניט דיסקאָנטירען. געהט צו... צו... ס׳איז דאָך איינפֿאַך שרעקליך, אַז אַלע מענשען זיינען אַזוי אָנשטענדיג! קענט איהר גאָר קיין איין איינציגען שלעכטען מענשען ניט? נאָר ס׳איז דאָך וואַהר, איהר בעזוכט ניט די בערזע...

— אַ שלעכטען מענשען?

— יאָ! אימיצען, וואָס טרעט יעדע אָנשטענדיגקייט מיט די פֿיס, אַ פֿיינד פֿון טוגענד און גוטע זיטען! אַ מין אַנטי־קריסט, אימיצען, וואָס... נאַ, דאָ האָב איך עס! זיין אויג איז געפֿאַלען אויף „דע

דאַגעראַאַד״ *), די עקעלהאַפּטע צייט־שריפט, וואָס איז געלעגען ביי איהם אויף׳ן טיש.

איך האָב עס! זעהט איהר, דאָ שטעהט עס! צום טייפעל, „דאָס וואָס איז נאָהענט, זוכט מען ווייט!״ אייגענטליך וואָלט מיר ליעבער געווען אימיצער, וואָס האָט אויפגעפּרעסען זיין קינד, נאָר אַזוי ווי אַזאַ איינער איז ניטאָ ביי דער האַנד, ראָטה איך אייך צו געהן צו דעם אַרויסגעבער פון׳ם „דאַגעראַאַד״. זעהט איהר, די נומער איז דאָ דערביי: ג., 301... דאָ האָבען מיר ווידער אַמאָל גוט געטראָפען: אָט דער הערר גינסט האָט אַ זעהר אונגינסטיגען נאָמען — איהר פערשטעהט דאָך אודאי, אַז דאָס דאָזיגע וויציגע וואָרט־שפּיעל שטאַמט ניט פון מיר: כ׳האָב עס געהערט פון אַ פּאַסטאָר — אָט דער אונגינסטיג בעקאַנטער גינסט וועט העלפען, אויב ער קען נור. ער וועט דיסקאָנטירען.**) און אויב דער וועט ניט קענען העלפען, דאַן געהט אַריבער צו מייער אויף דעם פּייגענדאַם, וואו עס ליגט אויסגעלייגט וואָלטער, און דאָס „געבעט פון׳ם ניט־וויסענדען״ פון דעם משוגע׳נעם מולטאַטולי, און אַסך אַנדערע אונמאָראַלישע שרייבערייען. צו אַזעלכע לייט מוזט איהר געהן!

דער דאָקטאָר פון ליטעראַטור איז אַרונטער די טרעפּ. ס׳האָט איהם געריישט אין קאָפּ. אונטרייהייט, ליעבעס־בריעף, וואָלטער, אַ מיידעל, וואָס טאָר ניט בעטאַפּט ווערן פון די צאָלל־בעאַמטע און וואָס וואוינט אויף דער ליליענגראַכט, הגם זי לאָזשירט אין לאַעקען אין אַ קופּערט? בריעף, וואָס פליהען אַריין דורך אַ פערמאַכטען פענסטער? ריעזען־קינדער? אַ פרוי, וועלכע איז מעהר ווי אַ פּאַפּסט, הגם זי האָט בלויז אויף דריי טעג צו עסען? אַ מאַן, וועלכער האָט פערגניגען דערפון, וואָס ער ליידט נויט...

— קוקט זיך פון צייט צו צייט אום אויף דעם הערר דאָ אויבען אין נומער 6, — האָט ער אַרונטערקומענדיג אונטען געזאָגט צו אַ משרת פון הויז.

און דו, לעזער?

---

*) „די מאָרגען-רויט״, אַן אָרגאַן פון האָלענדישע פריידייגקער.

**) די ערשטע אויסגאַבע פון די „מיננעבריעווען״ (ליעבעס-בריעף) איז ווירקליך ערשינען ביי דעם פערלעגער גינסט, וועלכער האָט ניט געמאַכט קיינע שוויריגקייטען און בעצאָהלט פאַר׳ן ווערק.

פֿערריקט, ניט אמת? שענדליך, שרעקליך, אונפֿערשעהמט, אונ־אַנשטענדיג און אַחוץ אַלעם דעם נאָך אונבעגרייפֿליך... ניט אמת?

קויף, פובליקום, קויף! אָה, דו וועסט קויפֿען: איך קען דיך! דו האָסט גענוג און איבער גענוג געלד, ווען מען באָט דיר אָן עפּעס אַ סקאַנדאַל, דו, וואָס דו לאָזט דעם עהרליכען, דעם בראַווען מענשען פֿערהונגערן, ווען ער האָט ניט אַזאַ גלויבען ווי דו!

קויף, פובליקום, קויף! דו, וואָס דו לאָזסט דיינע נביאים לעבען, כדי צו קענען זיי לייגגער מאַרטערן! מען דיינקט דיך צו בעשימפֿען, דערמיט וואָס מען זאָגט, אַז ווען עס מאַכט זיך דיר די געלעגענהייט, וואָלסט דו אויך געקרייציגט קריסטוס'ן; נאַ, דו וואָלסט איהם געמאַכט פֿאַר אַ משרת, פֿאַר אַ לויף־איננגעל אין אַ קראָם... ניט אמת? דו וואָלסט געוואַרט, ביז וואַנען ער וואָלט געהאַט אַ פֿרוי און קינדער, כדי זיי צו לאָזען הונגערן... ער זאָל עס קענען צוזעהן און זאָל זיך ענדליך בויגען פֿאַר דיר! דאָס איז זיכערער, ניט וואַהר? דו וואָלסט די געריכטס־דיענער בעוואָפֿענט מיט דיין ענטפֿער אויף זיין „וועה צו דיר, ירושלים!", כדי ער זאָל אַ דערשלאָגענער, אַ צובראָכענער, אָהן אַ ברעקעל מוטה, צונעהמען צוריק זיין „וועה", זעהענדיג ווי מען פֿערשאַכערט די קליידער פֿון זיינע קינדער, אַ זאַך, וואָס מוז זיין זעהר שווער און ביטער פֿאַר אַ פֿאָטער צוצוקוקען! דאָס טרעפֿט אונפֿעהלבאַרער, טיעפֿער, דאָס פּייניגט לייגגער, ניט אמת? לייגגער ווי בלויז אַ פּאָר שטונדען שטאַרבען!

קויף, פובליקום, קויף, ס'איז ריהרונג צו קריגען פֿאַר ווייניג געלד! איך האָב די מאַכט אייך צו גלעטען און צו קיצלען, ביז איהר וועט אַזוי פֿערריקט ווערן, אַז איהר וועט פֿערגעסען דעם פּרייז פֿון אייער קאָפּע, איהר, וואָס איהר האָט, דוכט זיך, אַזאַ האַרטע הויט, אַז די בייטש וואָלט געמוזט אָבשפּרינגען, זיפֿצענדיג פֿאַר ווייטאָג!

קויפֿט, האָלענדער, קריסטען — אַלט־פֿריינקישע און מאָדערנע — קויפֿט, בעשטעלט, בעצאָהלט, גיט געלד פֿאַר עטליכע ליעבעס־ליעדער און אַביסעל גייסט!

קויפֿט, איהר, וואָס איהר בויט אייזענבאַהנען פֿון גע'גנב'עט געלד און אַלס בעלוינונג פֿער'שכור'ט איהר די בע'גנב'עטע מיט אָפּיום, עוואַנגעליום און וואַכהאָלדער בראַנפֿען!

קויפֿט און בעצאָהלט, איהר אַלע! איך האָב גענוג געליטען, אום אַרויסצוקריגען דעם טאָן, וואָס איהר הערט! איהר האָט מיך גענוג בע־ליגנערט, געשענדעט און געפּייניגט, אום צו קענען פֿערלאַנגען צוריק

וואָס עס איז פֿאַר אייער פּייניגונג, פֿאַר אייער שענדונג און פֿאַר אייערע ליגענס!

און אַז איהר וועט זיין צופֿרידען מיט דער טאָן־הויכקייט פֿון׳ם געשריי, וואָס איהר רייסט מיר אַרויס פֿון דער ברוסט...

דאַן זאָגט ווי נעכטען, ווי אייער־נעכטען, ווי פֿריהער:

„ווי פֿיין דער מאַן שרייבט דאָס אַביסעל! פֿריינטעל, איך גיב דיר אַ ז ו י פֿ י ע ל פֿאַר׳ן בויגען, אַ ז ו י פֿ י ע ל פֿאַר דאָס לידעל! זינג נאָך עפּעס! שרייב נאָך עפּעס! פּלוידער נאָך עפּעס!"

פּובליקום, איך פֿעראַכט דיך פֿון טיעפֿען האַרצען!

צו פענסי׳ן.

מיין ליעב קינד, ווער ביסט דו אייגענטליך? ווי הייסט דו? וואו וואוינסט דו?

זאָל איך דיך רופען מיט נעמען פון שיר השירים, דיך, דו דונקעל־פאַרביגע שולמית? ביסט דו די ליליע פון שרון, אָדער די נאַרציסע אין טהאָל?

זאָל איך דיין האַלז אַרומנעהמען מיט׳ן לינקען אָרם, אום דיך צו גלעטען און לאַסטשען מיט דער רעכטער האַנד?

זאָל איך שעפען פאָעזיע פון דיין בליק? זאָל איך זינגען אַ ליעד וועגען דעם קאָליער פון דיינע האָר?

וועל איך דיך היינט זעהן, אָדער מאָרגען... אָדער ווען? וועל איך דיך ערשט זעהן נאָך מיין טויט?

ביסט דו די הערליכקייט, אָדער די טוגענד, אָדער די וואויל־לוסטיג־קייט, אָדער — דאָס זשעני? ביסט דו די אונשטערבליכקייט? די רוהה? דאָס געוועזענע? די צוקונפט? אַ מלאך, אַ דעמאָן אָדער אַ גייסט?

פראָפעטין, וועסטאַלין, אָראַקעל, סיביל, עגעריאַ, ראַפאַעל׳ס מוזע, וואו ביסט דו? וואו וואוינסט דו?

זאָל איך דיך זוכען אין די וואָלקענס, אָדער אין די גאַסען פון אַ שטאָדט?

זאָל איך זיך נאָכפרעגען ביי די וועכטער, וואָס היטען די טויערן: צי האָט איהר ניט געזעהן די, וואָס מיין זעעלע האָט ליעב?

מוז איך אויסטראַכטען אַ צויבער־שפרוך, דו זאָלסט אַרונטערשוועבען פון דער הויך? אָדער דיך אַרויפבעשווערען פון דער טיעפעניש?

וואוינסט דו אויף אַ שטערן, וואָס איז פעסט, פונקט ווי די ערד? קרייזט און פאָהרט ער אַרום, דער היים־אָרט דיינער, ווי מיינער, וואָס האָט ניט ניט קיין אויבען און ניט קיין אונטען?

זעהסט דו די זונן, פענסי?

אָדער, פענסי, ביסט־דו די זונן?

ביסט דו דער מיטעלפונקט פֿון דער ערד, וואָס ציהט אַלעס צו צו זיך?

דאַן, פֿ ע נ ס י, דאַן איז יעדער טראָפּען רעגען אַ שליחות צו דיר! דאַן איז יעדער בליץ־שטראַהל, וואָס פֿאַלט אַראָב אויף דער ערד, אַ ליעבעס־בריעף צו דיר, צו דיר!

יאָ, יאָ, איך וואַרף אַראָב אָט דעם בריעף אויף דער גאַס, און דער, וואָס געהט פֿערביי, זאָל מיינען, ער קען איהם אויפֿכאַפּען, אַזוי ווי ער גיט אַ קופּער־שטיק פֿאַר אַ זייטעל... אָבער זאָל ער זיין גענאַרט ביי זיך: דער בליץ וועט עס ניט דערלאָזען!

שרייב מיר, צי איז ער דיר ריכטיג אָנגעקומען. און שיק מיר אַ לאָק פֿון דיינע האָר, פֿ ע נ ס י... אויב דו האָסט האָר, ווי אַנדערע... וואָס איך האָף ניט!

צו טינע׳ן.

ליעבע, בעסטע טינע, מיין טינע! איך בין פֿערליעבט און איך אייל זיך עס דיר צו זאָגען. איך ווייס אפילו ניט, וואו זי וואוינט, נאָר מיין בריעף וועט ריכטיג אָנקומען... וואָרים, טינע: איך האָב איהר געשריבען. ניין, אַלע טאָג פֿלייש פֿאַר די קינדער איז ניט נייטיג... די קינדער אין דעם בירגערליכען יתומים הויז זעהען גרויסאַרטיג אויס, כאָטש זיי עסען זעלטען פֿלייש. און זיי האָבען דאָך צום מאָל ניט קיין שטיקעל פֿעלד פֿאַר׳ן הויז, מיט בלומען און קיה דערויף, אַזוי ווי אונזערע קינדער.

אַ אידעע! איך האָף, אַז פֿ ע נ ס י וועט ניט ענטפֿערן. דאַן וועל איך האָבען אַן אונגליקליכע ליעבע, וועלכע איך וועל בעשרייבען פֿאַר אַ שטי־קעל ביפֿשטייק. ה י י נ ע האָט דאָס אויך געטהאָן. ער האָט געלעבט אַ קיילעכדיג יאָהר פֿון די האַרץ־ליידען, וועלכע האָבען איהם געטויט.

איך האָף, אַז זי וועט ניט ענטפֿערן. לאָז דיך גריסען, טינע!

פֿון פֿענסי׳ן.

יאָ, האָר האָב איך גראָד, נאָר וואַיינען וואוין איך... ניין, איך וואוין ניט. מיינע עלטערן וואוינען, און איך בין ביי זיי. אין דער צוקונפֿט זיי

מוחל און לייג אַרויף אַ מאַרקע אויף דיינע בריעף. איך בין צייטענווייז שוואַך אויף דער קאַסע, און דו קענסט זיך פאָרשטעלען, אַז אונזער ביור־דזשעט בעוויליגט ניט קיין פאָסט-געלד פאַר ליעבעס-בריעף. זיי האָבען איבערהויפט ניט געוואָלט, איך זאָל קריגען בריעף פון אַ פערהייראַטען מאַן. די גאַנצע וועלט ווייס, אַז דו ביסט פערהייראַט. אויך זאָגט מען, אַז דו האָסט נאָך אַן אנדער פרוי — אין אמעריקאַ, גלויב איך — וועמען דו שלאָגסט אַלע טאָג. איז דאָס אַזוי? יעדער איינער זאָגט עס. יעדער איינער איז בייז אויף דיר. יעדער איינער האַלט דיך פאַר אַ מיזעראַבלען בחור. נאָר איך האָב דיך זעהר ליעב, און ווען „יעדער" טהוט אַלעס מעגליכע דיך צו בעשמוצען, דיינק איך כסדר וועגען דעם יעגער פון טאַלענס:

„ווי אויסגעלאַכט און נאָך מיט שמאַך בעגאָסען,
כ'וואָלט איהם גערן דאָך צום האַרץ געשלאָסען!"

אַט דעם יעגער געפינט „יעדער" פאַר ליעב. נאָר דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס דאָס מעשה'לע שטעהט בלויז אין אַ בוך. איך גלויב ניט, אַז „יעדער" וואָלט אַזוי צופרידען געווען, ווען „יעדער" וואָלט פאַר זיין קיך ערוואַרט אַ פאַלקע פון דעם ניט-געשאָסענעם הירש. אָה, אַט דער „יעדער"!

איך מיין, אַז „יעדער" וואָלט אויך דיך געפונען פאַר ליעב, ווען דו וואָלסט אויך עקזיסטירט בלויז אין אַ בוך און ווען מען וואָלט דיר נאָך דערצו געקענט נאָכזאָגען דעם גרויסען שבח, אַז דו ביסט טויט! אַצונד איז דאָס אַביסעל שווערליך, דאָס פערשטעהסט דו דאָך מן הסתם!

איך נעהם שטונדען אין שפּראַך-לעהרע און פאָטערלענדישער גע־שיכטע. די ערשטע לערענט מיך גאָר קיין נייעס ניט, אָבער פון דער צווייטער זעה איך, אַז מען נעהמט זיך איבעראַל אָן פאַר די צוויי דע וויטע'ס, וועלכע זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. דאָס קאָסט גאָרנישט. אָבער ווען זיי וואָלטען נאָך געלעבט, דאַן וואָלטען זיך די הענד אַביסעל בעסער געמוזט ריהרען, און דאָס איז אונבעקוועם! דערום געפין איך, אַז דו האָסט בלויז איין פּלאַן: אָבוואַרטען ביז נאָך דיין טויט. נאָר איך וועל דיך פונדעסט־וועגען ליעב האָבען פאַר אַט דער צייט, וואָס פאַר שטיינער זיי זאָלען מיר ניט לייגען אויף'ן וועג. זאָג מיר, וואָס דו האָסט נאָך צו טהאָן נאָך דיין טויט, און צי קען איך דאָס טהאָן פאַר דיר. איך האָב זעהר שטאַרק חשק דערצו.

זאָג, האַמלעט, מוז איך אַריינגעהן אין אַ קלויסטער, ווי אָפעליאַ? זאָל איך ווערן אַ לעהרערין, כדי צו געבען שטונדען אין שפּראַך-לעהרע?

קען איך דערענדיגען דאָס, וואָס דו האָסט געלאָזט ניט־געענדיגט? וואָס קען איך טהאָן פֿאַר דיר?

איך האָב אַ גוטע האַנד־שריפֿט, דאָס זעהסט דו. אויך קען איך פֿעכטען און שווימען, אָבער דערצו מאַכט זיך זעלטען אַ געלעגענהייט.

איך האָב ווייניג און ווייס ווייניג. נאָר וואָס איך בין, קען אָדער בעזיץ, דאָס גיב איך דיר. פֿיעל איז עס ניט...

יאָ, דאָך, איך האָב גייסט, האַרץ און ווילען... קען דיר וואָס צוגיץ קומען דערפֿון?

P. S. אין איילעניש, וואָרים מיר וואַשען הײנט וועש. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ נוצען עס האָט, מיט אַזאַ כעס צו ציהען די ליילאַכער פֿון די בעטען, וועלכע זיינען, דוכט זיך, לאַנג גענוג. „אויסציהען" רופֿען זיי דאָס. ווען מען וואָלט זיי לכתחילה געמאַכט אַ האַלבען פֿינגער לייגנער אין ברייטער, וואָלט מען פֿערשפּאָרט זיי אויסציהען, און איך וואָלט געקענט דיינקען אין צייט. אַזוי ווי מיר ריידען גראַד וועגען אויסציהען: „לע דעזעס־פּואַר" (די פֿערצווייפֿלונג) פֿון לאַמאַרטין איז צו לאַנג און... צו שעהן. ס'איז די „פֿערצווייפֿלונג" פֿון אַ פֿערזען־מאַכער, אַ פֿערצווייפֿלונג אין קרינאָלינע. פֿערצווייפֿלונג מוז זיין אַ פּונקט, ניט קיין ליניע מיט געדרעהטע פֿערציערונגען, ניט אמת? אַ האָר־לאָק קען איך איצט ניט שיקען. אַלע מיינע האָר זיינען געצעהלט. וואַרט ביז די פֿולע לבנה וועט אַרויס, דאַן וועלען זיי בעשניטען ווערן. פֿאַרוואָס פֿערלאַנגסט דו אַ לאָק פֿון מיינע האָר? ווייסט דו... אַך, מען רופֿט!

צו פּענסי'ן.

פּענסי, איך ברעך אָב מיט דיר! מוז איך וואַרטען, ביז מען וועט דיר אָבשערען די האָר? מוז איך אָבטרעטען פֿאַר די ליילאַכער פֿון די בעטען?

איך קאָנקורירע ניט מיט דיין הויז־אַרבייט. דו ביסט ניט ווערטה, איך זאָל גאָר דיין נאָמען דערמאָנען.

זייער איין קרויט, הייראַט, קעהר אוים די שטוב, קלאַפּ אוים די טאַפּעטען!

קיינמאָל וועל איך מעהר דיין נאָמען ניט אויסריידען אָדער שרייבען...

אָה, פ ע נ ס י, פ ע נ ס י, מיין פ ע נ ס י...

זיי פערפלוכט!

צו טינע׳ן.

מיין האַרץ איז שטאַרק פערוואונדעט, און ווי אימער קום איך צו דיר מיט מיין נויט. זי איז אַ מיידעל. זי וואוינט אין אַ הויז, און ציהט אוים ליילאַכער. און זי האָט האָר, וועלכע זיינען געצעהלט!

געוויס טראָגט זי אויך שטיוועל. זאָל מיך גאָט אָבהיטען... פּילייכט האָט זי אויך היהנער־אויגען!

איך האָב געריינקט וועגען איהר און האָב זיך געריכט אויף אַן ערד־ציטערניש, וואָס זאָל מיר ברייגגען איהר בריעף. דאָס ערד־ציטערניש איז געווען אַ ווינקעל־שטעהער, וועלכער האָט פערלאַנגט אַ ניקעל. איך בין שטאַרק פעראומערט.

דו פערשטעהסט דאָך, אַז אַצונד איז אַלעס אוים, אָבער טאַקע אוים! דאָס קען שוין ניט געענדערט ווערן. פּרואוו זיך גאָר ניט, מאַכען שלום צווישען אונז. ס׳איז אונמעגליך. איך וויל ניט, זאָגאַר ווען דו זאָלסט עס וועלען.

איך האָב געוויינט דעריבער, נאָר אַצונד וויין איך שוין מעהר ניט.

אָה, דער אָרעמער היינע! ווי טייער דאָס פלייש איז דאָס אַביסעל געווען!

זיי רוהיג, טינע, אונזערע קינדער וועלען קריגען רויטע באַקען, אַזוי ווי די צוויי־פאַרביגע יתומים ביי אונז. נאָר איצט, אויף דער רגע קען איך גאָרנישט טהאָן. אויף דער רגע ניט! אַפריהער מוז איך נאָך אַביסעל אַרומבּוּשעווען.

נעכטען ביינאַכט בין איך אַריין אין אַ הויז, וואו מען האָט געשפּיעלט מוזיק. אָבער ס׳איז שוין געווען שפּעט. דער לעצטער טאָן איז אָבגעשטאָר־בען, בשעת איך בין אַריינגעקומען. פאַר וועמען מען האָט געשפּיעלט ווייס איך ניט: ס׳איז קיינער ניט געווען אין זאַאַל. איך בין געווען פּ. פּ. פּוב־ליקום... קענסט זיך פאָרשטעלען, ווי דער פּנים האָט מיר געפלאַמט פאַר חרפּה.

ס'האָט מיר אַזוי װעה געטהאָן אויף'ן האַרצען, אַז איך האָב זיך געניימיגט אין מוזיק. איך האָב געפֿרעגט, צי מען וויל וואָס זינגען אָדער שפּיעלען פֿאַר מיר אַליין. ס'איז פֿאַר אַ קראַנקען, האָב איך געזאָגט.

מען האָט צוריק אַרויסגענומען די פּירעל פֿון קאַסטען. די מיידלאַך האָבען איבער אַ נייעס אָנגעטהאָן זייערע פֿאַלשע רינגען מיט די גלעזערנע דיאַמאַנטען און זייער שמייכעל, וואָס זיי האָבען אויסגעטהאָן, ווייל ס'איז קיין פּובליקום ניט געוועזן.

— ווינשט... מיין הערר עפּעס בעזונדערעס? — האָט אַ פֿרעג געטהאָן איינער, וואָס האָט אויסגעזעהן דאָרט צו זיין דער וואָרט-פֿיהרער.

ער האָט זיך געקווינקעלט און ניט געוואָלט אַרויסריידען דעם „מ״ין הערר". איך האָב פֿערשטאַנען, וואָס דאָס מיינט.

— „דאָס ליעד פֿון דער טרעהר", — האָב איך געענטפֿערט.

— זעהר גוט, — האָט דער מאַן געזאָגט, זיך פֿערנייגענדיג פֿאַר מיר.

און די מיידלאַך האָבען געזונגען גאָר עפּעס אַנדערש. נאָר זיי האָבען מיר פֿערשפּראָכען זיך אויסצולערנען דאָס טרעהרען-ליעד און אויך דאָס ליעד פֿון די צוויי נאַכטיגאַלען, וואָס איך האָב אַזוי ליעב צו הערען.

נאָר בעצאָהלען האָב איך ניט געקענט און איך האָב ערקלעהרט, אַז איך האָב קיין געלד ניט.

— אָבער... מיין הערר, כ'האָב געמיינט, איהר זייט אַ פּרינץ.

— דאָס בין איך טאַקע... נאַטירליך פֿאַר דעם מאָמענט אָהן אַ טראָהן, איך בין: פּרינץ אין אויסערגעוועהנליכען דיענסט...

— צי איז דאָס ניט אַקאָרשט דער קעניג פֿון נעאַפּעל? — האָבען געשעפּטשעט די מיידלאַך, וועלכע האָבען געזונגען.

איך האָב געגעבען אַן אָנווייזונג אויף די שטאַאַטס-קאַסע פֿון אינסולינדע.

דאַן בין איך אַוועק אַהיים און האָב זיך פֿערטיעפֿט אין פֿאָלגענדען פּראָבלעם:

„וואָס פֿאַר אַ וואַהרשיינליכקייט איז דאָ, אַז אַ געוואָרפֿענער באַל וועט טרעפֿען אַ בעשטימטען פּונקט אויף אַ וואַנד, וועלכע..."

אָה, אָט די וואַהרשיינליכקייט! וואָלסט דו עס געהאַלטען פֿאַר וואַהרשיינליך, אַז זי איז אַ מיידעל? דאָס וואָלט דאָך געקענט בערעכענען אונזער לאָבאַטאָ, וועלכער איז אַ מאַטהעמאַטיקער! איך וועל איהם אויפֿגעבען אַ פּראָבלעם:

„אַנגענומען עטוואַס, וואָס מאַכט אויף מיר דעם דאָזיגען איינ־
דרוק; וואָס פֿאַר אַ וואַהרשיינליכקייט איז פֿאַרהאַן, אַז דאָס
דאָזיגע „עטוואָס" ציהט פֿונאַנדער ליילאַבער?"

קענסט דו דאָס אויסרעכענען, בעסטע טינע? קוש מאַקס'ן און
נאָני'ן, און שיק מיר צעהן פֿראַנק, אויב דו האָסט זיי.

P. S. כ'האָב נאָר וואָס ווידער געקריגען אַ בריעף פֿון איהר...
ווידער אַמאָל דורך אַ ווינקעל־שטעהער, וועלכער פֿאָדערט
דעם בעוואוסטען ניקעל. איך וויל ניט לעזען, וואָס זי
שרייבט. זעה, אַז מאַקס זאָל ניט פֿערדרעהען דעם קאָפּ
מיט פּאָעזיע. A איז A... B איז B... דאָס, וואָס איז אי־
בער דעם, בעלאַנגט צום ניט גוטען.

אַך, זי איז אַ מיידעל! פֿון היינט אָן וועל איך דיך
אַליין ליעב האָבען, אויב עס איז דיר ניט צו אונבעקוועם.

איך שיק דיר צו איהר בריעף, ניט געעפֿענט. לייען
איהם דורך, אויב דו ווילסט, נאָר זאָג מיר גאָרנישט דער־
פֿון. ס'איז אויס, אַבסאָלוט אויס!

פֿון טינע'ן.

דאָ געפֿינסט דו צעהן פֿראַנק און פֿענסי'ס בריעף, וועלכען איך
האָב דורכגעלעזען.

געה צו איהר און בעט פֿערציידונג. דאָס מוזט דו טהאָן, דאָס
ווע סט דו טהאָן. דו קענסט ניט לעבען אָהן פֿענסי'ן. זי צוריקווייזען
איז זעלבסטמאָרד, מאַקס!

איך איל זיך צוליעב די צעהן פֿראַנק. גיב זיי די מיידלאַך, וועלכע
האָבען פֿאַר דיר געזונגען, און די אָנווייזונג אויף אינסולינדע לאָז זיי
איבער אַלס צוגאָב.

אָה, דע פען איז גערעכט געווען... "c'est un emploi assez
difficile que d'être la femme d'un poète!" ס'איז אַ גאַנץ שווערע עובדא
צו זיין די פֿרוי פֿון אַ דיכטער!

וואָרים דו ביסט דאָך אַ דיכטער, מאַקס, ווילסט דו עס ניט אָנער־
קענען! נו, נו, איך בעקלאָג זיך ניט און איך וועל עס קיינעם ניט זאָגען.

ווען קומסט דו אַקאָרשט ווידער אַהער, כדי מיך צו שלאָגען? נאָר פּ ע נ ס י איז בילבער, דאָס גיב איך צו. אָהן מיר וואָלסט דו געקענט לעבען, אָהן איהר... ק י י נ מ אָ ל נ י ט!

לאָז דיך גריסען, ליעבער, נאַרישער, שלעכטער דיכטער דו!

פּון פּענסי׳ן.

מאַקס, איך האָב דיך ליעב! דיין בריעף האָט מיך טיעף פּערוואונ־דעט, דאָך וויל איך זיין דיינע... אין גאַנצען דיינע!

אַז איך האָב געלייענט דיין געשיכטע — אָה, אַצונד וויים איך, אַז עס איז נור געווען אַ קליינער טהייל פּון דיין געשיכטע — האָט מיין האַרץ געציטערט אין מיר, און איך האָב פּערשאָלטען דעם גורל, וואָס האָט מיך פּעראורטהיילט צו צוואַנציג יאָהר מיידעל און לעבענסלענגליך אונטער דער אויפּזיכט פּון אַ מאַן!

וואָרים איך ב י ן אַ מיידעל!

און אויב איך בעדויער דאָס, איז עס ניט ווי ביי דיר, וואָס דו ווילסט מיך מאַכען פּאַר אַ אידעאַל, ניין, איך וואָלט געוואָלט זיין אַ מ אַ ן, כדי צו קענען האַנדלען, כדי צו קענען אַרויסטרעטען אַלס דיין דרייסטער מיטקעמפּפּער. איך פּרעג, ווי אַזוי אָט די מענער קענען זיך דאָס אַלעס אָנאייגנען, אַלעס נעהמען פּאַר זיך? ווי זיי קענען זיך דאָס מאַכען געזעצען צו זייער נוצען? פּאַרוואָס זיי רופּען זיך די קעפּ פּון׳ם מענשליכען געשלעכט? און פּאַרוואָס זיי גנב׳ענען זיך אַרוים ווי פּייגלינגע, אַזוי גיך ווי ס׳איז נור פּאַרהאַן צו טהאָן עטוואָס, וואָס מען איז געוואוינט — שוין ווידער אונרעכט! — צו רופּען „מ ע נ ל י ך”?

תחילת האָט מיך דיין בריעף אַזוי טיעף פּערוואונדעט, אַז איך האָב מורא געהאַט, איך וועל עס ניט אויסהאַלטען. דו ביסט ביטער, דו ביסט שטעכעדיג, דו ביסט אונגערעכט! נאָר איך האָב דיך ליעב, און די ליעבע טראָגט אַריבער אַלצדינג.

ווען דו וועסט זיך ווי עס איז צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז איך שוועב ניט אין דער לופּטען, וועסט דו זיך פּילייכט איבערבעטען מיט די הונדערט פּונט שטאָפּליכקייט, וואָס מאַכט מיך אַזוי נמאס אין דיינע אויגען... און וועלכע זעהען פּונדעסטוועגען אויס אַזוי ליעב און שעהן.

הער אויס. דו פּערלאַנגסט אַ נ ע נ ט פּ ע ר אין דיין בריעף צו פּאַסטאָר פּראַנקען. דאָרט זאָגסט דו:

„קעניג פֿון האָלאַנד, משפּט צווישען אָט די מענ־
שען און מאַקס האַוועלאַאר!“

און:

„האָלענדישע נאַציאָן, שטעה אויף, געה צו איהם
און פֿרעג: איז עס אמת, אָה קעניג, אַז אָט די זאַ־
כען געשעהן אין דיין רייך, אין דיין פּראַכטפֿו־
לען רייך אינסולינדע?“

ס׳איז קיינער ניט אויפֿגעשטאַנען דאָס צו פֿרעגען דעם קעניג.
נאַטירליך, דער יונגער, נייער דור איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען.
און דער קעניג האָט ניט גע׳משפּט...

נו גוט, איך וועל אויפֿשטעהן, איך וועל משפּט׳ן! איך, פֿענסי!
וואָרים איך האָב דיך ליעב, דיך און דיין אידעאַל.

אומזיסט האָסט דו זיך געווענדעט צו שטאַאַטס־מענער און קעניגע,
אומזיסט צו קריסטען און מענשליכקייט. קעניגע האָבען צו טהאָן מיט
דער ספּראַנטשקע פֿון די בויך־גאַרטלען, וואָס זייערע אָפֿיצירען טראָגען.
קעניגע האָבען ניט קיין צייט דיך אויסצוהערען.

שטאַאַטס־מענער האַנדלען מיט שטימען פֿון פּאַרלאַמענטס־מיטגליע־
דער, און פֿערנעהמען זיך מיט אָבהאַנדלונגען, אין וועלכע זיי „ערלויבען
זיך די פֿרייהייט, זיך צו ערלויבען די אָדער יענע פֿרייהייט“. שטאַאַטס־
מענער האָבען ניט קיין צייט דיך אויסצוהערען.

קריסטען רייסען זיך אַרום איבער דעם גלויבען. קריסטען האָבען ניט
קיין צייט דיך אויסצוהערען.

און די מענשליכקייט! נו אַדרבה, שרייב אַקאָרשט אָן אַ בריעף צו
דער דאָזיגער מענשליכקייט און דו וועסט זעהן, צי וועט ער ריכטיג אָנ־
קומען, ווי דיין בריעף צו מיר מיט דער איינפֿאַכער אויפֿשריפֿט: פֿענסי!
אָה, ניט אימער איז אַ חסרון צו האָבען פֿלייש און ביינער און עקזיס־
טענץ! דו וואָלסט זיך געמעגט ווינשען, די מענשהייט זאָל זיין וועגבאַר
און זאָל האָבען אַן אַדרעס ווי איך!

איך וועל אויפֿשטעהן, איך וועל געהן צום קעניג. איך וועל דיר
ענטפֿערן. איך וועל דיר ביישטעהן. איך וועל זעהן דו זאָלסט זיעגען.

און די קראַפֿט צו דעם אַלעם? וואַרט ביז די פֿולע לבנה וועט
אַרויסגעהן, מאַקס, דאַן וועלען מיינע האָר אַראָבפֿאַלען...

נאָר דערווייל פֿערגיב מיר, וואָס איך בין ניט מעהר ווי אַ מיידעל,
און לערן מיר דאָס איינע און דאָס אַנדערע, יעדענפֿאַלס, אויב עס איז נור

אמת, אַז דו ווייסט מעהר פֿון מיר. איך ווייס זעהר ווייניג, און דאָס איז נאַטירליך... פֿון די אַלע בעט־לייַלאַבער.

איז דאָס אמת, אַז זאָקען־מאַכען איז אויסגעפֿונען געוואָרען פֿון דער ליעבע? האָסט דו מיך ניט ליעב געגוג, אויסצוטראַכטען אַ מאַשין, וואָס זאָל „פֿיהרען בעל־הבית׳ישקייט"?

אַך, מיין מוטער איז טויט! ס׳איז ניטאָ קיין פּאָעזיע ביי אונז אין הויז. אַלעס איז אָבגעשמאַקט און טרוקען און אָנשטענדיג און לאַנגווייליג. כ׳האָב זעהר ווייניג געלערענט. לערן מיר וואָס עס איז... אָבער ניט קיין שפּראַכען־לעהרע, די קען איך שוין. אַז ס׳וועט נייטיג זיין, וועל איך שטאַרבען פֿאַר דיר, נאָר אָט די געלעגענהייט מאַכט זיך נאָך זעלטענער ווי די צו פֿעכטען און שווימען. גאָט ווייס, ווי לאַנגווייליג עס איז!

איך האָב גייסט, אָבער איך האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טהאָן מיט מיין גייסט. די אַלטע שאַפּע פֿון אייבען־האָלץ האָט אויך ניט געקענט דורכגעהן דורך דער טהיר, בעת מיר האָבען זיך אַריינגעצויגען אַהער. זי שטעהט אַלזאָ די גאַנצע צייט ביים טאַנדעטניק, ביז מיר וועלען האָבען אַ גרעסערע וואוינונג. און מיין האַרץ דאַרף איך איצט ניט האָבען. איך גיב עס דיר, „ביז איך וועל האָבען אַ גרעסערע וואוינונג", אָבער... דערווייל לערן מיר וואָס אויס!

פֿון אַ לאַנגער צייט אָן בעמערק איך, אַז עס זיינען פֿאַרהאַן אַסך זאַכען, וואָס מען זאָגט ניט קיין פֿרויען. כ׳האָב אַ פֿעטער, וועלכער רעדט בסדר פֿון „דער" פֿרוי: „דאָס און דאָס איז ניט גוט פֿאַר דער פֿרוי!" „דאָס געהערט ניט צו דעם געביעט פֿון דער פֿרוי!" „דאָס זאָגט מען ניט דער פֿרוי!"

איז „די" פֿרוי אַ מ ע נ ש, אָדער איז זי נ י ט ק י י ן מענש! דאָס אייביגע „די" שטעכט מיר אין דער נשמה. עס דערמאָנט מיך אָן אַ זאָאָ־לאָגישע אָבהאַנדלונג מכח דער שאַקאַל... איך „לערן" מיין עקזאַמען אַלס הילפֿס־לעהרערין, ווי דו זעהסט.

„דער" שאַקאַל לעבט פֿון דעם אָבפֿאַל „פֿון׳ם" לייב. די „זי" וואַרפֿט אָב...

וואָס אַזאַ „זי" וואַרפֿט אָב, געהט מיך גאָרנישט אָן. נאָר דאָס פֿרעג איך דיך: לעבט „די" פֿרוי פֿון דעם אָבפֿאַל „פֿון׳ם" מאַן?

דערויף מ ו ז ס ט דו מיר ענטפֿערן! איך בעט דיך, לערן מיר וואָס עס איז, איך זאָל ניט דאַרפֿען ווי אַ שאַקאַל נאָכלויפֿען דעם לייב, כדי פֿון די שיריים פֿון זיין מיטאָג צו האָבען וואָס אויף נאַכטמאָהל.

איבעריגענס, האָב געדולד און וואַרט ביז דער פֿולער לבנה. האָסט דו געוואוסט, אַז מיינע האָר... נאַ, מען רופֿט מיך שוין ווידער.

צו פענסי׳ן.

זי שרייבט, איך זאָל זיך איבערבעטען מיט דיר. און וואָלט זי עס אפילו ניט געשריבען, מוז איך עס אויך טהאָן; כ׳קען אַנדערש ניט!

און דאָך בין איך דערשלאָגען. דיר עטוואָס לערנען? איך זאָל דיר עטוואָס לערנען? אָה, איך הונדערט־פאַכיגער נאַר, וואָס איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט נאָך געווען דאָן, ווען יעהאָוואַ האָט געלייגט די פונדאַמענטען פון דער וועלט! איך, וואָס איך האָב געגלויבט, אַז דו ווייסט, ווי די ריכטיגע מאָס פון דער ערד איז אָבגעמאָסטען געוואָרען מיט אַ שנירעל, און ווי ס׳האָט געקלונגען די מעלאָדיע פון׳ם ליעד, וואָס די שטערען האָבען יובעלענדיג געזונגען דעם טאָג, נאָכדעם ווי זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען!

איך, וואָס איך האָב געדיינקט, אַז דו האָסט צו שאַפען איבער דער נאַכט און דער מאָרגען־שטונדע ווייזסט דו אָן איהר פּלאַץ!

ביסט דו עס דען ניט, וואָס דו גיסט דעם פערד די קראַפט, און פיהרסט מיט דיינע פינגער דעם „בהמות“*), דאָס ריעזיגע, געוואַלטיגע טהיער? ווייסט דו ניט, ווי די שטראַהלען פון׳ם ליכט טהיילען זיך פו־נאַנדער, און קענסט דו ניט אויסרעכענען די צאָהל פון די הימעלס־קערפער, וועלכע טאַנצען אַרום אין שטורם־ווינד? לייגסט דו ניט צוזאַמען די בליצען ווי שטרוי, און האָסט דו ניט צו שאַפען איבער די וועטער־ליכט, אַזוי אַז זיי פערזאַמלען זיך צו דיינע פיס, איינגעבויגען אין דרייען, זאָגענדיג: אָט זיינען מיר?

אָבער, פענסי, איך האָב דיך פאָרט ליעב... פאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי ליעב, פענסי? איך, וואָס איך בין ניט צופריעדען מיט וויניגער ווי דאָס אַלעס?

דיר עפּעס לערנען? וואָס זאָל איך דיר לערנען? איך ווייס גאָרנישט.

איך בין געגאַנגען צו מיין פריינד, וואָס האַנדעלט מיט חכמה. „זי וויל עפּעס לערנען,“ האָב איך מיט אַן אומעטיגען טאָן געזאָגט. „אַנט־לייה מיר וואָס עס איז פון דיין זאַפּאַס.“ ער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין דעם אינעווייניגסטען טהייל פון זיין הויז און האָט מיר געוויזען די אוצרות פון קענטעניש, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמעלט. כ׳האָב דאָרט

---

*) דאָס וואָרט „בהמות“, בעצייכנענדיג אַ ריעזיגע חיה, ווערט דערמאָנט אין איוב (מ׳ ט״ו): „הנה נא בהמות אשר עשיתי עמך“. אַ טהייל ווילען האָבען, אַז דאָס איז דער היפּאָפּאָטאַמוס אָדער וואַסער־פערד. יהואש איבערזעצט עס ווירקליך אַזוי. (בעמערקונג פון׳ם איבערזעצער.)

געזעהן אַסך שוואַרצע אותיות, געדיכט אָנגעשטעלט אויף ווייס פּאַפּיר, וואָס איז געווען געל. כ׳האָב דאָרט געהערט די געשפּרעכען פון די קלוגע לייט פון אַלע יאָהרהונדערטע, און בין ניט קליגער געוואָרען, ווי זיי אַלע זיינען כלומר׳שט געווען, וואָרים דאָס רוב פון זיי האָבען זיך מודה געווען, אַז זיי ווייסען גאָרנישט, ווי איך. און די, וואָס האָבען זיך ניט מודה געווען, האָבען אויסגעזעהן נאַרישער איידער די אַנדערע.

דאָרט איז געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען אין דיקע ביכער געמאַכט אַ גאָט... אַ גאָט אין העברעאיש און גריכיש... אַ גאָט... הער זיך גוט צו, איך וועל עס דיר דערצעהלען.

נאָר פּ ע נ ס י, איך טהו דאָס ניט, אום דיר צו לערנען דאָס, וואָס א י ז, איך טהו עס, כדי דיר — אויב דו ווייסט עס ניט, וואָס איך קען זיך נאָך אַלץ ניט גלויבען — כדי דיר צו לערנען דאָס, וואָס א י ז נ י ט.

אַמאָל איז געוועזען גאָרנישט! „געוועזען" קומט פון וועזען, פון זיין, בעשטעהן. „ס׳איז געוועזען גאָרנישט" בעדייטעט אַלזאָ: ס׳איז געווען עפּעס, וואָס איז ניט געווען.

און גאָט, אָדער ד ע ר גאָט... בעגרייפסט דו דאָס וואָ ר ט? ס׳איז פערוואַנדט מיט „וויסען"! די אַלטע האָבען עס ריכטיג אָנגערופען! אַזוי זיינען פּאַרהאַן נאָך מעהר זאַכען, וואָס האָבען זיך אויסגעלאָזט פער־קעהרט ווי מען האָט געהאַט די אַבזיכט זיי זאָלען זיין, און דאָס איז מייסטענס די שולד פון די פּאַסטאָרען — פון די אינדישע, עגיפּטישע, אידישע, האַלב און גאַנץ מאָדערנע פּאַסטאָרען — וועלכע פערשטעהען זעלטען די דיכטער.

אָט דער גאָט האָט אַלזאָ בעשאַפען אַ זאַמד־קערענדעל מיט עטליכע סאָרטען חיות דערויף, אַביסעל גרעסער ווי די חיה׳לאַך אויף די שטויב־קערפּערלאַך, וועלכע מיר וועלען אָבשלאָגען פון די שיך, ווען מיר וועלען אַרומוואַנדלען צוזאַמען.

ווען וועל איך מיט דיר אַרומוואַנדלען, פּ ע נ ס י?

צווישען אָט די חיות איז געווען פיעל פערשיעדענהייט. דאָרט זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געהאַט עקען און געגעסען גראָז. אַנדערע האָבען גערעדט לשון הרע און ליעב געהאַט נור זיך אַליין. עטליכע האָבען געדאַרפט אַסך לופט, אייניגע וואַסער. איינצעלנע רויה פליישׁ. און אַנדערע ווידער האָבען ניט געקענט לעבען אָהן הערשאַפט. אָט די לעצטע האָבען אַליין געזאָגט — אין דעם גראָבען בוך, וואָס איך וועל דיר צושיקען — אַז זיי זיינען די בעלי בתים, די שאַלטער און וואַלטער

איבער אַלצדינג, וואָס עקזיסטירט. פֿאַר זיי צו געניסען עקזיסטירט דער פֿיש, דער פֿויגעל, דער לייב, די היישריקען, אַלעס!

נאָר ניט נור די איבעריגע מינים חיות אַליין האָבען געמוזט זיין אונטערטהעניג די טהיערע, וועלכע האָבען געמאַכט דאָס גראָבע בוך, אויך די אַנדערע זאַמד-קערנער — וואָרים עס זיינען געוועזען נאָך אַנדערע, און צווישען זיי אַסך, וואָס זיינען אייגענטליך געוועזען גרעסער און וויכטיגער — האָבען בלויז געדיענט דערצו צו דערפֿרעהען דאָס דאָזיגע קליינטשינקע קערענדעל. וואָס זיי האָבען אויך געטהאָן, זיך אַרומדרעהענדיג אַרום איהם.

כ'האָב געקענט אַ מויז, פֿ ע נ ס י, וואָס האָט געוואוינט אין אַן עדאַמער קעז. איך האָב דער קליינער מיאוס'ער בריאה אויף קיין פֿאַל ניט געקענט אַרויסשלאָגען פֿון קאָפּ, אַז דער גאַנצער קעז-מאַגאַזין איז אויפֿגעשטעלט געוואָרען, בלויז אום איהר צו פֿערשאַפֿען אַ בעקוועמע וואוינונג.

די חיות, וועלכע האָבען געשפּיעלט די בעלי בתים איבער דעם זאַמד-קערענדעל, האָבען זיך גערופֿען „מענשען", אַ וואָרט, וואָס בעדייטעט געוויס עטוואָס שעהנעס, אָבער וואָס די בעדייטונג דערפֿון איז יעדענפֿאַלס פֿערלאָרען געגאַנגען. איך וועל אויפֿזוכען דעם וואָרצעל און דיר דערצעהלען, וואָס איך וועל געפֿינען דערפֿון. דאָס ווייס איך שוין אַצונד, ס'איז אַן אינדישעס וואָרט. וויטערעס איבער דעם וועל איך נאָכפֿאָרשען ביי מיין פֿריינד, דעם בוך-פֿערקויפֿער. *)

„מענשען" אַלזאָ! גלייך וועל איך דיר ערקלעהרען, ווי אויך צווישען זיי האָט געהערשט פֿיעל אונטערשיעד, דאָס הייסט אַן אונטערשיעד אין מאַכט און אויטאָריטעט. אָט דער ענין איז מיר זעהר צום האַרצען.

נאָר אַפֿריהער וויל איך דיר מיטטהיילען, וואָס מען האָט געמאַכט פֿון דעם גאָט. אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי גאָט האָט בעשאַפֿען דעם „מענשען", האָט ער איהם אונטערגעשטעלט אַ פֿאַסטקע און איהם אַריינגענאַרט דערין, און כדי דעם „מענשען" צו שטראָפֿען פֿאַר ז י י ן — ס'הייסט: פֿאַר ג אָ ט 'ס — כיטרעקייט, האָט ער איהם פֿעראורטהיילט צו אַלערליי זאַכען, וועלכע זיינען טהיילוויז נ י ט געשעהן, און וועלכע וואָלטען טהיילוויז דאָך געשעהן, זאָגאַר ווען דער מענש וואָלט ניט אַריינגעפֿאַלען אין דעם נעץ, וואָס דער גאָט האָט פֿאַר איהם אַוועקגע-

---

*) „מענשען" קומט פֿון דעם סאַנסקריט-וואָרצעל „מאַן" — דיינקען (אין לאַטיין: „מענס" — פֿערשטאַנד, גייסט).

לייגט. די שטראָף האָט געזאָלט גערויערן „אייביג", דאָס וויל זאָגען, אַז זי קען אַמאָל אויפהערען, און טאַקע אַזוי גיך ווי עס קומט נור אימיצער, וואָס נעהמט די שולד אויף זיך. פיער טויזענד יאָהר האָט דער פערברעכער, וואָס האָט זיך פערשולדיגט דורך דעם גאָט'ס רשעות — פיער טויזענד יאָהר האָט ער אומזיסט געוואַרט אויף די פערשפּראָכענע ערלייזונג. ווען איך זאָג, אַז ער האָט געוואַרט, איז דאָס שוין ווידער ניט ריכטיג גערעדט, נאָר ס'איז זעהר שווער זיך ריכטיג אויסצודריקען, ווען מען דערצעהלט ניט ריכטיגע זאַכען. דער פערברעכער האָט אייגענטליך גאָר ניט געוואַרט, וואָרים ער איז אין אָט די פיער טויזענד יאָהר שוין 100 אָדער 120 מאָל פערדאַמטערהייט געשטאָרבען, און זיין פלאַץ איז פערנומען געוואָרען דורך אַנדערע, וועלכע זיינען ווידער פערדאַמטערהייט געשטאָרבען, ענדליך האָט גאָט געשיקט אַ פּערזאָן, „וואָס זאָל טראָגען די זינד פון דער וועלט". דאָ איז מיט אַמאָל אַלצדינג גוט געוואָרען! די שלאַנגען האָבען געקריגען פליגעל, און אין קינפּעט ליגען איז געוואָרען אַן אמת'ער תענוג. אויך האָט מען אויפגעהערט שוויצען. דאָס אַלעס איז זעהר דייטליך, און ווער עס בעגרייפט עס ניט, איז פערדאַמט.

דאָ האָסט דו אַ קורצען בעגריעף מכח דער לעהרע פון דער זעליגקייט.

כ'גיב צו, אַז איך האָב דאָ און דאָרט עפּעס איבערגעהיפּט, ווייל איך געפין עס פאַר ניט אָנשטענדיג צו שרייבען אַלעס צו אַ מיידעל... וואָס דו ביסט דאָך ליידער!

נאָר אויב דו ווילסט דאָס פאָרט אַלעס וויסען — מיידלאַך זיינען שוין אַזוי — דאַן קענסט דו עס איבערלייענען אין דעם גראָבען בוך, וואָס איך שיק דיר, פון וועלכען עס קען פיעל לערנען אימיצער, וואָס וויל וויסען דאָס, וואָס איז ניט וואַהר. טאָמער פערגלוסט זיך דיר ווען ניט ווען צו וויסען די וואַהרהייט, דאַן לייען „בערנשטיין, איבער לופט און וואָלקען", אָדער קויף ווערק פון סטראָאָטמאַן, דע געלדער אָדער וואַן סווינדען, הגם דו מוזסט אויך מיט אָט די הערען זיין פאָרזיכטיג. וואָרים עס איז ניט אמת, אַז אַ גראַדע ליניע איז דער קירצעסטער אָבשטאַנד צווישען צוויי פונקטען, ווי מען האָט מיר געלערענט, בעת איך בין געווען אַ קליין אינגעל און האָב נאָך ניט געטאָרט אַנטקעגען ריידען...

— דאָ שטעהט עס, האָט מען געזאָגט: אויטאָריטעט!

— אַ קינד פרעגט זיך ניט נאָך דער אורזאַך און די גרינדע: אויטאָריטעט!

— אַ קינד פֿאָלגט: אויטאָריטעט!

דערויף וויל איך אַצונד צוריקקומען, און איך האָב דערפֿאַר אין קורצען אָבגע'פטר'ט די „שעפּפונג", דעם „זינדען-פֿאַל", די „פֿערדאַמונג" און די „ערלייזונג", כדי צו געווינען צייט פֿאַר אַ פּאָר געשיכטען מכח דער אויטאָריטעט, וועלכע איך וואָלט דיר וועלען דערצעהלען.

ערשטע געשיכטע פון דער אויטאריטעט.

— ברודער, וואָס דו ביסט גרעסער ווי איך, קענסט דו דערגרייכען דעם מילגרוים, וואָס שמייכעלט אַראָב צו מיר דאָרט צווישען די פֿייער-דיגע בלומען אין גרינעם מיט אָפֿענע ליפּען, ווי אַ רייצענד מיידעל? זעה, ער האָט געפּלאַצט פֿאַר רייפֿקייט, און גליהענדיג רויט איז דער ראַנד פֿון דער וואונד, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאַכט, כדי מיר צו דערקוויקען! דאָס האַרץ געהט מיר אויס נאָך דעם דאָזיגען מילגרוים, ברודער מיינער! דו, וואָס דו ביסט גרעסער איידער איך, שטרעק אויס דיין אָרם און פֿליק איהם אָב, כדי איך זאָל איהם אויפֿעסען.

און דער ברודער האָט אַזוי געטהאָן, כדי דער יונגערער ברודער זאָל קענען עסען.

איין טאָג איז דער עלטערער אַרויס אין פֿעלד און האָט דערזעהן אַ באַרג-ציעג, וואָס איז אַרונטערגעקומען אין טהאָל זוכען איהר ציעגעלע.

— האָסט דו ניט געזעהן מיין ציעגעלע, — האָט זי געפֿרעגט דעם לייב, — דו, וואָס דו וואוינסט אונטען און קענסט בעסער ווי איך די וועגען אויף דעם פֿלאַכען פֿעלד, וואָס זיינען אַזוי ערמיעדענדיג פֿאַר מיר, ווייל מיינע קלויען זיינען געשפּאַלטען?

— לאָז דיין ציעגעלע דיין ציעגעלע זיין... — האָט געזאָגט דער לייב, — און קום אַהער, וועל איך דיך איינשלינגען.

און דער לייב האָט אַזוי געטהאָן.

אָבער דער עלטערער ברודער האָט געפֿרעגט דעם לייב:

— וואָס איז דאָס? פֿאַר וואָס עסט דו עפּעס אויף די ציעג, וועלכע זוכט איהר ציעגעלע?

— דו האָסט געהערט, ווי זי האָט זיך בעקלאָגט איבער די

ניט-צוגעפּאַסטקייט פֿון איהרע קלויען,—האָט געענטפֿערט דער לייב.— האָב איך ניט ריכטיג געטהאָן, וואָס איך האָב זיך אויפֿגעגעסען? זעה מיינע קלויען, וועלכע זיינען „צוגעפּאַסט"! זעה די „צוגעפּאַסטקייט" פֿון מיינע צייהן. דערפֿאַר האָב איך אויפֿגעגעסען די ציעג.

דער יונגער מאַן האָט זיך פֿערטראַכט, און ער האָט בעקוקט זיינע אָרעמס, וועלכע זיינען געווען לאַנג, שטאַרק און געוואַלטיג. ער האָט זיי געפֿונען אַזוי „צוגעפּאַסט"... אַז ער האָט זיך פֿאָרגענומען צו צווינגען זיין יונגערן ברודער, איהם צו דיענען.

און אַז יענער האָט איהם ווידער אַמאָל געבעטען, ער זאָל איהם אָברייסען פֿרוכטען, האָט ער געענטפֿערט:

— זעה מיינע אָרעמס. האָסט דו ניט געזאָגט, אַז דיינע דערגרייכען ניט ביז דעם מילגרוים? דיען מיר, כדי איך זאָל דיך ניט איינשלינגען.

פֿון יענער שעה אָן האָט דער יונגערער ברודער געדיענט דעם עלטערן. אָבער ער האָט זיך ניט געפֿרעהט מיט דער ענטדעקונג, וואָס דער דאָזיגער האָט געהאַט צו פֿערדאַנקען דעם לייב.

און דאָס איז אַלזאָ געבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג.

צווייטע געשיכטע פון דער אויטאָריטעט.

וואָלטער האָט געזאָגט: Si Dieu n'existait pas, il faudrait l'inventer. „ווען גאָט וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט מען איהם געדאַרפֿט אויסטראַכטען". פֿערשטעהט זיך! יעדע מאַכט איז פֿון גאָט. ווער עס וויל מאַכט, וויל גאָט. ווער עס נייטיגט זיך אין מאַכט, אין אויטאָריטעט, דער מאַכט זיך אַ גאָט. דאָס האָבען געטהאָן משה, קאָנפֿוציוס, זאַראַטהוסטראַ, נומאַ, קאָלומבוס, קאָרטעס. דאָס האָבען געטהאָן אַלע פֿאָלקס-פֿיהרער, צוקונפֿט-זאָגער, מכשפים, פּריסטער. דאָס טהוט נאָך היינט-צו-טאָג יעדער איינער, וואָס וויל הערשען. די צאָהל פֿון די געטער איז אַזוי גרויס ווי די צאָהל פֿון די בעגעהרען, פֿון די תאוות. ביי יעדען נייעם בעגעהר אַ נייער גאָט.

האַלאָוועי מאַכט געטער פֿון אונבעקאַנטע דאָקטוירים, וועלכע הייסען אייך קויפֿען זיינע פּילען. „אַזוי זאָגט יהוה", זאָגט משה, און „אַזוי דר. דער־אונ־דער", זאָגט האַלאָוועי. זייט געהאָרכזאַם און קויפֿט. און ביידע לייגען צו: „כדי אייער זעעלע זאָל ניט געהן צו גרונד."

אַ דיענסטמיידעל איז אַרוים שפּאַצירען מיט די קינדער פֿון איהר בעל הבית. זי האָט געקריגען אַ בעפֿעהל גוט אַכטונג צו געבען אויף זיי. אָבער די קינדער האָבען ניט געפֿאָלגט און זיינען געלאָפֿען פֿאַראויס, אַזוי אַז איהר אויפֿזיכט איז געווען אומזיסט און איהר זאָרג אַרוים-געוואָרפֿען.

איז זי געפֿאַלען אויף אַ המצאה. פֿון „גאַרנישט" האָט זי בעשאַפֿען אַ שוואַרצען הונד, וואָס האָט געזאָלט בייסען יעדעס קינד, וואָס וועט ניט בלייבען נאָהענט לעבען איהר. און די קינדער האָבען געציטערט פֿאַר אָט דעם הונד, און זיינען געוואָרען זעהר געהאָרכזאַם און געבליבען לעבען איהר. ביי זיך אין האַרצען האָט דאָס דיענסטמיידעל בעטראַכט דעם גאָט, וואָס זי האָט געמאַכט, און זעה, ער איז געווען זעהר גוט.

נאָר די קינדער זיינען געוואָרען פֿערריקט פֿון מורא פֿאַר דעם דאָ-זיגען הונד.

און אַזוי זיינען זיי געבליבען ביז אויף הייגטיגען טאָג.

דריטע געשיכטע פון דער אויטאָריטעט.

אַ רייזענדער איז געווען בעלאָדען מיט גאָלד און זילבער. מורא האָ-בענדיג פֿאַר רויבער, האָט ער זיך פֿערזאָרגט מיט געוועהר. אויך האָבען איהם אויף׳ן וועג בעגלייט זיינע קנעכט אין אַ גרויסער צאָהל, יאָ, זיי זיינען געווען אַסך מעהר, ווי אַלע רויבער פֿון גאַנצען לאַנד צוזאַמענגענומען. ער איז געווען אַזוי גוט בעוואָפֿענט און האָט געהאַט אַזאַ גוטע בעגלייטונג, אַז אַ גאַנצע אַרמעע וואָלט ניט געווען אימשטאַנד אַוועקצונעהמען ביי איהם זיינע אוצרות.

עטליכע רויבער, וועלכע האָבען ניט געוואוסט דערפֿון, זיינען אָנגע-פֿאַלען אויף איהם, נאָר זיי וואָלטען עס זיכער געהאַט צו געדיינקען זייער לעבען לאַנג, ווען זיי וואָלטען ניט אומגעקומען גלייך אויף׳ן שטעל דורך דעם שאַרף פֿון׳ם שווערד.

איין רויבער, וואָס איז קלוג געוואָרען דורך דעם ביישפּיעל פֿון זיינע ברידער, האָט זיך געווענדעט נאָך אַן עצה צו אַ הייליגען איינזידלער, וועלכער האָט געהאַט אַ ידיעה אין אַלע זאַכען, ווייל ער האָט אַ לאַנגע צייט פֿערבראַכט אַליין אין וואַלד מיט צוויי סקעלעטען און אַ קרוג וואַסער

— וואָס מוז איך טהאָן, אָה הייליגער מאַן, אום צו קריגען די אוצרות פֿון דעם דאָזיגען רייזענדען?

— פֿאַרהאַן אַ זעהר איינפֿאַך מיטעל דערצו, האָט דער פֿרומער מאַן געענטפֿערט. פֿערוואָרף איהם דעם שטריק, וואָס איך וועל דיר געבען, ארום האַלז, דאַן וועט ער זיך ניט שטעלען אַנטקעגען דיר. ער וועט הייסען זיינע קנעכט, זיי זאָלען דיר פֿאַלען צו די פֿיס, און וועט דיר געבען, וואָס דו בענעהרסט.

און עס איז געשעהן אַזוי ווי דער הייליגער מאַן האָט געזאָגט. נאָר דער רייזענדער און זיינע לייט האָבען שלעכט אָבגעשניטען דערפֿון.

אָט דער שטריק האָט געהייסען „גלויבען", און ער איז געבליבען ביי זיין מאַכט ביז אויף היינטיגען טאָג.

פערטע געשיכטע פון דער אויטאריטעט.

— אָה פֿאָטער, זאָג מיר, פֿאַרוואָס פֿאַלט די זונן ניט אַרונטער?

דער פֿאָטער האָט זיך געשעהמט, וויil ער האָט ניט געוואוסט, פֿאַרוואָס די זונן פֿאַלט ניט אַרונטער, און ער האָט בעשטראָפֿט זיין קינד, ווייל ער האָט זיך געשעהמט.

דאָס קינד האָט מורא געהאַט פֿאַר'ן פֿאָטער'ס כעס און האָט שוין מעהר קיינמאָל ניט געפֿרעגט, ניט פֿאַרוואָס די זונן פֿאַלט ניט אַרונטער, ניט קיין אַנדערע זאַכען, וואָס עס האָט פֿונדעסטוועגען אַזוי גערן געוואָלט וויסען.

דאָס דאָזיגע קינד איז קיינמאָל ניט געוואָרען קיין מאַן, הגם עס האָט געלעבט זעקס טויזענד יאָהר... ניין, נאָך פֿיעל לייגער.

עס איז געבליבען דום און תמ'עוואַטע ביז אויף היינטיגען טאָג.

פינפטע געשיכטע פון דער אויטאריטעט.

— וואוהין, אָה פ י ל א י נ א ס? — האָט ה י ד א ר געפֿרעגט זיין חבר, וועמען ער האָט בעגעגענט אין די גאַסען פֿון אַטהען.

— איך לויף טרינקען די דריי מאָס שלעכטען וויין, וועלכע וואַרטען אויף מיר ביי דער העסליכסטער פֿון מיינע דריי מעטרעסען, — האָט פֿילאָינאָס געענטפֿערט, פֿאַלענדיג פֿון די פֿיס.

וואָרים ער איז שוין געווען שכור.

— קום מיט מיר, כ'האָב מורא, דו האָסט שוין גענוג וויין, און מעט-רעסען צופּיעל.

— דריי, הידאָר, דריי! דער מייסטער האָט עס געזאָגט! ד ר י י... האָט ער געזאָגט!

— דער מייסטער האָט ניט גערעדט, ניט פון וויין און ניט פון מעט-רעסען, קום מיט מיר...

— ער האָט געזאָגט: דריי... ד ר י י... דריי!

און פילאָינאָס איז צום דריטען מאָל אַנידערגעפאַלען דעם דאָזיגען אָבענד. נאָר דאָס מאָל איז ער געבליבען ליגען.

און ער איז געבליבען ליגען ביז אויף היינטיגען טאָג.

זעקסטע געשיכטע פון דער אויטאָריטעט.

ביי עלטערן איז צום ערשטען מאָל געבוירען געוואָרען אַ קינד! די מוטער איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד, און אויך דער פאָטער האָט געקוקט דערויף מיט הארציגער ליעבע.

— אָבער זאָג מיר, געניוס, וועט עס אימער בלייבען אַזוי קליין? — האָט געפרעגט די מוטער — און ווייסט דו, — האָט זי צוגעלייגט — איך אַליין בין ניט זיכער, צי איך פערלאַנג עס! גערן וואָלט איך עס ווע-לען זעהן אויפגעוואַקסען אַלס מענש, אָבער דאָך וואָלט געווען אַזאַ שאָד, ווען עס זאָל זיך אַ ז ו י פערענדערן, אַז איך זאָל עס ניט קענען מעהר טראָגען און ערנעהרען מיט מיין ברוסט.

— דיין קינד וועט אויפבליהען און וועט ווערן אַ מענש, — האָט דער געניוס געענטפערט. — עס וועט זיך ניט לאַנג ערנעהרען פון דיר. עס וועט קומען אַ צייט, ווען עס וועט מעהר ניט געטראָגען ווערן אויף דיינע הענד.

— אָה געניוס, — האָט די מוטער אויסגערופען מיט שרעק, — וועט מיין קינד אַוועקגעהן? אַז עס וועט קענען לויפען, וועט עס דאַן אַוועק-געהן פון מיר? וואָס מוז איך טהאָן, אַז מיין קינד זאָל ניט אַוועקגעהן פון מיר, ווען עס וועט קענען געהן?

— האָב ליעב דיין קינד, — האָט דער געניוס געזאָגט, — און עס וועט פון דיר ניט אַוועקגעהן.

אַזוי איז עס געווען. און אַזוי איז עס געבליבען אַ שטיקעל צייט.

אָבער דאָן זיינען געבוירען געוואָרען אַסך קינדער. און פֿאַר אַסך עלטערן איז געוואָרען זעהר שווער, ליעב צו האָבען אַט די אַלע קינדער.

האָט מען אויסגעקלערט אַ געבאָט, וואָס זאָל פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון דער ליעבע, אַזוי ווי אַסך אַנדערע געבאָטען. וואָרים ס׳איז לייכטער צו געבען אַ געבאָט, איידער ליעבע.

„כבד את אביך ואת אמך" — ע ה ר ד יי ן פֿ אָ ט ע ר א ו ן ד יי ן מ ו ט ע ר.

די קינדער האָבען פֿערלאָזען זייערע עלטערן, אַזוי גיך ווי זיי האָבען נור געקענט געהן. האָט מען צום בעפֿעהל צוגעלייגט אַ פֿערשפּרעכען:

„למען יאריכון ימיך" — כ ד י ד ו ז אָ ל ס ט ל אַ נ ג ל ע ב ע ן!

דאָן זיינען עטליכע קינדער געבליבען ביי זייערע עלטערן! נאָר זיי זיינען ניט געבליבען אויף דעם שטיינער, ווי די ערשטע מוטער האָט עס געמיינט, ווען זי האָט ביים געניום געפֿרעגט: „וואָס מוז איך טהאָן, אַז מיין קינד זאָל ניט אַוועגעהן פֿון מיר, אַזוי גיך ווי עס וועט נור אָנהויבען געהן?"

און דאָס איז אַלזאָ געבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג.

זיבעטע געשיכטע פון דער אויטאָריטעט.

"Le premier roi fut un soldat heureux!" — דער ערשטער קעניג איז געווען אַ גליקליכער סאָלדאַט! זאָגט וואָלטער, דאָך ווייס איך ניט, צי ס׳איז אמת.

ס׳איז פּונקט אַזוי שטאַרק מעגליך — יאָ, מעהר נאָך ווי פּונקט אַזוי שטאַרק! — אַז דער ערשטער קעניג איז געווען איינער, וואָס איז בעקאַנט געווען מיט איינזידלער, וועלכע ליפּערן שמריק.

נאָר די פֿאָלגענדע געשיכטע איז וואָהר.—

ק ר אַ ט ע ם איז געווען זעהר שטאַרק. ער פֿלעגט איינוואַרפֿען ווענד פֿון גראָבע בוים-וואָרצלען, מיט דעם גראָבען און מיטעלען פֿינגער, און מיט א י י ן קלאַפּ האָט ער געקענט דערשלאָגען דרייצעהן שונאים. אַז ער פֿלעגט אַ הוסט טהאָן, האָט זיך די לופֿט אָנגעצונדען דורך דער צוזאַמענפּרעסונג, און קוים האָט ער נור געהאָט אין זינען צו מאַכען אַ בעוועגונג, האָט זיך די לבנה אָנגעהויבען שאָקלען.

מחמת אַט די אַלע מעלות איז קראַטעם געוואָרען קעניג. און ער איז געשטאָרבען, נאָכדעם ווי ער איז אַ צייט לאַנג געווען אַ קעניג.

נאָר דער קליינער קראַטעס, זיין זיהנדעל, האָט געהאַט די ענגלישע קראַנקהייט, אָבער דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען פון וועלען זיין קע־ניג נאָך זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַזוי שטאַרק.

ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שטוהל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען טראָהן, און האָט אויסגעשריען:

— איך בין קעניג!

— פאַרוואָס ביסט דו קעניג? — האָט געפרעגט דאָס פאָלק, וואָס איז נאָך געווען דום און האָט נאָך קיין בעגריעף ניט געהאַט, אַז אַ מלוכה קען איבערגעהן בירושה.

— פאַרוואָס? ווייל מיין מוטער האָט געוואוינט אין איין הייזעל מיט דעם אַלטען קראַטעס, וועלכער איז איצט טויט.

איינענטליך האָט ער געזאָגט: פאַלאַץ, אָבער ס'איז געווען אַ הייזעל.

דאָס פאָלק האָט ניט פערשטאַנען די לאָגיק דערפון, און ווען קראַ־טעס דער צווייטער האָט אויסגעשריען: „אַהער קומט!", דאַן איז יעדער אַוועקגעלאָפען. האָט ער אָבער געזאָגט: „געהט!", דאַן איז מען צוגעלאָפען נאָהענט צו איהם. הקיצור, ס'איז מעהר קיין אויטאָריטעט ניט געווען, און קראַטעס נומער 2 איז געווען צו דום, דורכצופיהרען זיין ווילען דורך אַן אַנטקעגענגעזעצטען בעפעהל.

אין דעם אָפּאָזיציאָנס־בלאַט פון יענער צייט האָט מען געקענט לעזען פאָלגענדעס:

„פאַרוואָס, אָה קראַטעס נומער 2, וואָס דו ביסט קרום־פיסיג און דום, פאַרוואָס האָסט דו זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם שטוהל פון דעם מאַן, וואָס האָט פאַר צוואַנציג יאָהרען געוואוינט אין איין הייזעל מיט דער פרוי, וועלכע האָט דיך געבוירען? שטעה אויף און מאַך פלאַץ, און זאָג ניט „געה!" אָדער „קום!", אַזוי ווי דו וואָלסט געווען דער עכטער אַלטער קראַטעס! וואו זיינען די דיקע ווענד פון אייכען־שטאַמען, וואָס דו וואָלסט מיט דיין פינגער אומגעוואָרפען? די לבנה שאָקעלט זיך ניט, און ווען דו זאָלסט אפילו דיינקען וועגען דעם אונטערגאַנג פון'ם גאַנצען וועלט־אַל, דו קענסט קיין פלוי ניט דער'הרג'ענען, און ס'ווערט אין ערגעץ קיין שרפה ניט, ווען דו ניעסט. שטעה אויף און מאַך פלאַץ פאַר אַן אַנדערן, וועלכער קען די אַלע ניצליכע זאַכען!"

אַזוי האָט גערעדט די אָפּאָזיציע.

קראַטעס וואָלט וואַהרשיינליך געמוזט אויפשטעהן פון דעם שטוהל,

וועלכען ער האָט גערופֿען טראָהן, ווען ניט אַן אַלטע אַם, וועלכע האָט גערעדט צום פֿאָלק, אַזוי צו זאָגען:

„הער מיך אויס, אָה פֿאָלק, וואָרים איך בין געווען די אַם פֿון דעם קליינעם קראַטעס, בעת ער איז נאָך געווען קלענער ווי איצט! ווען ער איז געבוירען געוואָרען, האָט זיין פֿאָטער זיך געזאַלבט דעם קאָפּ מיט אייל, און מערקווירדיג! אַ טראָפּען פֿון׳ם אייל איז אַראָבגעפֿאַלען אויף׳ן קאָפּ פֿון דעם ניי־געבוירענעם קינד. ס׳איז אַלזאָ ניט נייטיג, ער זאָל אומוואַרפֿען ווענד, און אויך איז ניט נייטיג, אַז די לבנה זאָל זיך שאָקלען, אויך ניט, אַז ער זאָל אָנמאַכען שרפות מיט זיין הוסטען. איך זאָג דיר...״

נאָר די ריידעוודיגע אַם האָט פֿערשפּאָרט צו ענדיגען. ס׳איז געווען אַזוי לייכט צו ציהען דעם שלום פֿון איהר רעדע, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק — די רעדאַקציע פֿון׳ם אָפּאָזיציאָנס־בלאַט העכער פֿון אַלעמען — האָט ווי איין מאַן אויסגעשריען:

„לעבען זאָל דער געזאַלבטער פֿון גאָט!״

און קראַטעס איז געבליבען זיצען אויף׳ן שטוהל, וואָס ער האָט גערופֿען טראָהן.

און איז ער געבליבען זיצען דערויף ביז אויף היינטיגען טאָג.

אכטע געשיכטע פון דער אויטאריטעט.

טהיגאַטער*) האָט געמעלקט איהר פֿאָטער׳ס קיה, און זי האָט געמעלקט גוט, וואָרים די מילך, וואָס זי האָט געבראַכט אַהיים, האָט געגעבען מעהר פֿוטער איידער די מילך, וואָס איהרע ברידער האָבען אַהיים געבראַכט. איך וועל דיר זאָגען, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, און נעהם עס דיר אַריין אין זינען, פֿענסי, כדי דו זאָלסט עס וויסען... טאָמער געהסט דו אַמאָל אַרויס מעלקען. אָבער איך דערצעהל דאָס דיר ניט, כדי דו זאָלסט קענען מעלקען ווי טהעגאַטער, נאָר אום דיר אָנצואווייזען אויף דעם ביישפּיעל פֿון איהרע ברידער, וועלכע האָבען דורך ניט אַזאַ גוטען מעלקען בעסער געמאַכט. פֿערשטענדיגער יעדענפֿאַלס.

איידער די יונגע פֿערמער קומען אַרויס אויף דער לאָנקע, יאָ, אַ היבשע צייט פֿאַר דעם, שטעהען שוין די קיה ביים גדר און וואַרטען, מען

*) „טהיגאַטער״ הייסט אין גריכיש טאָכטער; אין סאַנסקריט: מעלק־מיידעל.

זאָל זיי בעפרייען פון דעם איבערפלוס, וואָס זיי האָבען אייגענטליך אָנגע־גרייט פאַר זייערע קעלבער. אָבער די מענשען עסען אויף די קעלבער, „ווייל זיי פיהלען זיך צוגעפאַסט דערצו", און דערום איז פאַרהאַן צופיעל מילך אין די אייטערן.

וואָס פאַסירט אַלזאָ, בעת די קיה וואַרטען מיט נאַרישע געזיכטער ביים גדר? אין דער צייט וואָס זיי שטעהען אַזוי שטיל, טרייבט דער לייב־טערער טהייל פון דער מילך אַרויף אויבען די סמעטענע, דאָס פעטע, די פוטער, וואָס בלייבט ליגען אַם וויטסטען פון דעם ברוסט־נאָפּעל.

ווער עס מעלקט אַלזאָ מיט געדולד ביז'ן סאַמע גרונד, דער ברייננט אַהיים פעטע מילך. ווער עס אײלט זיך, לאָזט איבער סמעטענע.

און טהיגאַטער האָט זיך גאָרנישט געאײלט, נאָר איהרע ברי־דער יאָ.

וואָרים זיי, די ברידער, האָבען גע'טענה'ט, אַז זיי האָבען רעכט אויף עפּעס אַנדערש, ווי מעלקען זייער פאָטער'ס קיה. אָבער זי האָט ניט גע־דיינקט וועגען דעם דאָזיגען רעכט.

— מיין פאָטער האָט מיך געלערענט שיסען מיט'ן פייל און בויגען, — האָט געזאָגט איינער פון די ברידער. — איך קען לעבען פון דער יאַגד און וויל אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט און אַרבייטען אויף מיין אייגענער רעכנונג.

— מיך האָט ער געלערנט כאַפּען פיש, — האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— עס וואָלט דאָך געווען דום פון מיר, אייביג צו מעלקען פאַר אַן אַנדערן.

— ער האָט מיר געוויזען, ווי מען מאַכט אַ שיפעל, — האָט זיך אָבגערופען דער דריטער. — איך האָק אוים אַ בוים און געה זיצען דע־רויף, אין וואַסער. איך וויל וויסען, וואָס עס איז דאָ צו זעהן אויף דער אַנדער זייט אָזיערע.

— איך האָב חשק צו וואוינען צוזאַמען מיט דער בלאָנדער גינע*), — האָט ערקלעהרט אַ פערטער, — כדי צו האָבען אַן אייגען הויז, מיט טהיגאַטערס, וואָס זאָלען מעלקען פאַר מיר.

אַזוי האָט יעדער ברודער געהאַט אַ וואונש, אַ בעגעהר, אַ ווילען. און זיי זיינען אַזוי דורכדרונגען געווען פון זייערע נייגונגען, אַז זיי האָבען זיך ניט פערגונען קיין צייט מיטצונעהמען די סמעטענע, וועלכע די קיה האָבען געמוזט בעהאַלטען ביי זיך, אָהן אַ שום נוצען פאַר וועמען עס איז.

אָבער טהיגאַטער האָט געמעלקט ביז אויף'ן לעצטען טראָפּען.

---

*) דאָס איז אויך גריכיש: די פרוי.

— פֿאָטער, — האָבען ענדליך אויסגערופֿען די ברידער, — מיר געהען אוועק פֿון דיר!

— ווער זשע וועט מעלקען? — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט.

— עה, טהיגאַטער, נאַטירליך!

— וואָס וועט אָבער ווערן דערפֿון, ווען אויך זי וועט קריגען לוסט צו פֿאָהרען, כאַפּען פֿיש, געהן אויף דער יאַגד, אָנזעהן אַ וועלט? וואָס וועט ווערן דערפֿון, ווען אויך זי וועט קומען אויף דעם געדאַנק, צו געהן וואוינען צוזאַמען מיט עפּעס אַ ברוינעם אָדער אַ בלאָנדען, כדי זי זאָל האָבען אַן אייגען הויז, מיט אַלצדינג, וואָס געהערט דערצו? אָהן אייך קען איך ווי עס איז אויסקומען, נאָר אָהן איהר ניט... ווייל די מילך, וואָס זי ברייננט אַהיים, איז אַזוי פֿעט.

נאָך אַ קורצער איבערלייגונג, האָבען די זיהן געזאָגט:

— פֿאָטער, לערן איהר גאָרנישט! דאַן וועט זי געטריי ווייטער מעלקען ביז צום ענד פֿון איהר לעבען. וויוז איהר ניט, ווי דער געשפּאַנ־טער בויגען, זיך צונויפֿציהענדיג, שיסט אוועק די פֿייל: דאַן וועט זי ניט האָבען קיין לוסט צו געהן אויף יאַגד. פֿערבאָרג פֿון איהר די אייגענשאַפֿט פֿון די פֿיש, וועלכע שלינגען איין אַ שאַרפֿען האַקען, אויב ער איז נור בעדעקט מיט אַביסעל עסענוואַרג: דאַן וועלען איהר ניט ליגען אין זינען קיין אַנגלען אָדער נעצען. לערן איהר ניט, ווי מען קען אויסהייהלען אַ בוים און אַוועקפֿאָהרען דערמיט אויף דער אַנדער זייט אַזיערע: דאַן וועט זי ניט האָבען קיין פֿערלאַנג נאָך אָט דער אַנדער זייט. און לאָז זי קיינ־מאָל ניט דערגעהן, ווי אַזוי מען קען מיט בלאָנד אָדער ברוין זיך איינשאַ־פֿען אַן אייגען הויז און אַלעס, וואָס געהערט דערצו! זעה, זי זאָל זיך קיינמאָל ניט דערוויסען וועגען דעם אַלעס, אָה פֿאָטער, דאַן וועט זי בליי־בען ביי דיר, און די מילך פֿון דיינע קיה וועט זיין פֿעט! אָבער אונז... לאָז געהן, פֿאָטער, יעדען איינעם נאָך זיין בעגעהר!

אַזוי האָבען גערעדט די זיהן. נאָר דער פֿאָטער — וועלכער איז גע־ווען אַ פֿאָרזיכטיגער מאַן — האָט געענטפֿערט:

— יאָ, אָבער ווער קען מיר פֿערזיכערן, אַז זי וועט אַליין ניט ער־פֿאַהרען דאָס, וואָס איך וועל איהר ניט לערנען? ווי וועט זיין, אַז זי וועט זעהן, ווי די בלויע פֿליעג פֿאָהרט אויף אַ שווימענדען צווייג? ווי, אַז דער געשפּאַנטער פֿאָדים פֿון איהר שפּינערייי לאָזט זיך אָב און דאַן, זיך שנעל צונויפֿציהענדיג, שליידערט ער צופֿעליג אַוועק די שפּול פֿון איהר וועב־שטוהל? ווי, אַז זי וועט ביים ברעג טייך בעמערקען דעם פֿיש, וועלכער יאָגט זיך נאָך דעם וואָרים, נאָר אָנשטאָט איהם צו כאַפּען, פֿערהאַקט ער

זיך אָן דער שאַרפער שאָלאַכץ פון דער וואַסער-פלאַנץ? און ווי וועט ענד-ליך זיין, אַז זי וועט געפינען אַ נעסטעל, וואָס די פייגעלאַך בויען זיך אין מאַנאַט מאַי?

די זיהן האָבען ווידער נאָכגעדיינקט און געזאָגט:

— זי וועט דערפון גאָרנישט לערנען, פאָטער! זי איז צו דום, אום צו שעפען לוסט פון דער וויסענשאַפט. אויך מ י ר וואָלטען גאָרנישט דער-גאַנגען, ווען דו זאָגסט אונז גאָרנישט.

נאָר דער פאָטער האָט געענטפערט:

— ניין, דום איז זי ניט! איך האָב מורא, אַז ז י וועט פ ו ן ז י ך אַ ל י י ן לערנען דאָס, וואָס איהר האָט ניט געלערענט אָהן מיר. דום איז טהיגאַטער ניט!

דאַן האָבען די זיהן ווידער נאָכגעדיינקט — דאָס מאָל טיעפער — און האָבען געזאָגט:

— פאָטער, זאָג איהר: אַז וויסען, בעגרייפען און בעגעהע-רען... איז אַ זינד פאַר אַ מיידעל!

דאָס מאָל איז דער זעהר פאַרזיכטיגער פאָטער געווען צופרידענגע-שטעלט. ער האָט געלאָזט זיינע זיהן געהן כאַפען פיש, זיך יאָגען נאָך חיות, אָנקוקען אַ וועלט... איבעראַל, וואו זיי האָבען נאָר געוואָלט...

נאָר טהיגאַטער'ן האָט ער פערבאָטען צו וויסען, בעגרייפען און בעגעהערען; און אין איהר נאַאיוויטעט האָט זי ווייטער געמעלקט ביז דעם ענד פון איהר לעבען.

און דאָס איז אַלזאָ געבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג.

נייעסטע געשיכטע פון דער אויטאָריטעט.

ה א ס א ן האָט פערקויפט טייטלען אויף די גאַסען פון דמשק. ווען איך זאָג, אַז ער האָט די טייטלען פערקויפט, מיין איך אייגענטליך, אַז ער האָט זיי נ י ט פערקויפט, ווארים זיינע טייטלען זיינען געווען אַזוי קליין, אַז קיינער האָט זיי ניט געוואָלט קויפען.

מיט פערדרוס און קנאה האָט ער געזעהן, ווי יעדער איינער פראָ-טעזשירט דעם רייכען אַ א ו ל ע ד, וועלכער האָט געוואונט לעבען איהם אויף אַ ראָגאָזשע. ווארים זיי פלעגען אין דמשק וואוינען אויף ראָגאָזשעס; דאָס זיינען געווען זעהר הויכע וואוינונגען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין

דאַך איבער זיך. אַאולעד׳ס רייכטהום איז דערום אויך ניט בעשטאַנען אין הייזער, נאָר אין אַ גאָרטען, וואָס איז געווען זעהר פרוכטבאַר, יאָ, אַזוי פרוכטבאַר, אַז די טייטלען, וועלכע זיינען דאָרט געוואַקסען, זיינען געווען אַזוי גרויס ווי דריי געוועהנליכע טייטלען. און דערום האָט ווער ס׳איז נור פערבייגעגאַנגען געקויפט אַאולעד׳ס טייטלען און ניט האַסאַן׳ס.

דאָ איז אַראָבגעקומען אין שטאָדט אַ דערוויש, וואָס האָט געהאַט צופיעל חכמה און צו ווייניג עסען. יעדענפאַלס פלעגט ער אויסטוישען זיין קענטנים אויף שפייז, און מען וועט באַלד זעהן, וואָס פאַר אַ גוטען פראָפיט האַסאַן האָט געמאַכט דורך אָט דעם אויסטויש.

— גיב מיר צו עסען, — האָט דער דערוויש געזאָגט, — דאַן וועל איך טהאָן דאָס, וואָס קיין קאַליף קען פאַר דיר ניט טהאָן. איך וועל צווינגען דאָס פאָלק צו קויפען דיינע טייטלען, דערמיט וואָס איך וועל זיי גרויס מאַכען, יאָ, גרעסער ווי אַאולעד׳ס. ווי גרויס זיינען זיי?

— אוי ווערה, דערוויש, איהר געשיקטער פון אַללאַה — איך קוש אייערע פיס — אַאולעדס טייטלען — זאָל איהם אַללאַה געבען קרעמפ־פען! — זיינען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי געוועהנליכע טייטלען! קומט אַרויף צו מיר אויף דער ראָגאָזשע, לייגט צונויף אייערע פיס, זייט געבענשט און לערענט מיר, ווי אַזוי גרויס צו מאַכען מיינע טייטלען און צווינגען דאָס פאָלק זיי צו קויפען.

האַסאַן האָט אפילו געקענט פרעגען, פאַרוואָס דער דערוויש, וועלכער איז געווען אַזוי פעהיג, האָט ניט געהאַט וואָס צו עסען. נאָר קיין חוזק־מאַכער איז האַסאַן קיינמאָל ניט געווען. ער האָט אַוועקגעשעלט פאַר זיין גאַסט אַן אָבגעקאָכט פעלכעל, אַלעס, וואָס איז איהם איבערגעבליבען פון אַ גע׳גנב׳עטען בעקעל.

דער דערוויש האָט זיך זאַט אָנגעגעסען און געזאָגט:

— דריי מאָל אַזוי גרויס ווי די געוועהנליכע טייטלען זיינען די פרוכ־טען פון דיין שכן... ווי גרויס ווילסט דו זאָלען דיינע זיין, אָה האַסאַן, דער זוהן פון איך ווייס ניט וועמען?

האַסאַן האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און דאַן האָט ער געענטפערט.

— זאָל אייך אַללאַה געבען קינדער און פיה! איך וואָלט געוואונשען, מיינע טייטלען זאָלען זיין דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי זיי קענען דורך אייך געמאַכט ווערן.

— גוט, — האָט דער דערוויש געזאָגט. — אָט האָב איך דאָ אַ פויגעל, וועלכען איך האָב מיטגעבראַכט מיט מיר פון ווייטען מזרח,

זאָג איהם, אַז יעדער טייטעל דיינער איז אַזוי גרויס ווי דריי פֿון דיינע טייטלען.

— איך ווינש אייך פֿרויען און קעמלען, אָה דערוויש — וואָס איהר שמעקט אַזוי אַנגענעהם ווי אַליוען — אָבער וואָס קען עס העלפֿען, ווען איך וועל זאָגען אָט דעם פֿויגעל דאָס, וואָס איז ניט ריכטיג?

— טהו ווי איך הייס דיר, — האָט געענטפֿערט דער קלוגער מאַן.— דערפֿאַר בין איך דאָך אַ דערוויש, דו זאָלסט מיך ניט פֿערשטעהן.

האַסאַן האָט דעם פֿויגעל געוואונשען לאַנגע פֿעדערן, און האָט איהם גערופֿען „ר אָ ק". נאָר דאָס איז ניט געווען קיין פֿויגעל ראָק.*) ס'איז געווען אַ קליינער פֿויגעל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ ראָב, מיט אַ לוזער צונג און מיט שפּרינגענדע טריט. דער דערוויש האָט איהם מיטגענומען פֿון אינדאַלוס**), וואוהין עטליכע סוחרים האָבען איהם אַריבערגעבראַכט פֿון דעם לאַנד, וואו די מענשען זעהען אויס ווי נעגערס, הגם ס'איז ווייט פֿון אַפֿריקאַ. דאָס, וואָס האַסאַן האָט דעם פֿויגעל גערופֿען „ראָק", האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס ער האָט בעמערקט, אַז דער, ביי וועמען מען בעט עפּעס, בלאָזט זיך אָן, ווערט אונגעהייער גרויס. און פּונקט אַזוי פֿערקעהרט. ווער עס דאַרף אָנקומען צו אַן אַנדערן, דער ווערט איינגעשרומפֿען. אַזוי איז געווען דער שטייגער אין דמשק.

האַסאַן איז איינגעשרומפֿען און האָט געזאָגט:

— איך בין דיין שקלאַף, אָה פֿויגעל ראָק! מיין פֿאָטער איז געווען אַ הונד... און יעדער טייטעל מיינער איז אַזוי גרויס ווי דריי פֿון מיינע טייטלען!

— גוט אַזוי, — האָט דער דערוויש געזאָגט. — זאָג איבער דאָסזעלבע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און האָב מורא פֿאַר אַללאַה'ן!

האַסאַן האָט אַזוי געטהאָן. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אַללאַה'ן און האָט כסדר דערצעהלט דעם פֿויגעל, אַז זיינע טייטלען זיינען אונגעהייער גרויס.

און די טוגענד האָט געקריגען איהר לוין. נאָך האָט דער כאַליף ניט געלאָזט צום דריטען מאָל אומברייננגען אַלע פֿרויען פֿון זיין האַרעם... נאָך

---

*) „ר אָ ק" איז אַ ריעזען-פֿויגעל אין דער מזרח-לענדישער מיטהאָלאָגיע. אונזערע ט ו ר ע מ ס אין שאַך-שפּיעל זיינען פֿריהער געווען עלעפֿאַנטען, און נאָך פֿריהער: „ראָקס". דערפֿון שטאַמט דער שאַך-אויסדרוק: „ראָקירען" אָדער „ראָכירען".

**) אינדאַלוס—סומאַטראַ. דער פֿויגעל האָט געמוזט זיין אַ „בעאָ" (ד. ה. אַ נאָכפּלאַפּלער), וועלכער איז געקומען פֿון ניי-גינעאַ.

האָט קיין מוטער קיין צייט ניט געהאַט, ווי געהעריג צוצוגרייטען איהר טאָכטער פאַר'ן מאַרק אין „רום" *)... נאָך איז האַסאַן'ן פון דאָס ניי ניט אריינגעפאַלען קיין איינציג פערבלאָנדזשעט ציגעלע, וואָס זאָל איהם פערטרייבען די צייט און איהם דערהאַלטען ביים לעבען אויף דער ראַגאָזשע,— און זעה נור, דער פויגעל האָט זיך פונאַנדערגעשריען:

— מיין פאָטער איז אַ הונד...

דאָס איז ניט נייטיג געווען, נאָר ער האָט בלויז נאָכגעזאָגט האַסאַן'ס ווערטער.

...מיין פאָטער איז אַ הונד, לאַנגע פעדערן זאָלסט דו האָבען, די טייטלען פון האַסאַן בן...

דעם נאָמען פון האַסאַן'ס פאָטער ווייס איך ניט, און וויבאַלד דער מאַן איז געווען אַ הונד, איז דאָך סיי ווי סיי קיין נפקא מינה ניט.

...ה א ס א ן ' ס ט י י ט ל ע ן ז י י נ ע ן ד ר י י מ א ל א ז ו י ג ר ו י ס ו ו י ז י י ז י י נ ע ן!

נאַטירליך זיינען געווען מענשען אין דמשק, וועלכע האָבען בעסער געוואוסט, און די האָבען פרובירט אָבלייקענען די מעשה. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט. אין דעם פויגעל'ס שטימע איז געלעגען עפּעס, וואָס האָט אַזוי פונאַנדערגעטרייסעלט די לופט, אַז עס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף די שטראַהלען-ברעכונג. די טייטלען זיינען געוואַקסען און געוואַקסען... ביי אַלעמען אין די אויגען!

און דער פויגעל האָט געהאַלטען אין איין שרייען:

— ה א ס א ן ' ס ט י י ט ל ע ן ז י י נ ע ן ד ר י י מ א ל א ז ו י ג ר ו י ס ו ו י ז י י ז י י נ ע ן!

און זיי זיינען געוואַקסען! אויף די קעפּ איז מען געשטאַנען, מען האָט זיך געשטויסען און געשפּאַרט צו פערזוכען די טייטלען.

און אַאולעד איז געוואָרען זעהר מאָגער. נאָר האַסאַן האָט זיך געקויפט ציגען און שעפּעלאַך. און ער האָט זיך אויסגעבויט אַ דאַך איבער זיין ראַגאָזשע. ער איז געוואָרען זעהר עהרליך, און האָט עס געהאַלטען פאַר אַ שאַנדע, ווען איינער, וואָס האָט אַליין ניט געהאַט קיין שעפּעלאַך, האָט אויפגעגעסען איינס פון זיינע. און ער האָט ניט אויפגעהערט מורא צו האָבען פאַר אַללאַה'ן.

אָט די פרומקייט און אָט דעם רייכטהום האָט ער קיין אַנדערן ניט געהאַט צו פערדאַנקען, נאָר דעם קליינעם פויגעל, וואָס האָט כסדר אָהן

*) „רום" — קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אויפֿהער געזאָגט איין און דיזעלבע זאַך, און פֿערוואַנדעלט ליגען אין וואָהר־הייט דורך ווידערהאָלונג. יעדער האָט געפֿונען, אַז האַסאַן׳ס טייטלען זיינען גרויס, יעדער איז געצוואונגען געווען זיי צו קויפֿען, יעדער איינער...

אַחוץ האַסאַן אַליין, וועלכער פֿלעגט זיך שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זעהן, אַריינכאַפּען צו אַאולעד׳ן, וועמעס איינציגער קונה ער איז געווען.

און אַזוי איז דאָס געבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג.

צו פענסי׳ן.

איך וועל ווייטער אָנגעהן מיט די געשיכטען פֿון דער אויטאָריטעט.

אַמאָל איז געווען אַ לאַנד, וואָס איז געלעגען טיעף ביים ים, צווישען מזרח־פֿריזלאַנד און דער שעלדע...

אָה, פֿענסי, מען נעהמט פֿונאַנדער און מען מויערט אַרום מיר. דאָס הויז, וואו איך וואוין, ווערט פֿערברייטערט, און וואָס ברייטער עס ווערט, אַלץ איינגער מאַכען זיי עס מיר. מען קלאַפּט און מען קראַצט און מען האַקט און מען זעגט מיר פֿונאַנדער דעם קאָפּ אויף צווייען... דאָס איז ניט קיין פֿערגניגען. דער איטאַליענישער דיכטער סילוויאָ פעלליקאָ האָט געקענט ריידען פֿון גליק אין זיין געפֿענגניס, וואָס האָט איהם ערלויבט צו פּאָעטיזירען. איך געה אַרויס אין דעם גאַסען־טומעל, אום צו זוכען אַביסעל רוה. פֿילייכט וועל איך גנב׳ענען אַ זייגער, כדי צו האָבען אַ רעכט אויף אַביסעל שטילקייט אין דעם געפֿענגניס־קעמערל. אַדיע, און געדיינק די האָר־לאָק, וואָס דו האָסט מיר פֿערשפּראָכען.

פון פענסי׳ן.

ניין, טשעפּע ניט, לאָז יעדען איינעם האָבען זיין זייגער ביי זיך אין טאַש, מען וועט ווידער ריידען שלעכטס פֿון דיר. אַך, זיינען דאָס טרויעריגע געשיכטען, וועלכע דו דערצעהלסט! איז דאָס אַלעס אמת, מאַקס? דו האָסט אָנגעוואָרפֿען אויף מיר אַן אומעט. אָה, איך בעט דיך, זאָג מיר אין דיין קומענדען בריעף, אַז אַלעס איז ניט אמת, אָדער וועניגסטענס, אַז ניט אַלעס איז אמת. איז דאָס אַלזאָ פֿילאָזאָפֿיע? די שפּראַכען־לעהרע

איז טאַקע טרוקענער, נאָר ניט אַזוי פֿערדריסליך. און אויך אין דער פֿאַ־טערלענדישער געשיכטע געפֿין איך... ווי זעלטען! עס זאָל ניט זיין, אָבער דאָך דאָ און דאָרט — וואָס איך זוך אומזיסט אין ד י י נ ע געשיכטען — ל י ע ב ע!

ווי קענסט דו זיין אַזוי שניידענדיג, מאַקס, דו, וואָס דו קענסט אַזוי גוט ליעב האָבען?

מיר האָבען זיך אַריבערגעצויגען אין אַ נייער דירה, אָבער די אַלטע שאַפֿע פֿון אייכען־האָלץ געהט נאָך אַלץ ניט אַריין דורך דער טהיר. מיין האַרץ אויך ניט.

איך האָב דיך געבעטען, דו זאָלסט מיר עפּעס לערנען. איז נייטיג דערצו, אַז איך זאָל צוערשט גענעהרט ווערען מיט שפּייז, אַזוי ביטער ווי דיינע געשיכטען פֿון דער אויטאָריטעט? גיב מיר עפּעס ליעבליכעס, מאַקס... עפּעס, וואָס זאָל מיינע ליפּען ניט מאַכען וויים, עפּעס, וואָס זאָל מיר געבען דעם רויזיגען קוליער פֿון פֿרייד און ניט די בלייכע פֿאַרב פֿון ערגערניש. איך האָב אַ בעדערפֿניש נאָך ליעבע. זאָל איך פֿערליערען די ליעבע דורך די געדאַנקען, וועלכע דו גיסט מיר?... אָה, דאַן וועל איך מוזען בעדויערן, וואָס איך האָב דיך געבעטען, דו זאָלסט מיר עפּעס לער־נען! וואָרים איך בין אַ מ י י ד ע ל, מאַקס!

אַ מיידעל, יאָ! אָבער דאָך איז וואָהר, אַז עטוואָס גאַנץ בעזונדערעס איז מיר געשעהן, עפּעס, וואָס קומט זיבער פֿאָר ביי וויניג מיידלאַך. איך וועל עס דיר דערצעהלען. ווייסט דו וואָס? אַז איך בערעכען גוט, איז עס אויך אַ „ג ע ש י כ ט ע פֿ ו ן ד ע ר א ו י ט אָ ר י ט ע ט", נאָר שעהנער, ליעבליכער ווי ד י י נ ע געשיכטען. איך בין אַלט געוועזען זעקס אָדער זיבען יאָהר...

מען רופֿט מיך, מאַקס... וואַרט ביז דער נייער לבנה... די געשיכטע, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען, שטעהט אין פֿערבינדונג דערמיט, און מיט דיר אויך... און מיט מיינע האָר אויך...

אָה, שרייב מיר עפּעס, וואָס זאָל מיך ניט בלייך מאַכען!

צו פּענסי׳ן.

קליין־גלויביגע! אַזוי זייט איהר אַלע!

דאָ שטעהט דער עץ הדעת, דער בוים פֿון ערקענטניס, איהר ווילט עסען, איהר וואַרט ניט אויף די שלאַנג — דאָס דאָזיגע אייביגע סימבאָל

פֿון'ם וויסען און פֿון דער אונשטערבליכקייט! — איהר אַליין שטרעקט אוים די האַנד, און ווען די אָרעמע חיה אין גוטער שלאַנגען-טרייקייט דערלאַנגט אייך דעם עפּעל, וועלכען איהר פֿאָדערט... דאַן ווערט איהר פֿערציטערט, אַנטלויפֿט אין אַ ווינקעל און ציהט פֿונאַנדער ליילאַכער פֿון בעטען!

ניין, פֿ ע נ ס י, מיינע געשיכטען זיינען נ י ט טרויעריג! אונוויסענהייט איז ניט קיין טוגענד, און נידעריגער ווי האָס שטעהט ביי מיר אין די אויגען דאָס ליעבען אָהן פֿערשטאַנד! וויים, פֿערשטעה, קען, אונטערשייד און וועהל אוים.

ערשט נאָך אַזאַ וואַהל איז ליעבע עפּעס ווערטה.

אָה, איך בעגרייף, ווי דו דערשרעקסט זיך ביים אויפֿהויבען פֿון דעם פֿאָרהאַנג, וועלכען מען האָט מיט אויסרעכנונג און פֿאַלשקייט אַרונטערגעלאָזט צווישען דיינע אויגען און דער וואַהרהייט! ליגענס האָבען געקריגען די עלטערן... ליגענס גיבען זיי זייערע קינדער. אַזוי ווי דער מאַן פֿון די מזרח־לענדער, וועלכער זוכט אַ געגנוס אין דער בערוישונג דורך אָפּיום און ענדליך ווערט עס ביי איהם אַ בעדערפֿעניש איינצונעהמען גיפֿט, פֿרעגען זיי: „נו, און וואָס דאַן?", אַזוי גיך ווי מען דייטעט זיי אָן, אַז זייערע פֿאָרשטעלונגען שטעהען אויף אַ שוואַכען יסוד.

— דאָ איז אַ לאָך, עס קומט אַריין וואַסער אין שיף! — טהוט אַ געשריי דער דערשראָקענער קאַפּיטאַן.

און דער פּאַסאַזשיר ענטפֿערט:

— איך וועל דיר ניט לאָזען פֿערשטאָפּען דעם לאָך, סיידען דו וועסט מיר גלייך אויף'ן שטעל געבען עפּעס אַנדערש אָנשטאָט דעם.

איך האַלט, אַז עס איז בעסער צו פֿאָהרען אָ ה ן אַ לאָך אין שיף.

פֿיעל מאָל מוז איך הערען אָט דעם פֿערלאַנג פֿון פּאַסאַזשירען, וועלכע ווילען האָבען געלעכערטע שיפֿען. אָפֿט הייסט עס אַזוי:

צוגעגעבען! ד אָ ס איז אַ ליגען, ד אָ ס איז אויסגעטראַכט, ד אָ ס איז שענדליך! אָבער... וואָס גיסט דו אָנשטאָט דעם?

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: „וואָס פֿאַר אַן אַנדער ליגען לייגסט דו אונז פֿאָר אָנשטאָט דאָס ליגען־געריכט, וואָס דו נעהמסט ביי אונז צו?"

איך וואָלט געקענט ענטפֿערן: ק י י ן ליגען ניט... איך וויים נאָרנישט! איך האָב ניט קיין גיפֿט אָנצובאָטען אָנשטאָט דעם גיפֿט, וואָס איך ריים אייך אויף אַ רויהען אָבער גוט-מיינענדען אופֿן אַרוים פֿון דער האַנד,

וועלכע דריקט זיך צונויף אין אַ פּויסט, אוים אונדאַנקבאַרען צאָרן איבער דעם וואָס זי בלייבט ליידיג.

דאָס וואָלט איך געקענט ענטפערן.

נאָר ליעבערשט זאָג איך: זעהט, איך וואָלט אייך וועלען געבען געזונדע שפייזען! איך וואָלט אייך וועלען אָנווייזען אויף אויטאָריטעט דורך ליעבע, אויף וואוילזיין דורך גערעכטיגקייט, אויף גליק דורך טוגענד.

דאָס איז אין קורצען גערעדט: איך וואָלט אייך וועלען ברייננגען דערצו, צו זיין מענשען! דאָ ליגט אַלעס!

מען נאַרט זיך און מען האָט אייך גענאַרט, מיט דעם וואָס מען האָט פאָרגעשטעלט, אַז אַ מענש זיין איז ניט קיין ווירדיגע זאַך. דאָס טהוט אַ פערקעהרט פערשטאַנענע רעליגיאָן... דאָס וואָרט „גאָטעס-דיענסט" קען דאָ ניט אַנגעווענדעט ווערן.

איך וויל אייך דאָס דייטליך מאַכען דורך אַ ביישפּיעל.

אַ בויער האָט זיך צום ערשטען מאָל געדאַרפט זעהן מיט'ן פּריץ, מיט דעם בעל הבית פון זיין לאַנד. וואָס פאַר אַ כבוד זאָל איך איהם אָבגעבען, האָט ער זיך געטראַכט, אום איהם צו ווייזען, אַז איך ווייס, אַז איך בין אַ פּראָסטער פּויער און ער — אַ גרויסער שררה? נו, איך וועל אַביסעל אויסקרימען מיינע קניע און די שפּיץ פינגער פון מיינע פיס אַריינציהען וואָס מעהר אינעווייניג. מיין לינקען אַקסעל וועל איך אויסשטרעקען פאָרווערטס, און מיין הוט דרעהען ווי אַ מיהל. דעם האַלז אַביסעל אין דער קרים, דאָס וועט זיכער זיין נאָך זיין גוסט, און עס וועט איהם פערשאַפען פערגניגען, ווען איך וועל פערציהען דאָס מויל אַזוי קליין ווי מעגליך.

אַזוי האָט געטראַכט דער בויער, און אַזוי האָט ער געטהאָן. אָבער דער פּריץ האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז ניט נייטיג, ער זאָל מאַכען אַזעלכע משונה'דיגע העויות.

איך געפין, אַז דער פּריץ איז גאַנץ גערעכט געוועזן.

דעם מענשען'ס בערוף איז צו זיין אַ מענש.

איז אָט דער אויספיהר צו איינפאַך פאַר אייך? אָה, איך בעט אייך, טרויט ניט די אַלע אייספיהרען, וועלכע זיינען ניט איינפאַך.

דאַרף דען די קלוגהייט, אין וועלכע דער מענש נייטיגט זיך, ניט זיין איינפאַך? דאַרף זי זיין שווערער צו פאַסען, ווי דער ריח פון די שפייזען, וועלכער לאָזט זיך אַזוי בעקוועם אויפכאַפּען פון אונזער נאָז, וואָס די ליעבע נאַטור האָט גאַנץ איינפאַך אונז אַרויפגעזעצט איבער'ן

מויל? איך גלויב זיכער, אַז די רעליגיאָנס־ערפינדער וואָלטען פאַר דעם דאָזיגען אָרגאַן אויסגעזוכט עפּעס אַן אָרט ערגעץ־וואו אויף דער לינקער פיאַטע, ווען מען פרעגט ביי זיי אַן עצה... וואָס איז גליקליכערווייזע ניט געשעהן, אַלע ווילען נור קאָמפּליצירטקייט, נעבעלהאַפטיגקייט, אוננאַטיר־ליכקייט:

„טויטעט די חושים!“ שרייען זיי, די, וועלכע מיינען צו דיענען גאָט דערמיט וואָס זיי פערקריפּלען און ענטשטעלען דעם מענשען לויט דעם מוסטער פון יענעם בויער.

„טויטעט די חושים!“ שרייען זיי, די, וואָס וואָלטען גערן וועלען גע־ניסען מיט *זייערע* חושים, און זיי שרייען אַזוי מיט דער ביטרער אויס־רעכנונג, אַז וואָס וויינינגער עס וועט גענאָסען ווערן, אַלץ מעהר איבערפלוס וועט בלייבען פאַר *זיי*.

„טויטעט די חושים, וואַרפט אַוועק פון זיך אַלעס, וואָס פערשאַפט אייך פרייד!“ האָבען אין אַלע צייטען געשריען די פרומע, וועלכע האָבען מיט גרויסער גיערינקייט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף אַלצדינג, וואָס איז אַוועק־געוואָרפען געוואָרען פון די נאַרישעוואַטע זעעלען, וועלכע האָבען זיי געגלויבט.

וואָס וואָלסט דו געזאָגט וועגען אַ קינד, *פענסי*, וואָס מיינט, אַז עס עהרט דעם פאָטער דערמיט, וואָס עס איז עפּעס אַנדערש, ווי אַ... קינד?

און וואָס וועגען די עלטערע ברידער, וועלכע האָבען זיך פאָרגענומען אַזאַ קינד צו לערנען דרך ארץ, אַז כדי אָבצוגעבען עהרע דעם פאָטער מוז עס איינגעשרומפּפען ווערן און קריגען ווייניג צו עסען.

וואָלסט דו ניט געקומען אויף דעם געדאַנק, אַז אָט די עלטערע ברידער זוכען פאַר זיך וואָס מעהר פלאַץ און וואָס מעהר שפּייז?

ווער עס פריידיגט זעלבסט־ערנידעריגונג און לויבט זי אייך אַלס טוגענד, דער איז אַ בעטריגער. געניוס איז טוגענד.

דאָ האָסט דו אַ פּאָר פּסוקים, *פענסי*. קיין דרשות שרייב איך ניט. דאָס האָט יעזוס אויך ניט געטהאָן. איך דיינק, ער האָט זיי געפונען לאַנגווייליג, פּונקט ווי איך.

ס'איז נישטאָ *קיין* גאָט, אָדער ער מוז זיין *גוט*! זאָלען די טהעאָלאָ־גען — אַ מערקווירדיג וואָרט: מענשען, וועלכע ווייסען עפּעס פון גאָט... מענשען, וועלכע קענען דיר וואָס עס איז זאָגען מכח גאָט... מענשען,

וועלכע האָבען שטודירט גאָט, „גאָטעס־געלעהרטע" — זאָלען די טהעאָ־לאָגען ענטפערן, אַז ער איז גוט, אויב זיי וואַגען עס...

אָה יאָ, זיי וואַגען עס! זיי דערצעהלען לאַנגע געשיכטען — נאָך אומעטיגער איידער מיינע, פענסי! — מכּה פערדאַמונג און גיהנום! און העראויס, די, וואָס דערצעהלען ניט אַזעלכע געשיכטען, טויגען נאָך ווי־ניגער איידער די אַנדערע, וועלכע זיינען וויינינגסטענס קאָנזעקווענט, ניט האָבענדיג קיין בעסערע; וואָרים ביי זיי אין זייער ביבעל שטעהען אָט די פיינע זאַכען. מיש אויף, וועסט דו זעהן: אייביגעס פייער. עס קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, אונשטערבליכע ווערים... וואונדער־שעהנע זאַכען!

ווער עס לאַטכענט אַלזאָ אַוועק דאָס אייביגע פייער און אָט די אונ־ערמיעדליכע ווערים אונטער דעם מאַנטעל פון דער מאָדערנער טהעאָלאָגיע, דעם געטרוי איך דורכאויס ניט. די אַנדערע זינדיגען בלויז געגען דעם פערשטאַנד. זיי אָבער געגען עהרליכקייט און פערשטאַנד, געגען ביידע. דאָס איז ערגער.

ס'איז ניטאָ קיין גאָט, אָדער ער מוז זיין גוט! אויב עס איז דאָ איינער — וואָס איך וואָלט זעהר גערן געוואָלט וויסען, און איך בלייב דערביי, אַז עס וואָלט געדאַרפט זיין זיין זאַך: „צו זאָרגען דערפאַר, אַז מיר זאָלען עס וויסען" — אויב עס איז אַלזאָ דאָ איינער, קענען מיר איהם אַם בעסטען דיענען דורך גענוסען.

איי, פענסי, וואָס דו ביסט אַ גוט מיידעל, וואָלט עס דיר געוואַן אַנגענעהם, ווען דו זאָלסט אַמאָל ווערען אַ מוטער, אַז דיינע קינדער זאָלען האָבען זויערע פּנים'ער? וואָלסט דו זיי פאַרגעשריבען, אַז זיי זאָלען דיר דיענען דורך צוריקהאַלטונג? קיינמאָל ניט! און פאַרוואָס זאָל אָט דער גאָט זיין בייזער, רשעות'דיגער איידער דו?

אָבער די מאָס און די אַרט און ווייזע פון דעם גענוס?

אויך דאָס איז זעהר איינפאַך. דער ענטפער שטעהט דייטליך גע־שריבען אין דעם בוך, וואָס ליגט פאַר אונז, אין דעם בוך פון דער ווירקליכקייט, אין וועלכען קיין איין איינציגער פּסוק, קיין איין זאַץ איז ניט געפעלשט, און וואָס מען קען לעזען אָהן די מינדעסטע קענטעניש פון העברעאיש אָדער גריכיש.

אין דעם דאָזיגען בוך שטעהט געשריבען, אַז ווער עס שלינגט שטיי־נער, דער פערשטאָפּט זיך דעם מאָגען. ווער עס זוכט גענוס אין איבער־מאָס, דער ווערט קראַנק. ווער עס הרג'עט זיין מיטמענשען, דער קריגט דעם נאָמען פון אַן אונגאַסטפריינדשאַפטליכען וועזען און ווערט בעהאַנ־דעלט ווי ער פערדיענט. ווער עס גנב'עט, דער ווערט געבונדען פון

פערזאָנען, וועלכע האָבען עטוואָס. ווער עס שפּרינגט אַרויס פון פענסטער, ווערט געשעדיגט. ווער עס נעהמט זיך אָן פאַר אָרעמע לייט, דער מוז ליידען נויט. און ווער עס שרייבט „ליעבעס־בריעף", דער ווערט אויסגע־לאַכט און פערשפּאָטעט.

אין אָט די אַלע פאַרשריפטען פון'ם בוך פון דער ווירקליכקייט איז ניטאָ קיין שום רעטזעלהאַפטעס, ווי מען געפינט עס אין די אַנדערע ביכער. דאָס קומט דערפון, וואָס די מענשען, וועלכע האָבען געמאַכט רע־ליגיאָנען, האָבען ניט געמיינט, וואָס זיי האָבען געזאָגט, און וואָס די נאַטור מיינט יאָ, וואָס זי טהוט. דו זעהסט אַלזאָ, פעני, אַז אום צו ווערען קלוג און גוט — וואָס איז איינס און דאָסזעלבע! — מוזען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו דער דאָזיגער נאַטור.

איך בין נייגיעריג צו הערען דיין געשיכטע. זאָל עס מעגליך זיין, אַז דו ביסט געווארן אין פערפיהרט געוואָרען, בעת דו ביסט אַלט געווען זיבען יאָהר? דאָס וואָלט געווען צו פריה, פעני! און ווי אַזוי דאָס קען האָבען צוטהאָן מיט דיינע האָר, הויב איך ניט אָן צו בעגרייפען. קען איך דערוועקען דיין לייטזעליגקייט מיט אַ ליעבעס־ליעד? פערלאַנגסט דו אַן אָבהאַנדלונג איבער דאָס בעריהמטע טהעמאַ: „פרייע אַרבייט"? אינטערע־סירסט דו זיך אין אַ צוגלידערונג פון אונזערע געזעצען מכח דער אויטאָ־ריטעט פון די עלטערן? ווילסט דו וויסען עפּעס וועגען דער אויטאָריטעט פון האָלאַנד אין אינדיען...?

נאָר, פעני, דאַן וועל איך ווידער מוזען אַרויפקומען אויף די גע־שיכטען פון דער אויטאָריטעט, וועלכע זיינען פאַר דיר אַזוי אומעטיג...

זאָג מיר, ווי אַזוי מוז איך שרייבען, אום צו געווינען דעם קאַמפּף געגען די פערזאָנען — און גאָר געגען די זאַכען! — וועלכע ווילען מיר, וויזט אויס, אָבשטרייטען דאָס רעכט אויף דיין זעעלע.

אָדער איז עס פיליייכט דאָך אמת דאָס, וואָס איך האָב זיך משער געווען — און וואָס איך האָף נאָך אַלץ! — זאָל עס אמת זיין, אַז דו עקזיסטירסט גאָר ניט אין דער ווירקליכקייט? אַז דו ביסט אַ צויבערין, וואָס דו וועסט מיך אָנריהרען מיט דיין שטעקעלע, אום מיך מעכטיג צו מאַכען און מיר געבען די קראַפט אָבצוטהאָן די אַרבייט, וועלכע איך האָב אַליין גענומען אויף זיך?

איך טרוים וואַכענדיגערהייט פון דיר, און איך ענטפער: „פעני!" ווען מען פערלאַנגט פון מיר געלד, וואָס עס טרעפט גאַנץ אָפט, ברייננסט דו מיר אין נדן אַ קעניגרייך אין'ם געביעט פון די גייסטער? איך נעהם עס גערן אָן פון דיר און בעגרייף גאָרניט, ווי אַזוי דו האָסט עס געקענט

אַזוי לאַנג רעגירען אָהן מיר. אַזוי גיך ווי מיר וועלען זיין „איינגעאָרדענט" און מיר וועלען אָב'פּטר'ן די חתונה-בעזוכען, וויל איך אַראָבשיקען אַ פֿרעהליכע שליחות אויף דער קליינער ערד, וואו איך האָב געוואוינט פֿאַר מיין חתונה. איך וויל זאָגען די אָרעמע מענשען, וועלכע בלייבען דאָ אי־בער אַזוי פֿעראומערט, אָהן ליעבע: אַז גענוס איז טוגענד, און אַז קיין זאַך גיט ניט קיין גרעסערן גענוס, ווי ליעבע!

נאָר איך וועל דערביי ניט זאָגען: האָב ליעב! דאָס וואָלט דאַן ווידער געוואָרען אַ געשיכטע פֿון דער אויטאָריטעט, און דאָס האָט קיין זינן ניט ביי ליעבע, טוגענד און גענוס.

פֿון דעסטוועגען וואָלט איך דיך גערן אַמאָל געוואָלט זעהן מיט מיינע ווירקליכע אויגען, מיט די אויגען, וועלכע איך פֿערמאַך ביים שלאָפֿען. איז גאָר קיין מעגליכקייט ניט פֿאַרהאַן דערצו? וואו וואוינסט דו איצט נאָך דעם ווי איהר האָט זיך אַריבערגעצויגען? מוז איך אָנקלינגען אין אַלע טהירען, וואָס זיינען קלענער ווי אַן אייכען-שאַפֿע? מוז איך דיך אַרומזוכען אין אַלע הייזער, וואָס זיינען צו איינג פֿאַר אַ הארץ?

טינע פֿרעגט מיך, צי איך שפּאַציר מיט דיר צייטענווייז אַרום, בע־זונדערס איצט, ווען עס איז פֿריהלינג. איך האָב געזאָגט „יאָ", מיינענדיג, אַז איך האָב געזאָגט דעם אמת, נאָר שפּעטער...

ביסט דו געווען לעבען מיר אָדער בין איך געווען אַליין, בשעת די וועלט האָט מיט אַ רשעות'דיגען מיין געוואָלט איינפֿלאַנצען אין מיר אַ צווייפֿעל אין אַלעם, וואָס איז הויך און ערהאַבען, און זאַגאַר אין דיר?

וואָרים איך הויב אָן איינזעהן, אַז איך האָב זיך אָפֿט אָבגענאַרט, ווען איך האָב געדיינקט, אַז דו שטעהסט מיר ביי דער זייט.

עטוואָס רעטזעלהאַפֿטעס איז דאָ אין מיין ליעבע. איך וועל זיך נאָכ־פֿרעגען ביי טינע'ן מכח דעם. זי ווייסט אַלעם, וואָס איז מיר נוגע.

צו טינע'ן.

ליעבע טינע! זיי אַזוי גוט און זאָג מיר, ווער פֿענסי איז! אָבער רעד גאָר קיין שלעכטס ניט וועגען איהר, זאָגאַר ווען דו ווייסט עפּעס שלעכטס. איך וועל עס ניט קענען אַריבערטראָגען, וואָרים איך האָב זי אונבעשרייבליך ליעב. דערצעהל מיר נור, ווער זי איז.

פון טינע'ן.

ליעבער מאַקס! איך קען פּ ע נ ס י ' ן זעהר גוט. איך בין שוין לאַנג בעקאַנט מיט איהר, שוין פופּצעהן יאָהר! זי איז דאַמאָלס פונקט אַזוי אַלט געוועזן ווי איצט. קיין שלעכטס ווייס איך ניט וואָס צו זאָגען וועגען איהר. אָה, אין געגענטהייל!

נאָר כדי זי צו קענען גוט בעשרייבען, וואָלט איך זי געמוזט האָבען לעבען מיר. און זי איז אַוועק, ווארים — דאָס האָסט דו ניט געוואוסט — זי איז געווען דאָ!

אָפּט איז זי געווען בלאָנד און פונקט אַזוי אָפּט ברוין, יאָ, צייטענ־ווייז אַזוי ברוין ביז אין שוואַרצען. נאָר אימער איז זי געווען ריהרעוודיג און לייכט-פּיסיג ווי אַ לופּט-גייסט, שפּרינגענדיג ווי אַן איר־ליכט, לייכט געריהרט צו ווערן ווי די פּיהלענדרע פּלאַנצע, פּערשטענדיג ווי אַ רעכען־ביישפּיעל, און פּול מיט גייסט ווי קיין אַנדער זאַך ניט.

דו קענסט זי אויך גאַנץ גוט, מאַקס! דו האָסט פּערגעסען, ווער זי איז, ווייל דו האָסט זיך די לעצטע צייט אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג. דערמאָן זיך אַקאָרשט גוט! דערמאָן זיך נור, אַז דו האָסט זי וויפּיעל מאָל אַרויסגעוואָרפּען דורך'ן פּענסטער, ווייל דו האָסט געמיינט, אַז עס איז געווען א י ה ר שולד, וואָס אונזערע קינדער האָבען געהאַט ווייניג צו עסען. און ווי זי פּלעגט דאַן אימער ווידער אַריינקומען דורך דער טהיר, וועלכע איז געווען פּערשלאָסען. ווי, דו געדיינקסט עס שוין נאָר ניט?

זי שפּאַסט, ווען זי זאָגט, אַז זי איז ניט געווען דערביי, ווען די ערד איז אייסגעמאָסטען געוואָרען מיט אַ שנור! זי איז געווען אָנוועזענד ביי אַלצדינג, וואָס איז ווען עס איז געשעהן. אויך האָט זי דאָס געשריבען די מזמורים פּון תהלים, און ביי די כאַלדעער האָט זי געגעבען אונטעררריכט אין דער שטערען-לעהרע. און עס איז נ י ט אמת, אַז זי איז אין אַ פּער־לעגענהייט, ניט געפּינענדיג קיין הויז־וועסט פּאַר איהר הארץ! עס ליגט ביי א י ה ר אין די הענד, פּונאַנדערצושפּאַרען די װענד...

איך פּערשטעה ווירקליך ניט, מאַקס, ווי אַזוי דו האָסט זי ניט דער־קענט. ס'איז אונדאַנקבאַר פּון דיין האַרץ, עס האָט געמעגט האָבען אַ בעסערן זכרון. פּון מיין זייט קען איך דיר זאָגען, אַז איך האָב זי ליעב. זי האָט מיין לעבען הערליך שעהן געמאַכט, און דאָס, וואָס אונזערע קינדער האָבען ניט גענוג צו עסען, וואָרף איך ניט אַרויף אויף איהר, ווי דו האָסט עס אָפּטמאָל געטהאָן אין מאָמענטען פּון אונגערעכטיגקייט. און אויב דו

וועסט זי נעהמען פֿאַר אַ פֿרוי, וועל איך קומען אויף דער חתונה, מיט מאַקס און נאַני, וועלכע געהערען דערצו.

ניט לאַנג צוריק האָבען מיר געמאַכט אַ שפּאַציר און געריסען בלו־מען, זי איז געווען מיט אונז. דער קליינער מאַקס האָט געפֿרעגט, צי די בלימעלאַך ווייסען, אַז עס וועט איצט זיין וואַרם... און — האָט ער געזאָגט:

— זיי שאָקלען מיט די קעפּעלאַך צו דער זונן! זיי ווייסען, אַז עס וועט אויסזעהן שעהן, און אַז די זונן איז פֿריינדליך צו זיי.

ווי קומט ער צו דער דאָזיגער פֿאָרשטעלונג, האָב איך געטראַכט ביי זיך, און איך האָב עס איהם געפֿרעגט.

— פֿ ע נ ס י האָט עס מיר געזאָגט, — האָט ער געענטפֿערט.

אָבער זי לערענט איהם אויך אונניצליכע זאַכען. ער זאָגט ניט קיין ליגען, נאָר דערפֿאַר ליגען איהם אין קאָפּ אַלערליי שפּיצלאַך און רשעות'־דיגע קונצשטיק. דאָס האָט ער פֿון איהר.

דאָ ניט לאַנג האָב איך איהם געהערט לאַכען, אַזוי ווי ער לאַכט, ווען ער טהוט אָב איינס פֿון זיינע שפּיצלאַך. איך האָב געזעהן, ווי אַן אַלטע אַרבייטערין, וועלכע וואוינט לעבען אונז, טאַנצט און מאַכט אַלער־ליי משונה'דיגע העויות. דער קליינער מאַקס האָט איהר געגעבען צו פֿערזוכען אַביסעל רויטען פֿעפֿער.

„ס'איז זעהר זיס!" האָט ער געזאָגט אין פֿראַנצויזיש.

דער אָרעמער פֿרוי האָט געברענט דאָס מויל פֿון זיין „זיסקייט". איך האָב ניט געוואוסט, צי זאָל איך זיין בייז אָדער איך זאָל מיטלאַכען מיט מאַקס'ן, וועלכער האָט זיך פֿאַר תענוג געקאַטשעט אויף דער ערד.

— דאָס האָסט ד ו געטהאָן, פֿ ע נ ס י, — האָב איך גאַנץ שטריינג געזאָגט. — זאָג מיר אַלזאָ אויך, וואָס האָב א י ך צו טהאָן, אום מיין קינד זאָל ניט ווערן ווילד און געפֿינען פֿערגניגען אין אַנדערע מענשען'ס ליידען.

דאַן האָט זי מיר שטילערהייט פֿאָרגעזאָגט אָט די ווערטער, און איך האָב זיי ווידערהאָלט הויך אויף'ן קול:

— מיין קליינער מאַקס, פֿיהלסט דו גאָר ניט קיין שמערץ דער־פֿון, וואָס די פֿרוי ליידעט, ווייל זי האָט דיר געגלויבט?

דער קליינער מאַקס האָט שוין מעהר ניט געלאַכט. טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, און ער האָט געבעטען פֿערצייהונג ביי דער אַלטער פֿרוי, וועלכע האָט נאָך אימער געמאַכט אַ קרומען, נאַרישען פּנים.

און אַזוי אָפּט, מאַקס, ווען איך האָלט דערביי צוזאַמענצוזוינקען אונטער אַ צו שווערער לאַסט, קומט פּ ע נ ס י מיך טרייסטען, און ווען זי זאָגט דאַן מיט אַ שאַלקהאַפּטיגער מיענע:

— איך גנב'ע אַוועק ביי דיר זיין האַרץ... געדיינק, אַז מיינע רעכטע זיינען עלטער...

... דאַן מוז איך איהר געבען רעכט! און אָהן אייפערזוכט הער איך אויס, וואָס זי האָט געזאָגט אָהן שעמעדיגקייט.

איך בין ווירקליך בייז אויף דיר, וואָס דו מאַכסט זיך אַזוי פרעמד צו איהר, גלייך דו וואָלסט זי טאַקע גאָר ניט געקענט. אָבער, מאַקס, געדיינקסט דו דען ניט, אַז זי איז אימער געוועזען דיין „מליץ יושר" ביי מיר, אַז זי פּלעגט זיך אָננעהמען פאַר דיר, ווען דו פּלעגסט אַנטלויפען מיט עפּעס אָדער מיט אימיצען, אָדער ווען דו פּלעגסט מיך שלאָגען? געדיינקסט שוין ניט, אַז זי האָט מיט אונז איינאיינעם אונטערשריבען אונזער הייראַטס־קאָנטראַקט — מ י ר אַ קאָנטראַקט! — אָקוראַט ווי אַ פריץ, וואָס מאַכט חתונה די בראַווסטע בווערטע מיט דעם טוגענד־האַפּטסטען פון אַלע בויערן־יונגען? האָסט דו שוין גאָר פערגעסען די אַלע רייכע בילדער, וועלכע זי האָט אונז געגעבען אַלס געשענק, געננוג אָנצופּילען אַ מוזעאום אַזוי גרויס ווי די וועלט? נאָך איצט שיקט זי מיר טאָג טעגליך בלעטער, איינס שעהנער ווי דאָס אַנדערע, ניין, אַלע פונקט אַזוי שעהן... היסטאָרישע שטיקער, קונסט־בילדער, סטיל־לעבען... בעזונדערס היסטאָריע!

אָבער, מאַקס, קיין ראַהמען וועלען ניט סטייען! און — הערסט דו? דאָס דאַרף זיין דיין אַרבייט, צו מאַכען ראַהמען פאַר די בילדער, וואָס פּ ע נ ס י גיט אונז. ט ה ו ד אָ ס! ד אָ ס ק ע נ ס ט ד ו! ד אָ ס מ ו ז ט ד ו! ד אָ ס א י ז ד י י ן ב ע ר ו פ ו נ ג!

אַזוי האָט זי מיר ניט לאַנג צוריק געגעבען אַ צייכנונג, וואָס דער זינן דערפון איז מיר ניט קלאָהר געוועזען, ווייל זי האָט פאַרגעשטעלט עפּעס, וואָס איז נאָך ניט געשעהן. יאַוואַנישע מיידלאַך לייגען קרענץ פון מעלאַטי־בלומען אויף אַ קבר. דער קבר איז געוועזען דיינער, מאַקס! אויף דער מצבה איז געשטאַנען: ד אָ ר ו ה ט ד ע ר, וו אָ ס ה אָ ט פ י ע ל ג ע ט ר אָ ג ע ן.

מאַך אַ ראַהם אַרום אָט דער צייכנונג! פערלייקען ניט פּענסי'ן, ניט זי און ניט איהרע מתנות... דו ביסט זעהר אונדאַנקבאַר, מאַקס!

פון פענסי׳ן.

מיר האָבען זיך ווידער איבערגעצויגען. עס ווערט אַלץ איינגער און איינגער. מיר קומט פֿאַר, אַזוי ווי איך וואָלט געמאַכט אַ רייזע אין אַ פֿיש-קאָרב, אָהן אַ רעטור-בילעט. און דער אַלטער קאַסטען קען נאָך אַלץ ניט אַריינגעהן אין הויז... דער סוף וועט זיין, אַז מיר וועלען אַריינשטעלען דאָס הויז אין דער שאַפֿע: דאַן וועט דער שליסעל-לאָך ווערן אַ טהיר.

דער אייביגער צווייפֿעל, צי איך בין אַ מיידעל, רעגט מיך אויף. וואָלט עס געווען נאָך ד י י ן געשמאַק נאָך, ווען מען נעהמט זיך אַריין אין מוח, ניט אַנדערש נור אַז דו ביסט אַ וואָלקען? אַז מען קען דיך פֿערשטעלען מיט אַ רעגען-שירם? אַז דיין פֿעראומערטקייט, דיינע טרעהרען שטעהען פֿערצייכענט אויף׳ן באַראָמעטער אַלס רעגען? אָדער אַז מען וואָלט זיך אַשטייגער אָנשלאָגען אָן דיין קערפּער, מיינענדיג, אַז מען קען דורך דיר דורכלויפֿען? זיינען דאָס אַנגענעהמע זאַכען? צום הונדערטסטען מאָל זאָג איך, אַז איך בין אַ מיידעל, און כדי דיר ריכטיג צו איבערצייגען אין דעם, וויל איך דיר דערצעהלען עטוואָס וועגען דעם, וואָס טהוט זיך אַרום מיר. אורטהייל דו אַליין, צי אַ גייסט וואָלט דאָס גאָר געקענט אויסטראַכטען אפילו.

מיין מוטער איז טויט, און מיין פֿאָטער האָט איבער אַ נייעס חתונה געהאַט, וויל אַ פֿרוי ברייגנט אַזוי פֿיעל בעקוועמליכקייט אין דער בעל׳-הבית׳ישקייט. מיין שטיפֿמוטער איז אַן אָנשטענדיגע פֿרוי, און דאָס ערגערט מיך זעהר, וואָרים עס וואָלט מיר שוין ליעבער געווען, ווען איך מוז זיך קלאָגען איבער אונטוגענד, איידער איבער אָנשטענדיגקייט, וויל יעדער איינער שטעלט זיך גערן אויף דער זייט פֿון דער אָנשטענדיגקייט. נו ליגט, פֿערשטעהט זיך, דער שאָדען אימער אויף מיין זייט, ווען איך זאָג, אַז זי מאַכט מיר דאָס לעבען אַזוי לאַנגווייליג. פֿאַר איהר איז קיינמאָל קיין וועב-שטוהל ניט ערפֿונען געוואָרען. זי שטריקט, שטריקט, שטריקט... אימער שטריקט זי, און די איבעריגע צייט קניפּט זי און העקעלט זי. נאָר די שטונדען, וואָס בלייבען איהר דערנאָך פֿריי, גיט זי אָב אויף דעק-טיכלאַך פֿאַר שטוהלען, וואָס זי מאַכט פֿאַר די „וואַסער-גויט-לאָטעריי״. און צווישען איין אַרבייט און דער אַנדערער מאַרעזשעט זי זאָקען. איך האָב נאָך פֿערגעסען, אַז אַלס אָבוועקסלונג בענעהט זי אויך זאַפֿאַ-קישעלאַך מיט פֿאַלשע פערל. ווייסט דו, ווי דאָס ווערט געמאַכט? איך פֿרעג דיך ניט, צי דו ק ע נ ס ט עס. עס געהט צו אַזוי:

מען קויפֿט אָדער מען דינגט אָב אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס איז פֿונאַנדערגעטהיילט אין זעהר קליינע קוואַדראַטען, וועלכע זיינען אַלע פֿאַרבּיג אויסגעפֿילט, און נעמליך אַזוי, אַז ווען מען קוקט זיך ניט צו אַזוי גענוי דערצו, האָט דאָס פּאַפּיר אַביסעל עהנליכקייט מיט אַ צייכנונג. אַזוי וואָס שטעלט דאַן פֿאָר אַ בוקעט בלומען, אָדער די פּאַסטוכער אין שטאַל, אָדער אַ בויער, וואָס רויכערט זיין פּיפּקע, אָדער עפּעס אַנדערש פֿון דעם סאָרט. פֿון נאָהענט טאָר מען זיך ניט צוקוקען דערצו, וואָרים דאַן זעהט אַזאַ מין קאָפּ פֿון דער פּיפּקע אויס ווי אַ פֿיער־עקיג לייגגליך קעסטעלע, ווי אַ „טראַפּעז" אין דער געאָמעטריע — איך „לערן" מיין עקזאַמען אַלס הילפֿס־לעהרערין — און די פּאַסטוכער האָבען פֿיער־עקיגע נעזער. דערנאָך נעהמט מען אַ שטיק טוך, אַ מין זעגעל־טוך, אין וועלכען עס פֿעהלען שוין די מייסטע פֿעדים, אַזוי אַז די קוואַדראַטען פֿון'ם זעגעל־טוך זיינען אונגעפֿעהר איין גרויס מיט די פֿערשיעדענפֿאַרביגע קוואַדראַטען אויף'ן פּאַפּיר. מען קויפֿט וואָל אָדער זייד, און פֿאַלשע פּערל פֿון אַלערליי קוליערען, און מען קען אָנפֿאַנגען צו אַרבייטען. וואָרים דאָס, וואָס קומט דערנאָך, הייסט אַ ר ב י י ט ע ן! און ווען איך דיינק וועגען דיר, וועגען מיין מוטער, וועגען „אינסולינדע", וועגען די געשיכטען פֿון דער אויטאָריטעט... דאַן זאָגען זיי, אַז איך „טהו גאָרנישט". א י ך טהו גאָרנישט!

נו, דאַן זוכט מען אויס אויף'ן פּאַפּיר אַן אויסגאַנגס־פּונקט, אַ פּלאַץ, פֿון וואַנען אָנצופֿאַנגען; וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ מען וויל. דערצו קען דיענען, אויב עס איז אין שטאַל, דער קאָרב מיט די ווינדעלאַך, אָדער די באַק פֿון'ם בויער, וועלכע איז מייסטענס קאַרשען־רויט, כּדי אָנצוצייגען אויף די בראַווקייט פֿון דעם פּויערשען שטאַנד. אָט די בראַווקייט איז דאַן, צום ביישפּיעל, אויסגעדריקט אין פֿיער קוליערען און פֿערטהיילט אויף דרייצעהן פֿעלדער, הויך־רויט, דונקעל־רויט, רויזען־רויט, בלאַס־רויט. מען לייגט אַרויף די וואָל אָדער די פֿאַלשע פּערל ביים בויער אויף דער באַק, כּדי צו נעהמען אַ מוסטער פֿון דער שאַטירונג פֿון זיין פּויערשער טוגענד, און דאַן טראָגט מען זיי אַריבער אויף דעם טוך, דערמיט וואָס מען בעפֿעסטיגט דעם פֿאָדים אין די פֿיער־עקיגע עפֿנונגען. דער אָנפֿאַנג איז אַלזאָ געמאַכט, און דאָס, וואָס קומט דערנאָך, איז לייכט. מען צעהלט נור כּסדר פֿון דעם בויער, אָדער פֿון'ם קאָרב מיט די ווינדעלאַך, און דאַן ווייס מען גענוי, וואו עס דאַרפֿען אַריינקומען די זיבען שוואַרצע פֿאַלשע פּערל, וועלכע דייטען אָן די התפּעלות פֿון די פּאַסטוכער, אָדער וואו אָנצושעפּען דאָס פּאַראַלעלאָגראַם פֿון געל־ווייסער זייד, וואָס מוז

אַריינגעבען ליכט דער קינפּעטאָרין אין אויג. אַז דאָס איז פֿאַרטיג, הויבט מען אָן עפּעס נייעס.

אָבער אַצונד מוז איך דיך עפּעס פֿרעגען. איך האָב אַ פֿעטער, וועלכער האַלט אין איין ריידען וועגען אַ „קריסטליכער הייראַט". — דאָס איז ניט דער פֿעטער פֿון „דער" פֿרוי: איך האָב אַסך פֿעטערס... אָה! — וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קריסטליכע הייראַט! איך האָב געזוכט אין מיין ביבעל און גאָרנישט געפֿונען וועגען דעם. איך זעה ניט, אַז קריסטוס זאָל האָבען געגעבען פֿאָרשריפֿטען וועגען דער הייראַט. איך מיין, ער זאָגט אַליין, אַז זי איז אַ וועלטליכע זאַך. אָבער איז דאָס אַלזאָ אַ קריסטליכע הייראַט? איך מיין: דער בויער, דער קאָפּ פֿון דער פּיפּקע און די פֿאַסטוכער? מיין פֿאָטער האָט מיין שטיפֿמוטער צו דער חתונה מיטגעבראַכט פֿיער קינדער. זי איז אַן אָנשטענדיגע פֿרוי און וועט אַלזאָ ניט טהאָן עפּעס, וואָס איז ניט גוט אין אַזאַ וויכטיגער זאַך. נו, פֿרעג איך דיך, ווי מאַכסט דו עס דיר רעכט, אַז דאָס, וואָס מיין פֿאָ־טער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צו דער חתונה, קען ווי געהעריג איז אבגעשאַצט ווערן דורך דאָס אייביגע שטריקען, מאַרעזשען, נעהען, העקלען און קניפּען?

— ליעבע מוטער, — האָב איך שוין אָפּט געזאָגט, — מיר האָבען צופֿיעל זאָקען, און דו אַליין טראָגסט דאָך אויך ניט מעהר ווי איין קלייד אויף אַמאָל! מיר דאַרפֿען וויינִיג פּאָמאַדע, און אָט די דעקֿ־טיכער פֿאַר די שטוהלען אַלזאָ... אויסערדעם זיצען מיר גראַד, ווי „אָנשטענדיגע" מענשען. קיינמאָל האָט נאָך אונזער אויסגעשמירטער קאָפּ ניט אָנגעריהרט די קישעלאַך פֿון דער זאָפֿאַ... וואָס איז ניט אַריין אין טהיר...

יאָ... וואַסער-נויט!

אַך, גאָט מיין גאָט, אויך מיר זיינען אין נויט, מעג עס זיין אַ נויט אין דער טריקעניש! מוז דען די נויט אונבעדינגט זיין נאַס, אום צו ווירקען אויף די געפֿיהלען? מיר, מיינע שוועסטער און מיין ברודער, וואָלטען כ'לעבען אויך געמעגט האָבען אַביסעל רעכט אויף הילף, אויף אונטערריכט, אויף ערציהונג, אויף ליעבע! איז עס ניט אַנדערש נייטיג, אַז מיר זאָלען אַפֿריהער דערטרונקען ווערן, איידער מען...

הער אויס, מאַקס, אין פֿאַל אַז מיר וועלען אין גיכען ווידער אַריינ־ציהען אין אַ נייער דירה, האָף איך, אַז דאָס וועט זיין ערגעץ־וואו אין אַ פֿערפֿלייצונגס־געביעט.

און מיין פֿאָטער! שטעהט גאָרנישט אין דעם געזעץ געגען פֿאָטערס,

וואָס בייטען אוים זייערע קינדער אויף געשטאָפּטע זאַקען. איך פֿערשטעה ווירקליך ניט אויף ריכטיג דאָס פֿערהעלטנים צווישען עלטערן און קינ-דער. איך האָב אַ האַרץ פֿול מיט ליעבע, מאַקס, און דערביי אַ בעדערפֿ-ניש נאָך אַביסעל וויסען. נו, ווען איך פֿרעג עפּעס ביי מיין פֿאָטער, זאָגט ער, אַז ער איז ניט קיין לעהרער, און וואָס איז שייך צו דער ליעבע, מוז איך אַפּנים וואַרטען אויף אַ קאָלעגע, ווען איך וועל אַמאָל געבען אונטערריכט אין דער שפּראַכען-לעהרע.

איך קען גאָרניט בעגרייפֿען מיין לעבען. אין פֿערשיעדענע ביכער ווערט אַ מיידעל פֿאָרגעשטעלט אַלס עטוואָס ליעבעס, עטוואָס וויכטיגעס, עט-וואָס פּאָעטישעס. איך בין דאָך אַ מיידעל, און איך געפֿין זיך פֿאַר אונליעב, אונוויכטיג און דורכאוים ניט פּאָעטיש!

ווער איז שולדיג אין דעם?

— דיין איצטיגע לעבענס-צייט,—האָט געזאָגט אַ פֿעטער—ווידער אַן אַנדערער — דיין איצטיגע לעבענס-צייט איז די שעהנסטע צייט פֿון'ם לעבען.

אָה מאַקס, אָה מאַקס, וואָס זאָל איך שוין דיינקען וועגען אַלעס איבעריגע!

און דאָס זיינען בראַווע מענשען, מיינע עלטערן! רייד גאָר קיין שלעכטס ניט פֿון זיי. מיין פֿאָטער פֿערפֿעהלט ניט קיין איין דרשה פֿון פּאַסטאָר מעיבאָאָם, און ער בעצאָהלט פּינקטליך זיינע רעכ-נונגען. מאַך דו דאָס אַקאָרשט נאָך, אויב דו קענסט!

און מיין מוטער איז אין דער ווירקליכקייט אַ פֿלייסיגע בעזובערין פֿון דער קירכע און איז אַנשטענדיג, נאָר...

איך האָב זיך איינגערעדט, אַז אַ בלומען-טאָפּ וואָלט געווען זעהר אַ גוטע זאַך ביי אונז אין הויז.

שרייב מיר באַלד. איך לעז אַזוי גערן דיינע בריעף. זיי פֿערנעהמען ביי מיר דעם פּלאַץ פֿון דעם אָבוועזענדען בלומען-טאָפּ, הגם דיינע געשיכטען פֿון דער אויטאָריטעט...

ניין, אָפּענהערציג וויל איך זיין, און ווען איך בין אויך אַ מיידעל! דיינע ערצעהלונגען זיינען דאָך אייגענטליך נור דערפֿאַר געווען טרויעריג פֿאַר מיר, ווייל איך אַליין — עס איז שווער, זיך מודה צו זיין דערויף — ווייל די אויטאָריטעט, וועלכע דו ריהרסט אָן... ווייל... אוים לאַנגוויילינ-קייט... איך האָב אַ קעצעלע, מאַקס... און... אוים לאַנגוויילינקייט...

גאָט אין הימעל, ווי שווער מיר איז צו זאָגען די וואַהרהייט... אָה מאַקס, דו זעהסט שוין, אַז איך בין אַ מיידעל!

דאָס קעצעלע... נו, אוים לאַנגווייליגקייט האָב איך עס אַמאָל... אַ קניפּ געטהאָן! ס'איז אַרויסגעלאָפען אויף דרויסען!

איך האָב אַזוי מורא, אַז מיין קאַץ זאָל זיך נים אַריינגעהמען אין זינען דיינע געשיכטען איבער אויטאָריטעט, און דאַן... וועט זי זיך בערופען אויף דיר און... מיך גראַבלען, ווען איך וועל איהר קנייפען... פערשטעהסט דו מיך!

P. S. איך דאַנק דיר זעהר, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט טינע'ס בריעף צו לעזען, הגם איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך. איז דער קלימאַט פון לאַעקען דאָרט לעבען בריסעל געזונד? בילדער, ראַהמען, אַ הויי־ראַטס־קאָנטראַקט, אונטערשריבען אין מיין פערטען יאָהר אַלס פריץ פון אַ דאָרף — וואָרים פאַר פופצעהן יאָהרען בין איך אַלט געווען פיער יאָהר — איך הויב עס ניט אָן צו בעגרייפען! האָסט דו מיך ווען עס איז אַרויסגעוואָרפען דורך'ן פענסטער? איך ווייס גאָרנישט דערפון, בנאמנות, איך הויב עס ניט אָן צו וויסען! און ביים מעסטען די ערד האָב איך קיינמאָל ניט געהאָלפען. איז עס טאַקע געזונד אין לאַעקען?

אין אַ פּאָר טעג אַרום: שער־צייט! מיינע האָר... איך וועל געררופען.

פון פענסי'ן צו טינע'ן.

שש... שש... ש...ט!

וואָס האָב איך דיר געטהאָן, וואָס דו האָסט איהם שיער ניט אויסגעזאָגט מיין סוד? לאָז איהם זיין אַזוי דום ווי ער איז. ער איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מאַן, ער, וואָס ער האַלט אין איין שרייען: זי איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מיידעל! איך וואָלט ניט געהאַלטען אַזויפיעל פון איהם, ווען ער איז ניט אַזוי דום. איך האָב ברעה איהם צו פערבלענדען די אייגען מיט אַ געשיכטע, שעהנער ווי די געשיכטע פון דער קליינער סאַראַה בירגענהאַרץ *)... וועלכע פלעגט אויפעסען די פאַנקוכענס. כ'האָב גוט

*) „געשיכטע פון דער יונגפרוי סאַראַה בירגערהאַרץ" איז געווען דער נאָמען פון אַ האָלענדישען ראָמאַן, וואָס איז ערשיענען אין 1782, געשריבען פון די צווי

געטהאָן דאַן, וואָרים, פֿערשטעהסט דו מיך... כאַראַה, דאָס בין איך געווען! אָבער אין יענער צייט האָב איך אַנדערש גערעדט מיט די מענשען, ווייל די מאָדערנע טהעאָלאָגיע איז נאָך דאַן ניט געווען ערפֿונדען. אויך האָט מען נאָך די עלעקטריציטעט ניט געהאַט איינגעשפּאַרט, אָדער... „איינגעראַהמט". דו זעהסט, איך נעהם מיין איינגענטהום צוריק, דעם אויסדרוק, וועלכען איך האָב דיר פֿאָרגעזאָגט, בשעת דו האָסט געשריבען דיין לעצטען — פֿערעטהערישען! — בריעף. ווייטער זאָלסט דו אַזוי וואָס קיינמאָל ניט טהאָן!

בעת איך האָב לאָזשירט אין דער בעעמסטער געגענד ביי די דאַמען וואָלף און דעקען, זיינען די מענשען געווען נאָך נאַרישער, ווי דיין זעהר, זעהר נאַרישער מאַקס. נאָר לאָז איהם זיין ווי ער איז! עס איז ניצליך, ער זאָל גלויבען, אַז איך בין שווער, אַז איך האָב אַ משא אין זיך. אַזוי לאַנג ווי ער האַלט מיך פֿאַר אַזוי לייכט, אַז איך קען ניט געוואויגען ווערן, וועט ער שרייבען צו נעבעלדיג, צו וואָלקענדיג, און איך וויל, אַז זיינע בריעף זאָלען אויך פֿערשטאַנען ווערן פֿון די מיידלאַך, וועלכע וואוינען ניט אין די וואָלקענס... אַז זיי זאָלען פֿערשטאַנען ווערן פֿון דער מענשהייט! ווייטער זאָלסט דו אַלזאָ גאָרנישט אויסזאָגען וועגען מיר! אויב דו וועסט עס נאָך אמאָל טהאָן, וועל איך דיר מעהר ניט שיקען קיין בילדער, קיין איין צייכנונג, קיין איין סקיצע, קיין איין שטריך ניט... יאָ, איך וועל...

ניין! דאָס וועל איך ניט! איך וועל דיר ווייטער שטעהן ביי דער זייט אין דיין שווערען אָנפֿאַנג, עדעלע, מוטהיגע, ערהאַבענע פֿרוי... טרייע, דרייסטע הייראַטס־גענאָסין... שטאַרקע מוטער... העלדין!

איך וויל בלייבען ביי דיר, לעבען דיר, אין דיר! איך וויל דיך בעגלייטען ביז צו דער לעצטער שטונדע, און אָט די שטונדע וויל איך דיר זיס מאַכען, דערמיט וואָס איך וועל דיר האַלטען פֿאַר די אויגען אַ בילד פֿון דיין ריינעם לעבען, אַז עס זאָל פֿאַר דיר זיין ווי אַ שפּיעגעל פֿון אַ גליקליכערער צוקונפֿט! וואָרים איך זאָג דיר דאָ, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזאָגט צו איהם, דיר זאָג איך, אַז דו ביסט אונשטערבליך!

דאַמען אַגאַטהאַ דעקען און עליזאַבעטה וואָלף. אין דעם ראָמאַן, ווי אין פֿיעלע ליטעראַטור־ערשיינונגען פֿון יענער צייט, ווייזט זיך אַרויס דער איינפֿלוס פֿון סאַמועל ריטשאַרדסאָן'ס ראָמאַן „קלאַריס". כאַראַה, וועלכע לעבט ביי אַ בייזער מוהמע אין הויז, ווערט פֿון איהר ניט פֿערשטאַנען און ליידעט שרעקליך. ענדליך, אום פּטור צו ווערען פֿון די צרות, פֿערלאָזט זי די מאַנטע און וואַרפֿט זיך אַריין דער וועלט אין די אָרעמס.

און אויב איך קען נים פ א ר דער צייט אויסווישען די אַלע מ־עהרען, וועלכע דו פערגיסמ אין דער שטיל, פערבאָרגענערהיימ, אוים עדעלען בענעהר נאָך שמערץ — „מ ע נ ש ע ן, וו ע ל כ ע ל י ע ב ע ן א ז וי, ד י מ ו ז ע ן ל יי ד ע ן", האָמ ער מימ מיין מויל געזאָגמ — אָה, וועל איך אָבער ד אָ ך נים דערלאָזען, אַז דיינע קינדער זאָלען פיהלען דאָס זאַלץ אין דער שפייז, וועלכע איז דורכגעזאָפמ מימ די דאָזיגע מרעהרען! ד אָ ך וועל איך זייערע אויגען פערשמעלען, זיי זאָלען נים זעהן די אונענמשלאָסענקיימ, וועלכע מאַכמ אונזיכער דער מומער'ס האַנד, בשעת זי גימ זיי ברוימ... גריימ ווי זי איז היינמ צו געבען, אָבער אויך פונקמ אַזוי גייציג אָבצושפּאָרען אויף מאָרגען!

ד אָ ך וועל איך אַראָבשוועבען אויף דעם געלעגער, וואו דו שלאָפסמ, און דיר געבען חלומות זיסע און רוהיגע, כדי דו זאָלסמ אָנזאַמלען שמאַרק־קיימ פאַר דעם מאָג, וואָס וועמ קומען, נאָך דער שווערער מיה פון דעם מאָג, וואָס דו האָסמ געהאַמ אויסצושמעהן!

ד אָ ך וועל איך אַריינגיסען קראַפמ אין דיין פערמאַמערמ׳ן קערפּער, ער זאָל נים אַרויסלאָזען די זעעלע פ א ר דער צייט. איך וועל צונויפציהען די מוסקלען פון דיין מויל צו דעם שמייכעל, אין וועלכען ע ר גיימינגמ זיך, כדי נים צוזאַמענצופאַלען, ע ר, וואָס וויל, אַז דו זאָלסמ נים פיהלען דעם שמערץ, וועגען וועלכען ד ו ז אָ ג ס מ, אַז דו פיהלסמ איהם נים.

האָב מומה, מ יי ן ק י נ ד! קוק מיך אָן, זיי בערוהיגמ ווי ד יי נ ע קינדער זיינען עס, ווען זיי גיבען א קוק אויף ד י ר! בין א י ך פאַר דיר וויניגער, ווי דו פאַר ז י י? ווייסען זיי נים, אַז ד ו וואַכסמ? און ווייסמ ד ו נים, אַז א י ך וואַך... א י ך, פ ע נ ס י?

פיהלסמ דו אויף דיין שמערן דעם קוש, וואָס איך שיק דיר צוזאַמען מימ מיין ברכה?

זיי געגריסמ, דו מימ די קליינע...

פון פענסי'ן.

אָה מאַקס, העלף מיר! איך געפין זיך אין נוימ — ווידער א נוימ אָהן וואַסער — איך נייטיג זיך אין דיין הילף! ביסמ דו א דאָקמאָר פון יוריספרודענץ, אַן אַדוואָקאַמ, אָדער א געריכמס־דיענער... קורץ און גומ: איינער, וואָס פערשמעהמ עפּעס מכח געזעץ? וואָרים עס דרעהמ זיך פיעל וועגען ג ע ז ע ץ אין דער געשיכמע, וואָס איז אַצונד געקומען איבער מיר.

איך וויל אויף יעדען פֿאַל וויסען, צי מען קען מיטנעהמען אַ פּיאַנאָ אין דער... בעסערונגס-אַנשטאַלט. וואָרים אַ היין דאַרף איך זיך איצט אַריבערציהען...

איך האָב זיך נאָך ניט ערהוילט פֿון'ם שרעק. גיב מיר אַן עצה, העלף מיר, ראַטעווע מיך! אַנטלויף מיט מיר... אויב ס'איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, דו ביסט מיר דאָס אַלעס שולדיג, מאַקס, וואָרים איך לייד צוליעב דיר. ווען דו וואָלסט גענומען אָנטהייל אין דעם שווינדעל פֿון לעבאַק, וואָלט איך אַצונד ניט געדאַרפֿט קיין בעסערונג. ענטפֿער גלייך, צי איך קען מיטנעהמען מיין פּיאַנאָ, זאָגאַר ווען עס וועט ניט בעסער ווערן אין אַזאַ אַנשטאַלט. אַך, איך פֿילייכט אויך ניט... ס'מאַכט מיר גאָר ניט אויס. דעם „סאַאידיאַה" פֿון ריכאַרד האָל שפּיעל איך שוין „גאָר נישקשה'דיג", און וואָלט עס ניט געווען אַ וויטאָג, ווען איך זאָל אַלזאָ אין דעם דאָזיגען צוכטהויז... עס שווינדעלט מיר אין קאָפּ. איך ווער גערופֿען... ניין, ס'איז געווען אַ ווינד! אָט קומען זיי... איך הער זיי אויף די טרעפּ... שווערע טריט... הו! דאָס זיינען געווים פּאָליציי-אַגענטען, וועלכע קומען מיך בעסערן... ניין, ס'איז בלויז געווען מיין קעצעלע... בעשטיוועלט דורך מיין געוויסען. וויטער וועל איך עס שוין קיינמאָל מעהר ניט קנייפּען, קיינמאָל ניט... דאָס שווער איך! איצט ווייס איך שוין, וואָס עס הייסט, געקניפּען צו ווערן! אַזוי גיך ווי די נייע לבנה וועט אַרויסגעהן, וועסט דו... אַצונד ווער איך ווירקליך גערופֿען! איך איַיל זיך, איך האָב מורא... אַך, ווען איך זאָל קענען פֿליהען!

יאָ, ווען איך וואָלט איצט געווען אַ לייכט מיידעל, ווי דו ווילסט עס ניט אַנדערש מאַכען פֿון מיר! דאַן וואָלט איך זיך פֿון קיינעם ניט געלאָזט בעסערן! מאַקס, העלף מיר! אויב ס'איז קיין ברירה ניטאָ און איך מוז געבעסערט ווערן, דאַן איז מיר ליעבער, אַז דו זאָלסט עס טהאָן... נאָר איך וואָלט ליעבערשט וועלען בלייבען, וואָס איך בין.

פון א פאטער.

זעהר געעהרטער העררי!

מיין נאָמען איז שעפּס. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב זיך צו בעקלאָגען אויף אייך. אייער אונפּאַסענדע אַטאַקע אויף דעם סאָרט ביער, וואָס איך טרינק צו מיין זויער-קרויט *), האָט מיך דורכאוים ניט

---

*) אין „מאַקס האַוועלאַר" פֿון מולטאַטולי.

מולטאַטולי—ליעבעס-בריעף.

געקענט טרעפֿען. איך פֿעראַכט אייער שמיערעריי, און איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט אַראָבגעלאָזען אייך צו ענטפֿערן, ווען איך וואָלט ניט בעמערקט, אַז איהר הויבט זיך אָן קימערן וועגען מיין בעל הבית׳ישקייט. מיין פֿרוי האָט ענטדעקט, אַז איהר שרייבט זיך דורך מיט איינער פֿון מיינע טעכטער — פֿילייכט מיט אַלע — וואָהרשיינליך, כדי זיי צו פֿערפֿיהרען. איך פֿערבאָט אייך דאָס פֿאָרטצוזעצען. איך ציה אויף מיינע קינדער אין טוגענד און אָנשטענדיגקייט, און מיר האָבען גאָרנישט צו טהאָן מיט אייער נאַרישער דאָן-קיכאָט׳עריי. איך הער, אַז איהר האָט אַ פֿרוי מיט קינדער, און אַז איהר לאָזט זיי ליידען מאַנגעל און נויט. זעהט בעסער צו זאָרגען דערפֿאַר, דאָס וועט זיך בעסער פּאַסען פֿאַר אייך, איידער צו מאַכען קריעג און מחלוקות אין אַן אָנשטענדיגער פֿאַמיליע. מיין נאָמען איז שעפּס, און איך וויל ניט וויסען פֿון קיין דומהייטען ביי מיר אין הויז. דאָס וואָס איז, מוז אַזוי בלייבען, און אויב עפּעס וועט דאָ דאַרפֿען געענדערט ווערן, טאָ וועט דאָס אויף יעדען פֿאַל אייך גאָרנישט אָנגעהן. אַחוץ דעם האָט מען אייך דערצעהלט זאַכען, וואָס זיינען ניט ריכטיג: איך האָב קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט וועגען אַלעקסאַנדער דעם גרויסען. אויב איך וועל זעהן, אַז איהר קימערט זיך נאָך אַלץ איבער מיינע אָנגעלעגענהייטען, וועל איך אָננעהמען שטרענגע מאַסרעגלען. מען איז אייך מוחל די טובה, איהר דאַרפֿט ניט אָבוואַרטען מיינע קינדער ביים אַרויסגעהן פֿון דער רעליגיאָנס-שולע. איך פֿערבלייב אייער

שעפּס.

פֿון אַן אַנדער פֿאַטער.

מיין הערר!

מיינע טעכטער האָבען זיך מודה געווען פֿאַר מיר, אַז זיי האָבען געהיימע, פֿערבאָטענע פֿערבינדונגען מיט אייך. מיין נאָמען איז שעפּס, און איך פֿערזיכער אייך, אַז איך וועל זיך ווענדען צו דער פּאָליציי, אויב אָט די נאַרישקייטען וועלען גלייך אויף׳ן שטעל ניט אויפֿהערען. עס זיינען דאָ געזעצען אין לאַנד, וועלכע בעשיצען די אָנשטענדיגע לייט. מיין נאָמען איז שעפּס: איהר קענט זיך נאָכפֿרעגען אויף מיר. אויך בעט איך אייך, איהר זאָלט צורוה לאָזען מיין זוהן.

פון אן אנדער פאטער.

מיין נאָמען איז שעפס . . . . *)

פון א שטיפמוטער.

זעהר געעהרטער הערר!

די טעכטער פון מיין מאַן מאַרעזשען שלעכט די זאָקען, און שטיקען, אַז עס איז איינפאַך אַ שאַנדע. ביים צייכענען די וועש שטעלען זיי די בוכשטאַבען מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, און די וואָך זיינען די שנירלאַך אין די קאָפּ-קישעלאַך ניט געווען איינגעצויגען. איך האָב בעמערקט, אַז דאָס איז אַלעס אייער שולד. איך האָב ניט די אַבזיכט צו שווייגען שטיל און צוזעהן די אַלע דומהייטען, וואָס זיי לאָזען זיך פון אייך אריינקלאַפען אין קאָפּ, און איך וואָרן אייך פאַר די פאָלגען. איך האָב נאָכגעזעהן דאָס געזעץ וועגען דעם און ווייס, וואָס אַ שטיפמוטער קומט. אַ קינד מוז אָבגעבען כבוד זיינע עלטערן, דאָס שטעהט דאָרט, און דאָס זאָל געשעהן, און ווען אַלעס זאָל זיך אפילו שטעלען אויף'ן קאָפּ.

פון אן אנדער שטיפמוטער.

מיין הערר!

איך פערבאָט אייך, מיר צו מאַכען וואָס פאַר עס איז בעמערקונג וועגען מיין נעה-אַרבייט. ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט שעפס'ן, האָב איך זיך פאַרגענומען, צו רעגירען זיין הויז, און דאָס טהו איך. אַ שטיפמוטער איז ניט קיין שמאַטע. איך וויל, מען זאָל מיך פאָלגען, און ווען איך וועל בעמערקען, אַז איהר הערט ניט אויף אויפצוהעצען די קינדער פון מיין מאַן אַנטקעגען מיר, וועט איהר זעהן, אַז איך וועל זיך ניט לאָזען אָנגעהמען אָהן האַנדשוה. איך האָב געהאַט אַ לאַנגען און ברייטען שמועס וועגען דעם מיט מיין ברודער, וועלכער האָט געהאַנדעלט מיט תבואה, אָבער איצט לעבט ער פון זיין געלד. איהר הערט? פון זיין

---

*) אויס איבערמאָס פון גוטען געשמאַק האָט דער פערלעגער דאָ געפונען פאַר נייטיג צו אונטערדריקען אַן ערך צוואַנציג ליעבעס-בריעף פון שעפסען.

געלד! דאָס איז עפּעס אַנדערש איידער אַרומצולויפען ווי אַ בראָדיאַגע, ווי מען דערצעהלט אויף אייך.

פון אן אנדער שטיפמוטער.

די טעכטער פון מיין מאַן האָבען זיך מודה געווען...*)

פון א פעטער.

זעהר געעהרטער העררו!

איהר זייט אַ מיזעראַבלער קערל! איך האָב די טעכטער פון מיין ברודער געוואָרענט פאַר אייך און זיי געזאָגט, אַז איהר זייט אַ גנב, אַ הולטאַי, אַ פעלשער, אַ שכור, אַ פרויען-יעגער און דערצו נאָך אַ משוגע-נער! און אַז איהר האָט קיין געלד ניט, יאָ, דאָס האָב איך אויך געזאָגט! און אויך, אַז איהר האָט ניט געוואָלט שרייבען איבער „פרייע אַרבייט", וואָס דאָס איז אַ שמאַך און שאַנד, און אַז איהר טרעט אייער גליק מיט די פיס, וואָס מען טאָר ניט טהאָן. און אַז איהר פערפיהרט אַלע מיידלאַך, און אַז איהר... קורץ און גוט, איהר זייט אַ מיזעראַבלער קערל, און איך בין

אייער דיענער

. . . .

פון אן אנדער פעטער.

מיין העררו!

מיט אַ טיעפען געפיהל פון אויפגעבראַכטקייט האָב איך געהערט פון מיין ברודער, דעם העררן שעפּס, אַז פון אַ שטיקעל צייט אָן האָט זיך ביי איהם אין הויז ענטפּלעקט אַזוינס, וואָס פּאַטשט אין פנים אַלע

---

*) די איבעריגע טוצען שטיפבריעף ליגען אָפען פאַר די שרייבערקעס אין דער רעדאַקציע פון דעם „דאַגעראַאַד".

קריסטליכע פּרינציפּען פון אונטערטהעניגקייט, עניוות און אָרדנונג; און אזוי ווייט ווי איך קען אורטהיילען פון די ידיעות, וואָס איך האָב געקרי-גען, זייט איהר דאָס די אורזאַך דערפון. די אונוויסענהייט אין געטליכע זאַכען, מיט וועלכער איהר צייכענט זיך אויס, און די האַרטנעקיגקייט, מיט וועלכער איהר האַלט זיך שטייף אונטער דער דאָזיגער אונפּערצייה-ליכער אונוויסענהייט, און נעהמענדיג אין בעטראַכט די פאָרשריפטען פון אונזער האַר און ערלייזער, אויסגעדריקט אין דעם אונשעצבאַרען עוואַנגע-ליום, פאָרגעלויבטען פון די נביאים פון דעם אַלטען טעסטאַמענט, און געשטיצט און בעפעסטיגט דורך די פון גאָט געגעבענע און מיט זיין גנאָד בעשאָנקענע לעהרען פון דער וועלט-געשיכטע, — דאָס אַלעס האָט אין מיר דערוועקט די פליכט צו וואָרענען די קינדער פון מיין הערר ברודער שעפּס געגען דעם זעעל און קערפּער-זעליגקייטס-פערדאַרבענדען איינפלוס פון אייערע גיהנום'דיגע אידעען.

איך האָב געהאַנדעלט מיט תבואה און אַצונד לעב איך פון מיין געלד. אַלס גנאָדען-בעטהייליגער קריסט גלויב איך, אַז איך מוז קעמפפען פאַר די היילינקייט פון זיין זעליג-מאַכענדען גלויבען, וועלכער שרייבט פאָר די יתומים, זיי זאָלען זיין אונטערטהעניג צו זייערע אַפּעקונעס. וואָרים איך בין דער אָפּעקון פון מיין ברודער'ס, דעם הערר שעפּס, קינדער, און איך וועל ניט דערלאָזען, אַז אָט די קינדער זאָלען זיך אויף אַ זינדיגען אופן שטעלען אַנטקעגען דער אויטאָריטעט און אָבטרעטען פון מיין גלויבען.

איך ראָטה אייך מורא צו האָבען פאַר דעם צאָרן פון דעם ליעבע-פולען גאָט, וועלכער לאָזט זיך ניט פערשפּאָטען און וועלכער איז אַ גאָט פון דער גערעכטער ראַכע, ווי עס שטעהט געשריבען אין „העברעער", קאַפּיטעל 10, פסוק 31.

פון אן אנדער פעטער.

איך בין ליבעראַל און געגען יעדע פּראָטעקציאָן אין האַנדעל. אין וואונדער גלויב איך ניט, נאָר די זיטען-לעהרע, די מאָראַל פון דער ביבעל איז שעהן! און ווען איהר וואָלט געקענט די מאָדערנע טהעאָ-לאָגיע, וואָלט איהר זיך געשעהמט. לעזט מעיבאָאָם איבער די וואונדער,

דאַן וועט איהר זעהן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין וואונדער. די קינדער פֿון מיין ברודער שעפּס..........*)

פון א מוהמע.**)

פון אן אנדער מוהמע.***)

פון אן אנדער מוהמע.****)

פון טינע׳ן צו פּעניס׳ן.

אָ דאַנק, אַ דאַנק דיר פֿאַר דיין בריעף, ליעבע, האַרציגע, וואָהל־טהעטיגע צויבער-געטין! יאָ, איך האָב געפֿיהלט דיין קוש! און די קליינע האָבען איהם אודאי אויך געפֿיהלט: איך האָב זיי געזעהן שמייכלען אין זייער שלאָף.

נאָר איך בעט דיך זעהר, פּעניס, זאָג איהם דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט! אָה, זאָג איהם, אַז ער איז אונשטערבליך. ווען דו וואָלסט עס ליעבערשט פֿון מיר פֿערהאַלטען, אום עס איהם צו געבען, איהם, וועלכער שמאַכט נאָך דעם! ער נייטיגט זיך אין אונשטערבליכקייט, פּעניס, און ער מוז וויסען דערפֿון! אָה, זאָג עס איהם! עס מאַכט ניט אויס, אַז דאָס וועט מיר פֿעהלען... איך וועל אויסהאַלטען אָהן דער דאָזיגער קענטעניש! נאָר ער... ער איז ניט קיין מוטער, פּעניס!

---

*) אויס מאַנגעל אין פּלאַץ איז דער פֿערלעגער געצוואונגען צו אונטערדריקען דאָס וויטערדיגע, דער אָרעמער מענש ווערט פֿון אַלעמען מורא׳דיג געזידעלט. דאָס איז זעלבסטפֿערשטענדליך! ריהרענדע איינשטימונג צווישען מאָדערנע און אַלטע.

**) אונטערדריקט!

***) אונטערדריקט!

****) אונטערדריקט!

צו טינע׳ן.

ליעבע טינע, קענסט דו אַ פֿאַמיליע שעפּס? איך זיץ אין אַ וועספּען־נעסט. דאָס קומט פֿון דעם „באַנשיידטיזם“, פֿון אַ נייער לעהרע, וועלכע היילט אַלצדינג דורך פּיקען און שטעכען! די וועספּען פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון די פּיאַווקעס. זעהר גרויס איז דער אונטערשיעד ניט. צי ס׳וועט היילען, ווייס איך ניט, נאָר שמאַרצען שמאַרצט עס גאַנץ שטאַרק.

פֿון דיין לעצטען בריעף *) זעה איך אַרויס, אַז דו האָסט שוין ווידער ניט קיין געלד. דאָס טהוט מיר זעהר לייד. ווילסט דו, איך זאָל שרייבען פֿאַר געלד? ווי אַזוי זאָל איך דאָס מאַכען? איך ווייס ווירקליך ניט, ווי מען קריכט אַריין אין דעם? אַז איך פֿערקויף מיין פּאָרטרעט, רופֿען זיי דאָס אַן פּוסטע גאוה, און איך געפֿין, אַז זיי זיינען גאָר ניט שטאַרק אומגערעכט, אָבער קען איך אַלזאָ פֿאָטאָגראַפֿירען מיין נשמה און אַרויסשטעלען צו פֿערקויפֿען אין אַ בוכהאַנדלונג? וואָלט דאָס געווען שעהן ביי דיר אין די אויגען? וואָלט דאָס מיך ניט געמוזט אויפֿקאָכען, זעהענדיג, ווי מען בעטאַפּט מיך מיט די פֿינגער און מען שמירט מיך אוים מיט שמוציגע הענד? וואָרים מוסיע פּובליקום איז שמוציג און ברוטאַל — נאָר די שמוציגקייט איז ביי איהם ערגער ווי די ברוטאַליטעט. איך פֿערשטעה גאַנץ גוט, פֿאַרוואָס די „יאַקאַטראַנער“, וועלכע האָבען אויסגעהאַלטען, אַזוי לאַנג ווי מען האָט געשאָסען אויף זיי מיט בליי, זיינען שנעל אַנטלאָפֿען, ווען מוסיע פּובליקום׳ס עלטער־זיידעס האָבען אָנגעהויבען וואַרפֿען מיט אַנדערע קוילען. **)

נו, אויך איך האָב קיין מורא ניט פֿאַר שיסען, שלאָגען און שטעכען, נאָר אַז מען הויבט אָן וואַרפֿען מיט אונאַפּעטיטליכע זאַכען, דאַן אַנטלויף איך ווי אַן אונגעבילדעטער יאַקאַטראַנער.

און דערמיט וואָלט איך דאָך געוואָרפֿען געוואָרען, ליעבע טינע, ווען מען קריגט נור אַריין אַ געדרוקטע זאַך מיינע אין די הענד.

נאָך האָב איך זיך ניט אין גאַנצען איבערגעבעטען מיט אָט דעם מולטאַטולי, וועלכער האָט מיך אַזוי נאַקעט אויסגעטהאָן אין דעם בוך

---

*) דער דאָזיגער בריעף געהערט, ווייזט אויס, צו דער קאַטעגאָריע פֿון בריעף, וואָס פֿענסי האָט פֿערבאָטען אַרויסצוגעבען.

**) „אָט די הינט פֿון האָלענדער האָבען געקעמפּפֿט מיט שמוץ!“ דאָס איז געווען דער אויסגעשריי, מיט וועלכען די יאַקאַטראַנער האָבען זיך ערקלעהרט אַלס בעזיעגט. (היסטאָריש, און נאָך אַלץ ווי אָנגעמאָסטען!)

מכח דעם קאַפּע. *) וואָס האָט איהם געגעבען דאָס רעכט דערצו? וואָלט איך עס אַליין געטהאָן אין אַן אייגענבליק פון... אָה, ליעבע טינע, קיין געלד האָב איך ניט, אָבער איך וויל דיר גערן איבערדערצעהלען אַ געשיכטע, וואָס איך געפין אין יאַקאָב וואַן לענעפ'ס בעמערקונגען צו זיין „עדוואַרד וואַן געלרע". ער וועט דאָך וואַהרשיינליך ניט בייז ווערן, וואָס איך נעהם דאָס מאָל עפּעס פון איהם. העלף זיך אַרויס מיט דער געשיכטע, אַזוי גוט ווי דו קענסט, ביז וואַנען איך וועל דיר קענען שיקען עפּעס אַנדערש. עס קומט דאָרט פאָר אַ פרוי, וועלכע איז פון דיין פאַמיליע, גלויב איך, הגם דו האָסט ניט קיין „פייערדיגען" קוליער. אויך זי וואָלט וואַהרשיינליך געווען בלייכער, ווען זי וואָלט געווען פערהייראַטעט מיט מיר — און וואָלט אַלזאָ געהאַט פיעל אויסצושטעהן — אַנשטאָט מיט'ן געלדערשען הערצאָג, וועלכער האָט זי בלויז פערשטויסען.

„אין זיינע לעצטע יאָהרען האָט זיך דער הערצאָג ריינאַלד דער צווייטער געהאַלטען ווייט פון זיין פרוי, וועלכע האָט דאָס רוב געוואוינט אין ראָזענדאַל, דאָס הויז, וואָס איז דורך איהר פערגרעסערט און פערשעהנערט געוואָרען. זי פלעגט אויך אָפט זיין אין נימוועגען. אָט די אָבוועזענהייט פון'ם הערצאָג האָט געפיהרט צו אַ ריהרענדער און מאָדנער סצענע, וואָס האָט זיך אָבגעשפיעלט מיט אַ קורצער צייט פאַר'ן הערצאָג'ס טויט. עלעאָנאָראַ האָט געהאַט אַ פייערדיגע און אויפפאַלענדע פאַרב, אַזוי אַז מען האָט געזאָגט אויף איהר, אַז זי איז אַ קרעציגע, און אָט די קראַנקהייט האָט דעם הערצאָג געדיענט פאַר אַ תירוץ, זי אָבצושיידען פון זיין טיש און זיין בעט. איין טאָג, ווען ריינאַלד איז געזעסען ביים טיש, צוזאַמען מיט אַ גלענצענדער געזעלשאַפט אין נימוועגען, איז עלעאָנאָראַ אַריינגעקומען אין זאַאַל, מיט קיין אַנדערע קליידער ווי נור אַ דין ויידען העמד און איבער דעם אַ מאַנטעל; אויף יעדער האַנד האָט זי געהאַלטען איינעם פון איהרע זיהן, ריינאַלד און עדואַרד. אין איין נו האָט זי אַרונטערגעוואָרפען פון זיך דעם מאַנטעל און האָט אויפגעדעקט דעם גאַנצען אויבער-קערפער. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעדרעהט אַרום און אַרום, און מיט אַ וויינענדיגען טאָן, זיך בעגיסענדיג מיט טרעהרען, האָט זי זיך געווענדעט צו דעם הערצאָג און צו די אַרומשטעהענדע און געזאָגט: „אָה, מיינע ליעבע, דאָ אַלזאָ בעט איך אייך, איהר זאָלט אָנקוקען און אונטערזוכען דעם פעהלער און די קראַנקהייט, מיט וועלכער מען האָט מיר בלומר'שט אָנגעטשעפּעט, אום דערמיט בעפלעקט צו ווערן; וואָרים איך בין ווי אַנדערע פרויען, און איך האָב ניט קיין פעהלער פון גאָט'ס גנאָד אין מיין לייב. זעהט, דאָ זיינען אייערע צוויי זיהן, שטאַרק און געזונד, ווי איהר זעהט זיי דאָ

*) „מאַקס האַוועלאַאַר".

שטעהן פֿאַר אייערע אויגען. און זיי וועלען אויפֿוואַקסען מיט דער גנאָד און הילף פֿון גאָט, און וועלען וויסען, אַז עס איז ניט געווען קיין ריכטיגער גרונד צו אונזער שיידונג. אויך קען נאָך קומען אַ צייט, ווען דאָס געלדערשע פֿאָלק וועט בעקלאָגען אונזער ביידענס שיידונג, דאַן ווען זיי וועלען זעהן, אַז זיי האָבען מעהר ניט קיין לאַנד־הערר פֿון אונזער בלוט.״—וואַן בערכעם דערצעהלט, אַז דער הערצאָג און די אַדעל־לייט פֿון׳ם לאַנד, זייענדיג איבערצייגט פֿון עלעאָנאָראַ׳ס ריינקייט, האָבען זיך שטאַרק פֿערשעהמט און זיינען פֿול געוואָרען מיט טרויער, נאָר ער לייגט נאָך צו, אַז נאָך דער דאָזיגער פּאַסירונג האָט דער הערצאָג ניט לאַנג געלעבט.״

און דערביי האָט דער הערצאָג גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט. טויט־בלייבען איז געווען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט טהאָן נאָך דער פֿערשטויסונג פֿון אַ פֿרוי, וועלכע האָט געהאַט דעם מוטה צו אַזאַ ערהאַבענער ניט־צניעות׳דיגקייט! יאָ, איך פֿערשטעה, ווי עס קענען אַמאָל קומען מאָמענטען, ווען מען לייגט אַוועק יעדע שעהמעדיגקייט אָן אַ זייט, ווען מען וואַרפֿט אַרונטער פֿון זיך דעם מאַנטעל, מען עפֿענט פֿונאַנדער דאָס קלייד, און אויפֿדעקענדיג די ברוסט, שרייט מען אויס: קוקט אָן, איהר אַלע, זעהט און שעהמט זיך... קוקט אָן און זעהט, צי בין איך קרעציג!

יאָ, איך בעגרייף אָט די פֿרוי!

זאָל מעגליך האָבען געדיינקט פֿון איהר, ווען ער האָט מיך אויסגעטהאָן נאַקעט אין זיין בוך? אַך, דאַן האָט ער פֿערגעסען, אַז עלעאָנאָראַ האָט געהאַט צו טהאָן מיט אַ „ג ל ע נ צ ע נ ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט״— מיט אַ ד ע ל־לייט געווים! — און א י ך?

אָה פּובליקום, געגען דעם ע ל ט ע ר פֿון דיין שטאַם־בוים האָב איך גאָר ניט וואָס אויסצוזעצען. איך גיב צו, אַז דו קומסט אַרויס דירעקט אין אַ גראַדער ליניע פֿון די דריי פֿריינד, וועלכע האָבען געריסען שטיקער פֿון דעם אָרעמען א י ו ב מיט זייער ניט אויסגעפּרוּאוּוטער טוגענד. נאָר וואָס איז שייך צו דיין אַדעלקייט...

ליעבע טינע, זעה ווי עס איז דורכצוקומען נאָך אַ שטיקעל צייט. איך האָב געהערט, אַז מען האָט בעשטימט אַ נייעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿאַר מורח־אינדיען. ס׳איז דאָך צו טרויעריג, אַז איהר זאָלט ניט האָבען וואָס צו עסען, דו און די קינדער! דערום... זעה, וואָס איך שרייב היינט צו דעם מיניסטער פֿון די קאָלאָניעס. קען איך טהאָן פֿאַר אייך מעהר ווי דאָס, וואָס איך וועל זיך פֿערדינגען אַלס בעאַמטער? און... דו וועסט זעהן... דאָס וועט מיר נאָך פֿערערעכענט ווערן פֿאַר אַ גרויסע טובה!

„עקסעלענץ!

„ווי איך הער, איז בעשטימט געוואָרען אַ נייער גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿאַר אינדיען. איך האָב געוואַרט דערויף, אום זיך צו ווענדען צו אייער עקסעלענץ...

ליעבע טינע, ווי לאַנגווייליג דאָס איז! דו זעהסט, וואָס איך דאַרף אויסשטעהן פֿאַר דיר און די קינדער!

...אום זיך צו ווענדען צו אייער עקסעלענץ, און זיך שטיצענדיג אויף פֿריהערדיגע געשפּרעכען אייך צו פֿרעגען, אויב עס וואָלט איצט ניט גע־קענט זיין קיין געלעגענהייט צו מאַכען אַ נוצען פֿון מיינע אידעען, אין בעצוג אויף די רעכטע, וועלכע איך האָב זיך, גלויב איך, ערוואָרבען דורך פֿיעלע ליידען, און אין איינשטימונג מיט די אינטערעסען פֿון לאַנד?

„איך וועל זיך סטאַרען אַזוי וויים ווי מעגליך אָבצוהיטען דעם נייעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿאַר דער שטערענדער רוטינע, פֿאַר דער פֿערשלעפּעניש פֿון דעם ראַטה פֿון אינדיען, פֿאַר די ערמיעדענדע סעקרעטען פֿון דעם אַלגעמיינעם סעקרעטאַריאַט און פֿאַר די אַמטליכע לינענס פֿון די, וועלכע האַלטען זיך דאָרט אויף.

קען איך מעהר זאָגען? ווען זיי זאָלען אפילו קויפֿען הונדערט „בעאָס", וועלכע זאָלען האַלטען אין איין טרומייטערן: „ס'איז דאָ מעהר רייז, וויפֿיעל רייז עס איז דאָ!" דאַן וואָלט איך פֿונדעסטוועגען געווען אַזוי פֿריי, אָט דעם אונמעגליכען רייז נאָכצומעסטען!

„נאָר אום צו האָבען ערפֿאָלג אין דעם, וואָלט איך געמוזט זיין פֿערזיכערט מיט אַביסעל סימפּאַטיע ביי דעם נייעם לאַנד־פּריץ. ער־שטענס, ווייל אָהן דעם וואָלטען מיינע בעמיהונגען געווען אַרויסגעוואָרפֿען, צווייטענס, ווייל אָהן שטיצע וואָלט איך גאָר גיך געפֿאַלען אונטער דעם האָס פֿון די אינדישע בעאַמטע...

זאָל זיך דעם מיניסטער אַזוי אָבדובטען. ער ווייסט ניט, אַז איך קען ניט פֿאַלען. דאָס איז מיין זאַך, אונזער זאַך, טינע! און ווען ער זאָל עס אפילו יאָ וויסען, וואָלט עס דאָך ניט געווען שעהן פֿון איהם, ווען ער שטיצט זיך דערויף.

„עקסעלענץ, איך האָב זיך אָבגעזאָגט דערפֿון, אָבצוגעבען מיין פֿע־דער פֿאַר די אינטערעסען פֿון די מענער פֿון דער „פֿרייער ארבייט", הגם אָט די ענטזאָגונג האָט ביי מיר אַוועקגערויבט די אונטערשטיצונג פֿון די פערזאָנען, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען אַרויסצופרעסען זייער וואוילזיין פֿון דער דאָזיגער פֿרייוויליגער אַרבייט.

„פֿון דער אַנדער זייט האָב איך פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס

מען האָט מיך אין נאָוועמבער אָדער דעצעמבער 1859 אַרויסגעשטעלט אָהן מיין וויסען אַלס קאַנדידאַט צו דער צווייטער קאַמער, ווייל איך האָב בעמערקט, אַז די אַמסטערדאַמער „ערהאַלטענדע"*) האָבען פֿון מיר און פֿון מיין אידעאַל געוואָלט מאַכען אַ קריגס־מאַשין געגען דעם דעמאָלדיגען מיניסטעריום, און נעמליך אין זייער גרים־צאָרן אויף דעם שפּעטער געפֿאַלענעם אייזענבאַהן־געזעץ...

„עקסעלענץ, איך גלויב, אַז איך האָב אַ רעכט צו פֿערלאַנגען אַביסעל אויפֿמערקזאַמקייט. מיין גאַנץ לעבען איז דאָ, אום צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, אויב אָט די פֿאָדערונג איז בעגרינדעט. איך לייג ניט פֿאַר קיין סיסטעם...

איך קען זיי צו גאָרנישט נוצען, מינע... דאָס וועסט דו זעהן. „קיין סיסטעם אַלזאָ...

...איך קעמפּף געגען די שלעכטע אויסנוצונגען פֿון אַלע סיסטעמען...

דאָס הייסט, אַז געגען מיר איז יעדער, וואָס איז פֿ ע ר א י נ־ ט ע ר ע ס י ר ט אין די דאָזיגע אויסנוצונגען. איך בין זיכער, אַז איך וועל קיינמאָל ניט קריגען קיין ענטפֿער דערויף.

„דאָס איז מיין גאַנצע פּאָליטיק, און מיט רעספּעקט לייג איך פֿאָר מיין דרינגענדע ביטע פֿאַר אייער עקסעלענץ, מיר צו געבען די מעג־ ליכקייט, געשטיצט אויף אַ פֿעסטען ווילען און אויף אייניגע פֿעהיגקייטען, וועלכע די נאַציאָן אָנערקענט אין מיר, אָנצוּואָווענדען אָט די פּאָליטיק אויף אַ געזעצליכען אופן צום נוצען פֿון לאַנד.

„איך האָב די עהרע מיט אמת'ער הויכאַכטונג צו זיין..."

אַ מ ס ט ע ר ד אַ ם, דעם 25טען יוני 1861.

זעהסט דו, מינע, אַזוי האָב איך געשריבען. נו, זאָל אימיצער זאָגען, אַז איך בין ניט קיין פּראַקטישער מענש, און אַז איך טהו ניט מיין בעס־ טעס פֿאַר דיר און פֿאַר די קינדער!

בעאַמטער פֿון דער האָלענדיש־אינדישער רעגירונג! אָה גאָט, א י ך אַ בעאַמטער! עס שוידערט מיך, ווען איך דערמאָן זיך אָן די זיבעצעהן יאָהר, וואָס איך בין געוועזן אין אַמט.

אָבער וואָס קען דאָס פֿאָרט זיין פֿאַר אַ פֿאַמיליע ש ע פּ ס! איך הויב עס ניט אָן צו פֿערשטעהן. עס מוז אודאי זיין אַ וויץ. איך וואָלט דיר גע־ קענט צושיקען אַ גאַנצען פּעקעל בריעף, וועלכע איך האָב ערהאַלטען פֿון

*) „בעהאודערס", די ערהאַלטענדע — אַ קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי־גרופּע אין האָלאַנד.

דער דאָזיגער פֿאַמיליע, נאָר איך טהו עס ניט צוליעב מאַנגעל אין פֿאַסט־געלד. עס ווייזט אויס, אַז אימיצער שאַרט זיך אונטער מיין נאָמען צו אַלערליי מיידלאַך און פֿערדרעהט זיי דעם קאָפּ. דו ווייסט, אַז איך טהו קיינמאָל ניט אַזעלכע זאַכען. מען זידעלט מיך מורא׳דיג אויס און מען סטראַשעט מיר מיט גאָט׳ס צאָרן, אויף דעם אופן פֿון „העברעער" קאַפּי־טעל אַזויפֿיעל און אַזויפֿיעל! איז דאָס ניט אונאַנגענעהם? איך מיין, אַז דאָס מוז זיין אַ פֿערשווערונג פֿון די יעזואיטען, וועלכע זיינען אינאיינעם מיט דער עלעקטריציטעט שולדיג אין אַלצדינג, וואָס מען פֿערשטעהט ניט. אין איינעם פֿון די בריעף שטעהט, אַז מען האָט געפֿונען מיין קאָרעספּאָנדענץ ביי אַ מיידעל, אָדער ביי מיידלאַך... נאַרישקייטען! איך קאָרעספּאָנדיר מיט קיינעם ניט, אויסער מיט דיר... און מיט דעם מיניסטער, ווי דו האָסט געזעהן. אומזיסט סטאַרע איך זיך צו געפֿינען דעם פֿאָדים צו דער דאָזי־גער אינטריגע. די אַבזיכט מוז וואַהרשיינליך זיין, מיך צו דיסקרעדיטירען און געבען דעם פּובליקום אַ פּריטשעפּקע, מיך צו פֿעראַכטען אַלס אַן אונפּראַקטישען מענשען. גאָט אין הימעל, דעם גאַנצען טאָג זיץ איך און טראַכט, ווי אַזוי איך זאָל דיך און די קינדער דערהאַלטען ביים לעבען... ווי איך זאָל אייך שאַפֿען אַ וואוינונג, וועלכע זאָל ניט זיין אַזוי אונגעזונד... ווי אַזוי איך זאָל קענען קומען אַהיים, און דאָך ניט מוזען צוזעהן, ווי איהר ליידט נויט... דעם גאַנצען טאָג זיץ איך און גריבעל זיך איבער דער פֿראַגע, און דאָ לאָזען זיי גאָר אַרויס אָט דעם פּוסטען קלאַנג, אַז איך שרייב בריעף צו מיידלאַך! איך וועל עס אָנגעבען אין דער פּאָליציי, אויב עס וועט ניט אויפֿהערען.

איך האָב געליהען אַ „שטאַאַטס-בלאַט", און דאָס שטודיר איך איצט מיט חשק.

אויך האָב איך נאָכגעזעהן, ווי לאַנג איך וועל זיך דאָ מוזען עסק׳ן, אום צו קריגען אַ פּענסיע. דאָס וואָלט געווען גרויסאַרטיג, טינע! שטעל זיך נור פֿאָר, מיר וואָלטען פֿערזיכערט געווען דערמיט, שטענדיג צו קענען געבען אונזערע קינדער דאָס נייטיגע, וואָס זיי דאַרפֿען! דאָ ניט לאַנג האָב איך גערעדט מיט׳ן מיניסטער וועגען דעם, אָבער עס געהט ניט, ווייל זייענדיג אָנגעפֿילט מיט עקעל האָב איך זיך אַליין בכבוד׳יג אָבגעזאָגט פֿון מיין אַמט און בין ניט אַרויסגעיאָגט געוואָרען מיט חרפּה. מיר מוזען אַלוא האָבען געדולד, טינע! נו, דו האָסט דאָך געדולד!

איך בין נאָך גאַנץ צומישט פֿון די אַלע ש ע פּ ס ע ן. בעגרייפֿסט דו עפּעס דערפֿון?

פון מינע׳ן צו פענסי׳ן.

זעה אַקאָרשט, וואָס ער שרייבט. קיין איין וואָרט ניט וועגען דיר. וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

צו מינע׳ן.

ווידער עפּעס נייעס! דו וועסט שמוינען, ווען דו וועסט עס הערען! זיי זיינען אויסען, מיך פערריקט צו מאַכען, און דאָס איז ווירקליך ניט קאָנזעקווענט פון די פּיעלע, וועלכע זאָגען שוין אַזוי לאַנג, אַז איך בין פערריקט. דאָ הער איך ווידער, אַז ניט איך שרייב ליעבעס-בריעף, נאָר איך לאָז זיי דרוקען, און הער אַקאָרשט ווייטער... אַז איך לאָז זיי דרוקען צו גונסטען פון אַן אָרעמער פאַמיליע! פאַר דיר, מאַקס און נאָני... מיינסט דו? ניין, ניין, פאַר אַן אונבעקאַנטער פאַמיליע, פאַר מענשען, וועמעס נאָמען איך וויים זאָגאַר ניט, מענשען, וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן! די אידעע איז ניי ...! faire l'amour par charité שפּיעלען אַ ליעבע פון וואָהלטהעטיגקייט וועגען! וואָלסט דו ערוואַרט אַזוי פיעל פאַנ־טאַזיע ביי מוסיע פּובליקום? מיר דוכט... יאָ, אַשטייגער ווען מוסיע פּוב־ליקום אַליין זאָל אַמאָל אָנשרייבען אַ ראָמאַן?

איך האָב אויך חשק צו שרייבען, נאָר ניט קיין ראָמאַנען. איך וואָלט גערן געוואָלט קויפען דאָס בוך פון מאַני... ניין, ס׳איז ניט קיין וואָרט־שפּיעל, דער מאַן הייסט מאַני. איך מיין, אַז דאָס איז בעשטעלטע אַר־בייט, אויף רעכנונג פון דער פירמאַ „באַטיג סאַלדאָ עט קאָמפּאַ־ניע*), און איך גלויב, אַז איך וועל אין דאָס רוב פונקטען זיין איינפער־שטאַנען מיט דעם דאָזיגען מר. מאָני. קיין געלד צו קויפען דאָס בוך האָב

---

*) „באַטיג סאַלדאָ" בעדייטעט אין אַלגעמיין דער פּראָפיט, דער ריינער ריוח, וואָס אַ סוחר האָט ביי זיינע געשעפטען. אָבער גאַנץ בעזונדערס איז „באַטיג סאַלדאָ" דער אָפיציעלער טערמין פאַר די סומען, וואָס די האָלענדישע רעגירונג נעהמט אַראָב יעהרליך און דירעקט אין פאָראויס פון די הכנסות, וועלכע קומען אריין פון די קאָלאָניעס, צו גונסטען פון דער האָלענדישער שטאַאַטס-קאַסע. מיט „באַטיג סאַלדאָ עט קאָמ־פּאַני" בעצייכענט אַלזאָ מולטאַטולי אַלע אָנהייגער פון דעם אויסבייטונגס-סיסטעם פון די קאָלאָניעס, געגען וועלכע ער טרעט אַרויס אַזוי ביטער און פיינדליך.

(בעמערקונג פון דעם דייטשען איבערזעצער.)

איך ניט, נאָר פֿון דעם אַנאַליז, וואָס איך לייען אין דעם „אַמסטערדאַמער קוראַנט", זעה איך גאַנץ גוט, ווי ער ווייזט אָן דערויף, אַז די האָלענדער ציהען אַרויס פֿון אינדיען אַזויפֿיעל וויפֿיעל ס'איז נור מעגליך. וואָס וויל מען נאָך מעהר? ער זוכט צו איבערצייגען די, וואָס זיינען שוין לאַנג איבערצייגט. ער געווינט דעם פּראָצעס, נאָך איידער ער עפֿענט דאָס מויל. נאָר איך געפֿין, אַז די פֿירמאַ האָט אַזאַ אַרבייט ניט געדאַרפֿט בעשטעלען אין אויסלאַנד. עס וואָלט געווען אַסך ביליגער, ווען מען לייענט דורך דאָס, וואָס מולטאַטולי שרייבט וועגען דעם אין זיין בוך איבער די קאָפֿע־אויקציאָנען:

„נאָר פֿון מערב זיינען געקומען פֿרעמדע, וועלכע האָבען זיך געמאַכט פֿאַר די בעלי בתים פֿון'ם לאַנד. ס'האָט זיך זיי געגלוסט צו ציהען פּראָפֿיטען פֿון דער פֿרוכטבאַרקייט פֿון דער ערד, און זיי האָבען בעפֿוילען דעם בעוואוינער אָבצוגעבען אַ טהייל פֿון זיין אַרבייט און פֿון זיין צייט אויף דער קולטיווירונג פֿון אַנדערע זאַכען, וועלכע וועלען בריינגען מעהר פּראָפֿיט אויף די מאַרקען פֿון איראָפּאַ. כדי דעם פּראָסטען מאַן צו בעוועגען דערצו, איז בלויז נייטיג געווען אַ זעהר איינפֿאַכע שטאַאַטס־קונסט. ער פֿאָלגט זיינע עלצטע, האָט מען אַלזאָ נור געדאַרפֿט געווינען אָט די עלצטע, דערמיט וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט אַ טהייל פֿון דעם פּראָפֿיט, און... ס'האָט פֿאָלשטענדיג אָבגעגליקט.

„ווען מען קוקט זיך גוט צו צו דער שרעקליכער מאַסע פֿון יאַוואַ־פּראָדוקטען, וועלכע ווערן אין האָלאַנד פֿאַרגעלייגט פֿאַר די קונים, קען מען זיך איבערצייגען, ווי צוועקמעסיג אָט די פּאָליטיק איז געווען..."

איז עס אַלזאָ ניט צו בעדויערן, וואָס נאָך אַזאַ לויב־געזאַנג פֿון'ם מויל פֿון איינעם, וועלכער שמייבעלט, דוכט זיך, ניט די האָלענדער, נייטיגען זיי זיך נאָך אין ענגלישען לויב? די פֿירמאַ „באַטינג סאַלדראָ עט קאָ." איז ווירקליך אַזוי ווי אַ פּערפֿאַסער, וועלכער מיינט, אַז ער קען קיינמאָל ניט גענוג געלויבט ווערן. איך רעד פֿון ערפֿאַהרונג. און זיי זאָגען נאָך, אַז איך בין אַ בעל גאוה!

ס'איז שיער ניט גייז צו ווערן אויף דעם דאָזיגען ענגלענדער, וואָס האָט אויף אַזאַ ניט קאָמפּעטענטען אופֿן גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו זינגען די גאָטספֿאַרכטיגע האָלענדער א לויב־ליעד. אָה, ווען זיי וואָלטען מיך אָנגעטריוט דערמיט! האָלאַנד שטעהט דאָך הויך איבער דעם לויב פֿון

אַלע מאַנים! וואָס קען אַזאַ מאַני וויסען פֿון די אַלע פֿערדיענסטען... סטאָפּ, עס ווערט אַ וואָרט־שפּיעל דערפֿון. נאָר כדי צו בעווייזען, ווי פֿער־קעהרט מען האָט געטהאָן דערמיט, וואָס מען האָט ניט מיך בעשטעלט צו בלאָזען דעם טראָמפּייט, מעג מען הערען פֿאָלגענדעס:

מאַני זאָגט:

„אָה, גאָטזעליגע האַלענדער, מיין ענגליש האַרץ איז פֿערליעבט אין אייער געשיקטקייט און אין די צוגעפּאַסטקייט פֿאַר אייער צוועק. מיט וואָס זאָל איך אייך פֿערגלייכען? ווי זאָל איך אויסדריקען די בעוואונדערונג, וועלכע בעגייסטערט און בע„מאַני"ט מיך? זייט איהר ווי די רויז..."

דער פֿויגעל פּייפֿט ניט שלעכט!

„זייט איהר ווי די רויז... ניין, דאָס געהט ניט! איהר זייט ווי דער געטרייער פּאַסטוך, וואָס שערט אָב זיינע שעפּעלאַך..."

איך: איהר שינדט זיי אַראָב די הויט!

מאַני וויטער:

„איהר זייט ווי דער דורשטיגער וואַנדערער, וועלכער טרינקט וואַ־סער פֿון דעם פֿריינדליכען קוואַל..."

איך: וואַסער? וואַנדערער? טרינקען? דאָס דאָזיגע טרינקען איז זויגען, דער דאָזיגער וואַנדערער איז אַ וואַמפּיר און דאָס דאָזיגע וואַסער איז בלוט!

דו זעהסט שוין, ליעבע טינע, אַז מען האָט געמאַכט אַ פֿעהלער דערמיט וואָס מען האָט בעשטעלט לויב אין אויסלאַנד. צום טייפֿעל! אָדער מען איז אַ שריפֿטשטעלער אָדער מען איז עס ניט! עס קומען כסדר פֿאַר אַלערליי אינדוסטריע־אויסשטעלונגען. נו, איך האָב אַ פּלאַן זיך צו לאָזען הערען אויף איינער פֿון אָט די אויסשטעלונגען און ווייזען דעם דאָזיגען ענגלישען טרובאַטש, ווי איך בלאָז אויף'ן טראָמפּייט. עס וואָלט מיך גאָר־ניט געוואונדערט, ווען איך קריג גלייך נאָכדעם בעשטעלונגען אויף מיינע שעהנע ליעדעלאַך, בפֿרט נאָך אַז אין ענגלאַנד ווערט זעהר ווייניג לויב געזונגען איבער דעם ווי עס ווערט רעגירט אין בענגאַלען, וואו דער הונ־גער בושעוועט אַזוי אָפֿט... אַקוראַט ווי עס וואָלט געווען אין לעבאַק.

און, אָבגעזעהן פֿון מיין גרויסען טאַלאַנט — וואָס וואָלט אויסגעקומען אַביסעל צו טייער פֿאַר דער בעקאַנטער פֿירמאַ, וועלכע איז שפּאָר־זאַם דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך צו בעצאָהלען פֿאַר אינגלענדישע פּראָדוקטען—אָבגעזעהן דערפֿון וואָלט מען אויך געקענט אַסך איינפּאַכער צוקומען צום ציעל, און ביליגער, יאָ, גאָר אָהן קאָסטען! לאָמיר אַקאָרשט

גאַנץ לאָגיש צוגליעדערן די זאַך : וואָס ווינשט די נאַציאָן ? אַ בעשטעטיגונג, אַז דאָרט ווערט גע'בעל־הבית'עוועט אויף אַ גוטען און פּראָפיטאַבלען אופן. נו, דערצו דאַרף מען ניט אַרויפשטעלען קיין איין בוכשטאַב אויף'ן פּאַפּיר ; אַלע בעווייזע זיינען אין אָרדנונג, און איך וויל זיי — גאַנץ אומזיסט! — ווייזען אייראָפּאַ.

די זאַך איז זעהר איינפאַך. וואָס פאַר בעפעלקערונגס־צושטענדע פאַר און נאָך אַ הונגער־נויט! און וואָס קען מען דרינגען דערפון ? די פערלאַנגטע בעשטעטיגונג ? נו, יעדער איינער קען זי זיך אַליין פערשאַפען פון די איינפאַכע ציפערן.

אין יאָהר אַזויפיעל און אַזויפיעל זיינען דאָרט געווען : אַזויפיעל און אַזויפיעל מענשען.

אין אַ יאָהר אַרום זיינען דאָרט געווען : אַזויפיעל און אַזויפיעל מענשען.

די דיפערענץ איז געשטאָרבען.

די געשטאָרבענע זיינען אומגעקומען דורך הונגער.

זיי האָבען געהונגערט, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין רייז.

זיי האָבען ניט געהאַט קיין רייז, ווייל זיי האָבען געמוזט פלאַנצען קאַפע, צוקער און אינדיגאָ פאַר די פירמאַ „באַטיג סאַלדראָ עט קאָ".

אָט דער קאַפע, צוקער און אינדיגאָ איז פערקויפט געוואָרען מיט פּראָפיט פאַר דער דערמאָנטער פירמאַ.

זעה, וואָס מולטאַטולי האָט צו זאָגען וועגען דעם :

„ווען מען קוקט זיך אום אויף די שרעקליכע מאַסע פון יאַוואַ־פּראָדוקטען, וועלכע ווערן אין האָלאַנד פאָרגעלייגט פאַר די קונים, קען מען זיך איבערצייגען דערפון, ווי צוועקמעסיג אָט די פּאָליטיק איז, הגם זי זעהט ניט אויס אַזוי עדעל. וואָרים, ווען אימיצער זאָל מיך פרעגען, צי דער לאַנד־בויער אַליין געניסט פון דעם דאָזינען ערפאָלג אַ געהעריגע בעלוינונג, מוז איך דערויף ענטפערן מיט ניין. די רעגירונג צווינגט איהם אויף זיין באָדען אויפצוציהען דאָס, וואָס איהר איז בעקוועם, זי בעשטראָפט איהם, ווען ער פערקויפט דאָס שיין אַרויס־געבראַכטע צו אימיצען אַנדערש ווי איהר, און זי אַליין בעשטימט דעם פּרייז, וואָס זי בעצאָהלט איהם דערפאַר. די קאָסטען פון דעם אַריבערפיהרען די פּראָדוקטען קיין אייראָפּאַ דורך די פערמיטלונג פון אַ פּריווילעגירטער האַנדעלס־קערפּערשאַפט זיינען הויך. די כאַבאַר־געלדער, וואָס מען גיט די עלצטע, ווערן נאָך דערצו אַרונטערגענומען פון דעם איינקויף־פּרייז, און... אַזוי ווי די גאַנצע זאַך מוז דאָך סוף

כל סוף ברייִנגען פראָפיט, קען אָט דער פראָפיט אַנדערש ניט עררייכט ווערן, נור דורך דעם וואָס מען צאָהלט דעם יאַוואַנער אוים. פונקט אזויפיעל, אַז ער זאָל ניט שטאַרבען פאַר הונגער, וואָס, ווען דאָס געשעהט, וואָלט פערקלענערט געוואָרען די פראָדוקטיווע קראַפט פון דער נאַציאָן.

„אויך די אייראָפּעאישע בעאַמטע צאָהלט מען אוים אַ בעלוינונג, וועלכע ריכטעט זיך נאָך דעם פראָפיט, וואָס מען האָט אין אויסזיכט.

„אמת, אַז דער אָרעמער יאַוואַנער ווערט כסדר געשמיסען דורך אַ דאָפּעלטער געוואַלט; אמת, אַז ער ווערט שטאַרק אָבגעצויגען פון זיינע רייז־פעלדער; אמת, אַז די הונגער־נויט איז דער רעזולטאַט פון אָט די מאַסרעגלען, נאָר דאָך... אין באַטאַוויאַ, אין סאַמאַראַנג, אין סוראַבאַיאַ, אין פאַסאַרואַן, אין בעסוקי, אין פראָבאָלינגאָ, אין פאַטיאיטאַן, אין טי־לאַטיאַפּ פלאַטערן פרעהליך די פאָהנען אויף די שיפען, וועלכע ווערן אָנגעלאָדען מיט די פראָדוקטען, וועלכע מאַכען רייך האָלאַנד.

„הונגער־נויט? אויף דעם רייכען, פרוכטבאַרען, געבענשטען יאַוואַ הונגער־נויט? יאָ, לעזער. פאַר עטליכע יאָהרען זיינען גאַנצע דיסטריקטען אויסגעשטאָרבען פון הונגער. מוטערס האָבען אָנגעבאָטען זייערע קינדער אַלס שפייז צום קויפען. מוטערס האָבען געגעסען זייערע אייגענע קינדער...

„אָבער דאַן האָט זיך דאָס מוטער־לאַנד גענומען די זאַך צום האַרצען. אין די בעראַטונגס־זאַאַלען פון דער פאָלקס־פערטרעטונג איז מען איבער דעם געוועזן אונצופריעדען, און דער דעמאָלדיגער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געמוזט אַרויסגעבען אַ בעפעהל, אַז פון היינט און ווייטער זאָל מען אין דער פערברייטונג פון די זאָגענאַנטע „אייראָ־פעאישע מאַרק־פראָדוקטען״ עס ניט טרייבען ביז צור הונגער־נויט...״

אָט די ליעבע פאָלקס־פערטרעטונג! ניט טרייבען ווייטער ביז צור הונגער־נויט! איך פערזיכער דיר, אַז נאָך דער דאָזיגער צייט זיינען ווירקליך עטליכע יאַוואַנער לעבען געבליבען.

און אַנדערע בעשטעטיגונגען? זייט עטליכע יאָהר בעשעפטיגען זיך פיעלע מיט אינדיען. אָט די „פיעלע״ קענען צוטהיילט ווערן אין צוויי הויפט־סאָרטען: די קאָנסערוואַטיווע און די ליבעראַלען. קאָנסערוואַטיווע זיינען די פערזאָנען, וועלכע ציהען גערן אַזוי פיעל פראָפיט ווי נור מעגליך פון אינדיען. און ליבעראַלען רופט מען די, וועלכע ציהען גערן פראָפיט פון אינדיען... אַזויפיעל ווי נור מעגליך. דעריין ליגט די

פֿערשידענהייט, וועלכע לייזט זיך אויף אין אַן איבערראַשענדער גלייכהייט. נאָר אָט די האַרמאָניע ווייזט זיך נאָך דייטליכער אַרויס אין דעם גלייכען קלאַנג פֿון די שימפֿ־ווערטער, וועלכע זיי וואַרפֿען זיך איינע די אַנדערע איבער'ן קאָפּ. נו, זיי זיינעןביידע פֿאָלשטענדיג גערעכט. עס איז פֿאָלקאָם וואַהר, וואָס די ליבעראַלען זאָגען: „די קאָנסערוואַטיווע זייגען אויס אינדיען"... נאָר פונקט אַזוי אָנערקענט ווערן מוז די אויפֿ־ריכטיגקייט, מיט וועלכע די קאָנסערוואַטיווע גיבען אָב די ליבעראַלען דעם כבוד פֿון'ם אויסזויגען.

אָט די געגענזייטיגע צייגניסען פֿון גוטער אויפֿפֿיהרונג וואָלט די פֿירמאַ געקענט פֿאָרלייגען פֿאַר אייראָפּאַ, און דאָס גאַנצע בוך פֿון דעם בעריהמטען מר. מאָני וואָלט געקענט בלייבען אונטערוועגנס.

דער איינציגער אונטערשיעד ליגט פֿילייכט אין דעם, וואָס די קאָנ־סערוואַטיווע ווילען בויען ביליגע אייזענבאַהנען, און די ליבעראַלען ווילען האָבען אַסך געלד, כדי צו קענען בעצאָהלען זייערע פלעצער אויף אייזענ-באַהנען, וועלכע ווערן בעצאָהלט מיט אייגענעם געלד און זיינען אַלזאָ טהייערער.

נאָר דאָס איז פֿון קנאַפּער בעדייטונג. ווען איך וואָלט זיך געניי־טיגט אין אַ וואַהל, וואָלט איך געוועהלט די זייט פֿון די קאָנסערוואַטיווע, און נעמליך צוליעב פֿאָלגענדע גרינדע. ערשטענס: דאָס איינע שטערט ניט דאָס אַנדערע. מען קען זעהר גוט בויען אייזענבאַהנען פֿון גע'גנב'עטען געלד און דערצו אויך זאָרגען דערפֿאַר, אַז די פענסיאָנירטע קאָלאָניען־בעאַמטע זאָלען פֿונדעסטוועגען זיין רייך. צווייטענס: אויף אַ ביליגער באַהן קען איך אויך מיטפֿאָהרען, און דאָס וואָלט ניט געווען דער פֿאַל, ווען די ליבעראַלען זאָלען דורכזעצען זייערע פלענער. איך בעגרייף, אַז די „פריי־אַרבייטער" זיינען זעהר דאַנקבאַר און צופֿריעדען, אָבער ווען די פֿירמאַ „באַטיג סאַלדראָ עט קאָ." זאָל מוזען בעצאָהלען פֿאַר איהרע באַה־נען פֿון איהר אייגענער קעשענע, וואָלט עס מיר ווינציג וואָס געהאָלפֿען, וואָס די דראָאָגסטאָפּעלס, סלימערינגס, קאָנטראַקטאַנטען, אינדוסטריעלע, פלאַנצער, אָדער ווי זיי זאָלען ניט הייסען, וואָלטען געווען אימשטאַנד זיך צו בענוצען מיט אַ פֿערקעהר־מיטעל, וואָס וואָלט געווען צו טייער פֿאַר יעדען אַנדערן, וועלכער האָט ניט געמאַכט קיין ריעזען־געשעפֿט אין לי־בעראַלען קאַפֿע און טאַבאַק.

דאָס איז דער גרונד, פֿאַרוואָס איך שליס זיך פֿאָרלויפֿיג אָן אָן די קאָנסערוואַטיווע. זעהר פיעל וויכטיגקייט לייג איך פֿונדעסטוועגען ניט דער־רויף. דאָס זיינען קליינינקייטען. די הויפּט־זאַך איז, אַז אינדיען ווערט אויף

אַ זעהר פּראָפּיטאַבלען אופֿן אויסגעבייטעט, און אַז מאָני האָט זיך אומזיסט בעמיהט.

נאָר דאָס דאָזיגע אָנשליסען זיך אָן דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי איז פֿון מיין זייט ניט אַזוי הערצליך, אַז איך זאָל האָבען אַן אויסזיכט אויפֿגענומען צו ווערן פֿון זיי מיט וואָס פֿאַר עס איז פֿריינדשאַפֿט. אין גענענטהייל. די קאָנסערוואַטיווע בעטראַכטען מיך הארטנעקיג אַלס ליבעראַל, און די ליבעראַלען פֿערקעהרט אַלס קאָנסערוואַטיווען. דערפֿון האָב איך פֿיעל פֿערדרוס, וואָרים אויף אַזאַ'ן אופֿן ווער איך אויסגעשאָלטען און געלעסטערט פֿוןביידע פּאַרטייען, און דאָס איז צופֿיעל. איך האָב נור געדאַרפֿט וועהלען, ווי דו ווייסט, און איך האָב ניט געוועהלט...

ליעבער הימעל, איז גאָר אונמעגליך צו שאַפֿען אַ דריטע פּאַרטיי? אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל איינפֿאַך פֿערטרעטען די מיינונג, אַז מען טאָר די יאַוואַנער ניט בעהאַנדלען שלעכט. ס'איז אַן עקסצענטרישע אידעע, דאָס גיב איך צו, נאָר אַזוי גיך ווי עס וועט נור זיין אַ פֿרייער פּלאַץ אין דער צווייטער קאַמער, וועל איך עס דאָך אַמאָל פּרואווען. אָבער, טינע, כ'האָב מורא, אַז איך וועל ניט האָבען קיין ערפֿאָלג, ווייל איך האָב ניט קיין „סיסטעם" און קיין „פּאָליטישע פּרינציפּען", ווי זיי רופֿען עס, ווען אימיצער שטימט אייביג פֿאַר דערזעלבער פּאַרטיי, אַלצאיינס צי ער געפֿינט די זאַך, וועגען וועלכער עס האַנדעלט זיך, פֿאַר גוט אָדער ניט. אויך זעה איך ניט קיין מעגליכקייט אַריינצושטאָפּען אַסך חכמה אין מיין אויפֿרוף צו די וועהלער. פֿונדעסטוועגען וועל איך איהם גלייך אָנשרייבען, דאַן וועל איך זיין גרייט און בעוואַפֿענט, ווען עס וועט קומען די צייט דערצו. נאָר איך האָף, אַז זיי וועלען מיך ניט אויסוועהלען, וואָרים שטעל זיך נור פֿאָר, דאַן וואָלט איך געמוזט אויסהערען די אַלע רעדעס איבער דעם, ווי אַזוי מען דאַרף אויסזויגען די יאַוואַנער! און ווען איך זאָל זיך דערביי ערלויבען אַ שמייכעל צו טהאָן, וואָלט מיך דער פּרעזידענט געררופֿען צו אָרדנונג און וואָלט זיך בעקלאָגט איבער מיין צולאָזענקייט! איך וואָלט זיך געמוזט מאַכען, אַזוי ווי איך הער זיך צו צו דער רעדע פֿון דעם הערר דוימאַער וואַן טוויסט, ווען ער פּלוידערט איבער „אינדישע אָנגעלעגענהייטען" און „פֿרייע אַרבייט". וואָרים דאָס טהוט ער אָפֿט. איז עס ניט קאָמיש? אָט די צווייטע קאַמער וואָלט פֿאַר מיר געווען אַן אמת'ע מאַרטער-קאַמער. דאָך אַז זיי וועלען מיך וועהלען, וועל איך געהן! דו ווייסט דאָך, וואָס לוטהער האָט געזאָגט? „און ווען דאָרט זאָלען זיין אַזויפֿיעל גענעראַל-גובערנאַטאָרען ווי ציעגעל אויף די דעכער"... א.ז.וו.

זעה, וואָס איך וואָלט אין אַזאַ פֿאַל געשריבען:

בריעף צו די וועהלער פון האלאנד:

וועהלער! איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען, וואָס איז זעהר איינפאַך, און וואָס איהר וועט דערום פיליכט ניט גלייך פערשטעהן. נאָר כדי עס ניט צו מאַכען פאַר אייך צו שווער, וועל איך בעהאַנדלען די זאַך, וועלכע איך וויל אייך דאָ פאָרלייגען, פון איהר אורשפּרונג אָן. איך זאָג אויף קיין פאַל ניט, אַז איך ווייס מעהר פון אייך. ערוואַרט אַלזאָ גאָר קיין נייעס ניט.

געוועהנליך גיט איהר זיך ווייניג וואָס אָב מיט די עפענטליכע אינ־טערעסען, לאָמיר אַקאָרשט זעהן, צי איהר טהוט גוט דערמיט.

איהר ווילט אַלע האָבען אָרדנונג, זיכערקייט. איהר בעצאָהלט פיעלע פערזאָנען, זיי זאָלען אין אייער נאָמען האַלטען די דאָזיגע אָרדנונג, פער־זיכערן די דאָזיגע זיכערקייט. ווען ניט ווען הער איך, ווי איהר בעקלאָגט זיך איבער צו הויכע שטייערן — און איך געפין, אַז אָט די קלאַגען זיינען בערעכטיגט — נאָר אויף דער אַנדער זייט שאַצט איהר ניט אָב ווי גע־העריג איז דעם געניס, וואָס איהר האָט דורך די זיכערקייט פון פערזאָנען און גיטער. אַלע מענשליכע זאַכען זיינען פעהלערהאַפט, און צווישען די דאָזיגע זאַכען איז פיליכט ניטאָ קיין איינע, וואָס זאָל זיין שווערער אָבגע־רייניגט צו ווערן פון פעהלערן, ווי די פערוואַלטונג פון אַ געזעלשאַפט.

דאָך, מיין איך, איז עס די פליכט צו זאָרגען דערפאַר, אַז אָט די פערוואַלטונג זאָל זיך אַזוי ווייט ווי מעגליך דערנעהענטערן צו דער פאָלקאָמענהייט.

אויף אַזוי ווייט איז עס צו בעדויערן, וואָס דורך פיעלע צוזאַמענוויר־קענדע אומשטענדען האָט איהר געקריגען אַ רעגירונג, וואָס איז אין אַלגעמיין ניט אַ האָר ערגער פון די מייסטע אַנדערע רעגירונגען. איהר בעזיצט אַ געוויסע מאָס פון פרייהייט. קיין דעספּאָט נעהמט ביי אייך ניט אַוועק דאָס שווער פערהאָרעוועטע אָדער לייכט פערדיענטע געלד. מען זעצט אייך ניט אַריין אין געפענגנים, אָהן דעם איהר זאָלט אַליין ניט האָ־בען געטריבען דערצו. מען צווינגט אייך ניט צו דיענען גאָט אויף אַן אופן, וואָס איז אייך ניט ליעב. מען רופט ניט אַוועק אייערע קינדער פון דער אַרבייט, אום זיי אָהן אַ שום נוצען צו לערנען מאַכען קונצשטיק מיט'ן ביקס...

יאָ, דאָס מיליטער־געזעץ עקזיסטירט נאָך, אָבער עס וועט ניט בלייַ־בען אַזוי.

...ווי עס זאָל ניט זיין, אַלעס צוזאַמענגענומען האָט איהר ניט קיין

שטאַרקע גרינדע צו זיין אונצופריעדען, און דורך דעם זייט איהר געוואָרען גלייכגילטיג אין בעצוג אויף די עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען.

נאָר האָט איהר זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט, אַז דאָס אַלעס וואָלט געקענט זיין אַנדערש? אויב אייער איינבילדונגס־קראַפט איז ניט שטאַרק גענוג פאַר דער דאָזיגער פאָרשטעלונג, דאַן קוקט נאָך אין דער געשיכטע! און ווייט דאַרפט איהר ניט געהן. אונזער אייגען לאַנד האָט איין מאָל נאָך'ן אַנדערן געהאַט צו טהאָן מיט שלעכטע רעגירונגען.

איך גלויב ניט אַלעס, וואָס מען דערצעהלט וועגען פיליפ דעם צווייטען, אָבער נעהמט זאָגאַר אָן די העלפט פאַר אמת... אַ דריטעל... נאָך אַ קלענערן טהייל... און שטעלט זיך אַליין די פראַגע, ווי עס וואָלט אייך געשמעקט, ווען מיר וואָלטען ווידער רעגירט געוואָרען נאָך אַזאַ מעטהאָדע, ווי ער האָט זיך ערלויבט.

דאָס וואָלט איהר ניט וועלען. איך אויך ניט. און לאָמיר גלייך אויפ'ן שטעל צולייגען, אַז עס איז ניטאָ קיין געפאַהר, אַז אַזאַ שלעכטע ווירטשאַפט זאָל זיך אומקעהרען צו אונז.

וואָס האָט געבראַכט דעם דאָזיגען פיליפ אין שטאַנד, אַזוי צו מיסהאַנדלען אונזער אָרים לענדעלע, ווי ער האָט עס געטהאָן? מאַכט! די מעגליכקייט צו שטעלען דעם אייגענעם ווילען איבער דאָס געזעץ. אָדער אויך: פערקעהרט דורכפיהרען דאָס געזעץ. און ענדליך גאַנץ בעזונדערס: דער מאַנגעל אין געזעצען.

וואָרים... דאָס, וואָס איז ניט פערבאָטען, ווערט בעטראַכט פאַר ערלויבט. ווען די פראַנצויזישע קעניגע וואָלטען געווען געבונדען דורך אַ בעשטימונג, אַז „קיינער קען ניט בעשטראָפט ווערן, איידער ער קומט פאַר פאַר אַ ריכטער", וואָלטען זיי זיך געמוזט אָבזאָגען פון דעם פערגעניגען, אַריינצוואַרפען אין דער באַסטיל יעדען איינעם, וואָס איז זיי ניט געפעלען, נור דערפאַר ווייל ער איז זיי ניט געפעלען.

נו גלויב איך גערן, אַז פיעלע קעניגע וואָלטען אויך אָהן אַזעלכע געזעצען געפונען אַנדערע סאָרטען פערגניגענס... אָבער איך מיין, אַז עס איז פאָרט זיכערער און בערוהיגענדער, אַז מען זאָל אין אַזעלכע פעלע ניט זיין אָבהייניגיג פון דעם געשמאַק.

עס זיינען אַלזאָ די געזעצען, וועלכע שיצען אונז געגען דעם אויסניצען פון דער געוואַלט, וואָס מען איז פיליכט געצוואונגען צוליעב אַלגעמיינע אינטערעסען איבערצוגעבען דעם אָדער יענעם אין די הענד.

ווער מאַכט אָט די געזעצען? דער קעניג בעאויפטראַגט זיינע מיניסטאָרען, זיי פאָרצולייגען אין זיין נאָמען פאַר'ן פאָלק. שטימט דאָס פאָלק

איין מיט דעם פֿאַרגעשלאָגענעם געזעץ, דאַן געהט עס דורך און קומט אַריין אין קראַפֿט. שטימט דאָס פֿאָלק נ י ט איין מיט דעם געזעץ, דאַן מאַכען די מיניסטאָרען אַ נײַ געזעץ... אָדער זיי פֿאָהרען אַוועק אין די בעדער.

עס פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין, אַז אַזאַ מין איינריכטונג האָט פֿאָלשטענדיג געפֿעהלט אין פֿיליפּ'ס צייטען. ווען ער וואָלט געפֿרעגט דאָס פֿאָלק, אויב עס איז איינפֿערשטאַנען מיט דעם גאַנצען מאָרדען און ברע־נען, מיט דער גלויבענס-פֿערפֿאָלגונג, מיט דער בעצאָהלונג פֿון די מאַסען שטייערן — יאָ, דערמיט פֿאַר אַלצדינג! — דאַן וואָלט דאָס פֿאָלק זיכער געזאָגט „ניין", און דער הערצאָג אַלבאַ וואָלט געפֿאָהרען אין די בעדער, צו דער גרויסער צופֿרידענהייט פֿון די 30 טויזענד מענשען, וועלכע ער האָט געלאָזט אומברייננגען אין עטליכע יאָהר צייט. בנאמנות, דאָס איז געווען צופֿיעל!

געזעצען קענען אַלזאָ זיין ניצליך. נאָר כדי זיי זאָלען ניט בלויז ק ע נ ע ן, נאָר אין דער ווירקליכקייט אויך ז י י ן ניצליך, דערצו מוזען די געזעצען זיין ג ו ט.

די בעאורטהיילונג פֿון די פֿאָרגעלייגטע געזעצען איז אַלזאָ זעהר וויכטיג, און אַ פֿאָלק, וואָס קימערט זיך ווייניג אָדער גאָרנישט איבער דעם, האַנדעלט פֿערקעהרט און געגען זיינע אייגענע אינטערעסען.

אייגענטליך מוז עס זיין אונאַנגענעהם פֿאַר אַ קעניג, וועלכער האַלט אין איין פֿרעגען: „געפֿינט איהר דאָס דאָזיגע געזעץ פֿאַר גוט?", ווען ער מוז אָפֿט בעמערקען, אַז דאָס פֿאָלק, אין וועמעס אינטערעס אָט די פֿראַגע ווערט געשטעלט, נעהמט זיך זאָגאַר ניט די מיה, זיך אָבצוגעבען מיט דער זאַך, און וויזט אַרויס דורך זיין גלייכגילטיגקייט, אַז עס האַנ־דעלט ווי אַ קינד, ניט מיט זיין אייגענעם שכל.

ווען עס וואָלט ניט געקלונגען צו שטרייננג, וואָלט איך בייגאַה געזאָגט: אַזאַ פֿאָלק פֿערדיענט, אַז אַלבאַ זאָל צוריקקומען פֿון די בעדער.

אָט די גלייכגילטיגקייט צייגט זיך אויך כסדר אַרויס אין דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי איהר טהוט אייער פֿליכט, אויסקלייבענדיג די פּערזאָנען, וועלכע פֿערטרעטען אייך אין דער בעאורטהיילונג פֿון די פֿאָרגעלייגטע געזעצען... אָדער, בעסער געזאָגט, אין דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי איהר טהוט נ י ט אייער פֿליכט.

ס'איז שוין טרויעריג גענוג, אַז מען מוז ריידען וועגען פֿ ל י כ ט, דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דער א ו י ס א י ב ו נ ג פֿ ו ן אַ ר ע כ ט. ווען איהר וואָלט איבערגעליפֿערט געוואָרען אין די הענד פֿון אַ

דעספאָט, וועלכער וואָלט געשטעלט זיין אייגענעם ווילען איבער דאָס רעכט, ניט ערלויבענדיג דעם פאָלק צו האָבען וואָס פאַר עס איז דעה אין דער בעשטימונג איבער די אַלגעמיינע אינטערעסען, דאַן וואָלט איהר געמאַכט געוואַלדען און געשריען נאָך ערלייזונג. איהר וואָלט אָט דעם דעספאָט געשאָלטען, איהר וואָלט זיך גענומען צו די וואָפען, געקעמפפט... און איבער יאָהרהונדערטע וואָלט אַ נייער דור פון אייניקלאָך געהאַט צו בעזינגען נייע העלדישקייטען פון נייע זיידעס און עלטער־זיידעס.

נאָר איצט, אַז איהר ווערט ניט דורך דעספאָטיזם געטריבען צום ווידערשטאַנד, האַלט איהר זיך גאַנץ גלייכגילטיג, אַקוראַט ווי אָט די אָנ־געלעגענהייטען וואָלטען אייך גאָר ניט אָנגעגאַנגען. דאָס איז ניט גוט, וועהלער! מיין צוועק איז איצט, אייך אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף אייניגע מיאוס'ע, פערדאָרבענע מעשים, וועלכע וועלען גאָר אין גיכען ווירקען זעהר שעדליך אויף אייערע אייגענע אינטערעסען, און צו בעפעסטיגען אין אייך די איבערצייגונג, אַז עס איז אונפאָרזיכטיג, כסדר איבערצולאָזען די בעד־אורטהיילונג פון די דאָזיגע אינטערעסען צו אַנדערע, אָהן וואָס פאַר עס איז, אָדער אָהן אַ געניגענדער קאָנטראָלע.

ס'איז קיין צווייפעל ניטאָ, אַז האָלאַנד'ס וואוילזיין איז צו אַ זעהר גרויסען טהייל אָבהייננגיג פון די פראָפיטען, וועלכע מיר ציהען פון אינ־דיען. ערשט ניט לאַנג האָט איהר זיך דורך ציפערן געקענט איבערצייגען, וויפיעל איהר פיהרט אַרויס נאָך די דאָזיגע מזרח־לענדער, און פאַר אַלעס, וואָס פאַר געלד־סומען אָט די קאָלאָניעס גיבען אַרויס און וויפיעל איהר פיהרט אַריין פון זיי אויף אייער מאַרק.*) און אין אָט די ציפערן איז נאָך ניט אויסגערעכענט דאָס וויכטיגסטע, דאָס בעדייטענדסטע. די וויניגער דירעקטע, אָבער פונקט אַזוי זיכערע פראָפיטען, וועלכע אינ־דיען פערשאַפט האָלאַנד, זיינען פיעל, פיעל גרעסער. ערלויבט מיר אָנצו־נעהמען, אַז דאָס איז אַ גוט בעקאַנטע זאַך. עס איז אַזוי אָפט בעוויזען געוואָרען — און קיינמאָל ניט אָבגעלייקענט געוואָרען! — אַז עס וואָלט מיך ווירקליך געשטערט, זיך לייגנער אויפצוהאַלטען ביי עפּעס, וואָס יעדער איינער וויים.

אָבער דאַן מוזט איהר אויך אָנערקענען, אַז דער פערלוסט פון

---

*) ענטהאַלטען אין מולטאַטולי'ס אַ ביכעל: „ווייז מיר דעם פלאַץ, וואו איך האָב געזעעט!", וואָס ער האָט געשריבען אין 1861, אום דורך דעם בייצוטראָגען זיין טהייל צו לינדערן די נויט אויף יאַוואַ, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך אַ געוואַלטיגע שטורם־פערפּלייצונג.

אָט די פּראָפיטען וואָלט געווירקט זעהר שעדליך אויף אייער וואוילזיין.

דאַן מוזט איהר אויך אָנערקענען, אַז עס איז זעהר וויכטיג צו פערוואַלטען די מזרח־אינדישע קאָלאָניעס אַזוי, אַז די וואַהרשיינליכקייט פון אָט דעם פערלוסט זאָל זיין וואָס **קלענער.**

איהר מוזט אַלזאָ אָנערקענען, אַז עס איז אונפערשטענדיג פון אייך... אַז איהר האַנדעלט געגען אייערע אייגענע אינטערעסען, ויען איהר בלייבט אַזוי גלייכגילטיג דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, ווי אַזוי אָט די לענדער זאָלען פערוואַל**טעט ווערן.**

אַ גרויסען טהייל פון אייער וואוילזיין האָט איהר צו פערדאַנקען די **ארבייט פון דעם יאַוואַנער. אָהן** די דאָזיגע אַרבייט וואָלט איהר **נים געהאַט** קיין קאַפע, קיין צוקער, קיין שפּעצרייען מיט אַלצדינג, וואָס איז פערבונדען דערמיט. שטעלט זיך נור פאָר — עמוואָס אונמעגליכעס נאַטירליך — ווען אַ נאַרישער מיניסטער וואָלט געפּרואווט דורכפיהרען אַ געזעץ, צו בעהאַנדלען די יאַוואַנער, אַזוי ווי אונזערע אור־עלטערן זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען פון אַלבאַ. דער רעזולטאַט וואָלט געווען, אַז די יאַוואַנער — אמת טאַקע נים אַזוי פלוצלינג, ווייל זיי זיינען זעהר געדולדיג, אָבער ענדליך דאָך זיכער — וואָלטען זיך אייפגעהויבען און אַראָבגעוואָרפען פון זיך די האָלענדישע הערשאַפט. און דערצו וואָלטען זיי נים געדאַרפט האָבען קיין אַכציג יאָהר, וואָרים זיי זיינען פיעל, פיעל שטאַרקער אין פערהעלטנים צו אייך, איידער אייערע אור־עלטערן זיינען געווען אַנטקעגען שפּאַניען. אַחוץ דעם וואָלטען זיי אויך געהאַט הילף פון דרויסען, וואָרים עס זיינען פאַרהאַן פעלקער און רעגירונגען, וועלכע זיינען אייך מקנא פאַר אייער וואוילזיין. און נאָך מעהר גרינדע זיינען דאָ, לויט וועלכע עס איז זעהר וויכטיג, אַז דער יאַוואַנער זאָל זיין געניינט, אָדער ווייניגסטענס נים דורכאויס פיינדליך צו אייך. איינמאָל וועט דאָס אייראָפעאישע גלייכגעוויכט אויפהערען... ניין, עס וועט מעהרערע מאָל אויפהערען, ווי אַלע גלייכגעוויכטען. די אויפגאַבע פון די שטאַאטס־מענער איז טאַקע דערפאַר אַזוי שווער, ווייל די נאַטור — דאָס הייסט: אַלעס! — האַלט זיך אין איין בעווען, שטילשטאַנד איז אונמעגליך. דער סימבאָל פון דער גאַנצער שעפפונג איז אַ וואָג־באַלקען... און די פּאָליטיק איז נים קיין אויסנאַהם! וואָס מען רופט גלייכגעוויכט, איז אייגענטליך דאָס שטרעבען נאָך גלייכגעוויכט... די גלייכהייט פו די סומען פון דער

בעוועגונג אויףביידע זייטען פֿון מיטען וואָג... דאָס טרייסלען זיך פֿון'ם ווייזער אין „הייזעל". איינמאָל וועט איינע פֿון דיביידע וואָג־שאָלען דאָך אַרונטערפֿאַלען.

ווער עס קוקט זיך גוט צו צו דעם בעוואָפֿענטען פּאַראַלעליזם פֿון די צוויי הויפּט־מעכטע אין אייראָפּאַ, וועט איינזעהן, אַז אויך דאָ וועט אַמאָל — פֿילייכט באַלד — אַרונטערפֿאַלען איינע פֿון די צוויי וואָג־שאָלען.

עס מוז קומען צו אַ קריעג צווישען פֿראַנקרייך און ענגלאַנד!

און ווער עס צווייפֿעלט אין דעם, דער דאַרף נור בעאָבאַכטען די מיה, וואָס מען ווענדעט אָן אויף ביידע זייטען, כדי ניט צו דערלאָזען, עס זאָל קומען צו אַ קריעג. אויף ביידע זייטען פֿיהלט מען זיך רק געצוואונגען, אויסצושטרעקען די האַנד, כדי אונטערצוהאַלטען די וואָג־שאָל. דאָס וואָלט ניט נייטיג געווען, ווען דאָס גלייכגעוויכט וואָלט געווען נאַטירליך, אָנשטאָט קינסטליך און געקינסטעלט. די נאַטור איז שטאַרקער איידער די קונסט, איבערהויפּט שטאַרקער איידער געקינסטעלטקייט.

און דער דירעקטער רעזולטאַט פֿון אַ פֿריעדענס־ברוך? איך וועל עס אייך זאָגען, אָהן דעם איך זאָל אויך דאָס מאָל מיינען, אַז איך זאָג אייך עפּעס נייעס.

ווייסט איהר, וואו ענגלאַנד — נאָך דער מיינונג פֿון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען — ליגט?...

ענגלאַנד ליגט אין אינדיען.

און אַז די היינטיגע פֿראַנקרייך איז אויך געכאַפּט אין דער דאָזיגער געאָגראַפֿישער אפּיקורסות, דאָס זעהט מען פֿון די „בעאָבאַכטונגען", וועלכע זי מאַכט ביי די ברעגען פֿון ים, מיט דעם וואָס זי האַלט אין איין אַרויס־שיקען עקספּעדיציעס קיין כינאַ, קאָכין און מאַדאַגאַסקאַר — און דערביי האָט זי אייגענטליך אין זינען די בעאָבאַכטונג פֿון די ענגלישע ים־ברעגען; מיט דעם וואָס זי שיקט אַרויס געזאַנדטע אין ווייטען מזרח; מיט דעם וואָס זי פֿעראורזאַכט געגען־בעזוכען... זעה די סיאַמעזישע געזאַנדשאַפֿט.

נאָר עס איז ניט געבליבען נור ביי „בעאָבאַכטונגען". שוין לאַנג אַז מען האָט זיך ריכטיג גענומען צו דער אַרבייט.

דאָס דורכגראָבען פֿון דעם סועץ־קאַנאַל איז אָדער ניצליך אָדער שעדליך פֿאַר דעם האַנדעל און די שיפֿ־רייזען. אָט דער קאַנאַל ווערט געמאַכט אונטער פֿראַנצויזישען איינפֿלוס. ווען ער וואָלט געווען שעדליך, דאַן וואָלט ער פֿאַר קיינעם קיין צוועק ניט געהאַט... און אויב

דערמיט וואָלט געווען פֿערבונדען נוצען און פּראָפֿיט, וואָלט דאָס דאָזיגע ריעזענווערק בלויז געקענט זיין ניצליך פֿאַר די בעזיצער פֿון אינדיען, דאָס הייסט הויפּטזעכליך פֿאַר ענגלאַנד, און אין צווייטער ליניע פֿאַר האָלאַנד. ווייטער וואָלט דאָס — אמת אין אַ קלענערער, נאָר דאָך אין אַ בעדייטענדער מאָס — געבראַכט נוצען דעם האַנדעל פֿון די נאָרדליכע האַפֿענס, האַמבורג, ברעמען א. א. וו. נאָר זיכער איז, אַז אַט דער קאַנאַל קען גאָרנישט, אָדער יעדענפֿאַלס זעהר ווייניג, נוצען פֿראַנקרייך, אַ לאַנד, וואָס האָט פּונקט אַם ווייניגסטען בעציהונגען מיט אינדיען.

פֿונדעסטוועגען ווערט דער קאַנאַל געגראָבען אונטער פֿראַנצויזישען איינפֿלוס!

און אומגעקעהרט, ענגלאַנד — דער שטאַאַט, וואָס האָט גראָד געזאָלט האָבען דעם גרעסטען אינטערעס אין דעם דאָזיגען האַנדעלס־וועג — אַרבייט מיט אַלע כוחות געגען דאָס דורכגראָבען פֿון'ם סועץ־קאַנאַל. ענגלאַנד טענה'ט, אַז די קאָסטען זיינען צו הויך, אַז זיי זאָלען קענען געדעקט ווערן דורך צאָל־שטייערן. דורך זיינע פֿעהיגסטע אינזשענירען בעווייזט עס, אַז די גאַנצע זאַך איז אונמעגליך, — אַי איז דאָך די קשיא, פֿאַרוואָס דאַרף מען אַזוי שטאַרק אַרבייטען דאַגעגען? — אַז ווען עס זאָל זיך אפילו איינגעבען דורכצופֿיהרען די פּראָיעקטירטע אויפֿגאַבע, ווענט מען אויך האָבען צופֿיעל שוועריגקייטען די אונטערנעהמונג אָנצוהאַלטען... אַז מען וועט מוזען כסדר פֿערהיטען, דער קאַנאַל זאָל ניט פֿערשאָטען ווערן מיט זאַמד. די ענגלישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען בערעכנענ, אַז אויף אַ לאַדונג, וועלכע ווערט אַריבערגעפֿיהרט פֿון אינדיען נאָך אייראָפּאַ אַרום דעם קאַפּ פֿון דער גוטער האָפֿנונג, וועלען די צינז־קאָסטען פֿאַר דעם פֿערלוסט פֿון צייט, זאַגאַר מיט די העכערע פּרייזען פֿון דער פֿערזיכערונג געגען ים־געפֿאַהר, — אַז אָט די גרויסע קאָסטען וועלען פֿונדעסטוועגען בעטרעפֿען ווייניגער ווי דער טהייל, וואָס קען אויספֿאַלען אויף דער דאָזיגער לאַדונג, ווען זי זאָל געפֿיהרט ווערן אויף'ן נייעם וועג, דער טהייל פֿון די אונגעהייערע אויסגאַבען פֿאַר דעם גראָבען און אויסהאַלטען דעם עגיפּטישען קאַנאַל.

דאָס אַלעס פֿיהרט אַלזאָ צו די פֿאָלגענדע מאָדנע בעשטעטיגונגען:

פֿראַנקרייך לייגט אַריין געלד און איינפֿלוס, צו שאַפֿען אַ ווערק, וואָס אָדער ס'איז אונניצליך, אָדער עס וועט ברייננגען פּראָפֿיט זיין קאָנקורענט.

ענגלאַנד שטריינגט זיך אָן, ניט צו דערלאָזען, אַז

פֿראַנצויזישע קאַפּיטאַלען זאָלען פֿערלאָרען געהן אין דעם שטרעבען פֿאַר ענגלישען וואוילזיין.

בין איך ניט גערעכט געווען, ווען איך האָב געזאָגט, אַז אָט די רעדזולטאַטען זיינען מאָדנע?

די צאָהל פֿון די שיפֿען, וועלכע פֿאָהרען אַרויס פֿון די פּאָרטען פֿון'ם מיטלענדישען ים קיין אינדיען, איז גאָר ניט ווערט צו דערמאָנען אין פֿערגלייך מיט דעם האַנדעלס־פֿלאָט, וואָס געהט אַרויס פֿון די נאָרדליכערע פּאָרטען פֿון אייראָפּאַ...

נאָך אַמאָל: פֿראַנקרייך ברייננט ענגלאַנד פֿריינדשאַפֿטס־אָפּפֿער, און ענגלאַנד אַרבייט מיט אַן אונגעהערטער עדעלקייט געגען דער דאָזיגער ניט־פֿעראינטערעסירטער הילף...

דאָס איז אַ מין "combat de générosité", אַ וועט־שטרייט פֿון גרויס־מוטהיגקייט, און דאָס הייסט אַזויפֿיעל: אַז די גאַנצע זאַך איז אונזיניג און אונמעגליך.

ווי אַזוי זשע ערקלעהרט זיך דאָס פֿאָרט? איך האָב געזאָגט, אַז פֿראַנקרייך פֿאָרשט אויס די ברעגען פֿון יענעם ענגלאַנד, וואָס ליגט אין אינדיען... אַז זי האָט זיך שוין גענומען צו דער אַרבייט...

נו, דער סועץ־קאַנאַל, וועלכער האָט קיין פֿאָרטהייל ניט פֿאַר פֿראַנקרייך פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון האַנדעל, איז דאָך פֿון גרויסען אינטערעס פֿאַר דעם דאָזיגען לאַנד, ווייל פֿון אַ סטראַטעגישען שטאַנדפּונקט פֿערבינדט ער אינדיען מיט די פֿראַנצויזישע האַפֿען־שטעדט ברעסט און טולאָן, ווייל ער דערווייטערט אינדיען פֿון די ענגלישע פּאָרטען סויטהעמפּטאָן און פּאָרטסמוטה.

איך האָף, וועהלער, אַז דאָס וועט אייך ניט אויסקוקען צו איינפֿאַך, ס'איז מיר אונמעגליך אייך פֿאָרצושטעלען אָט די זאַך כאָטש אויף וויפֿיעל עס איז קאָמפּליצירטער.

אין אינדיען וועט אַמאָל געפֿיהרט ווערן דער קאַמפּף פֿאַר די וועלט־הערשאַפֿט. דער סועץ־קאַנאַל איז דער גראָבען פֿאַר אַ בעלאַגערונג... ניט קיין טראַנספּאָרט־וועג פֿאַר האַנדעלס־גיטער. נאַטירליך איז דאָס בערעכענט אויף שפּעטער! ווען דער מיליטערישער צוועק וועט האָבען אויסגעדיענט, דאַן קען דער קאַנאַל דיענען פֿאַר די בעקוועמליכקייט פֿון די רייזענדע... וועלכע וועלען דאַן קענען איבערלאָזען זייער געלד אין מאַרסייל, אין גענואַ, אין ליוואָרנאָ, אין ווענעדיג, אין אַלעקסאַנדריאַ...

אויך אין די לעצט־דערמאָנטע פאַרטען, וואָרים איטאַליען און עגיפטען זיינען אַריינגענומען אין דעם פּראָגראַם, וואָס איז ניט מעהר ווי רעכט.

נייעס? אַבסאָלוט ניט! די ענדערונג, אויף וועלכער מיר מוזען זיך צוגרייטען, איז דאָס אומקעהרען זיך צו אַ פריהערדיגען צושטאַנד, וועלכער איז געוועזן נאַטירליכער ווי דער איצטיגער. אַז מען וואַרפט אַ בליק אויף די וועלט־קאַרטע, זעהט עס ווירקליך אוים אוננאַטירליך, וואָס די אינדישע פּראָדוקטען געהען צום גרעסטען טהייל איבער לאָנדאָן, האַמבורג אָדער אַמסטערדאַם, אויף זייער וועג קיין צענטראַל־אייראָפּאַ. עס וואָלט געוועזן אונגערעכט, ווען מען זאָל פאַראיבעל האָבען אויף די, וואָס זיינען אין דער מיינונג, אַז די פּאַרטען פון דעם מיטלענדישען ים זיינען געניינט און צוגעפּאסט, אָנצונעהמען צוריק די ראָלע, וועלכע זיי האָבען פריהער געשפּיעלט און פון וועלכער זיי זיינען נור דורך זעהר אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען אַרויסגעשטופּט געוואָרען. נאָר אָפטמאָל קוקט דאָס, וואָס איז נאַטירליך, אוים זאָנדערבאַר, און מיר וואָלטען מיט פיעל וויניגער מיה אָנגענומען די איינפאַכע וואַהרהייט, ווען מיר וואָלטען ניט פון קינדערווייז אויף אָבגעגעבען צופיעל כוחות אויף צו לערנען, בעווייזען, פערענטפערן און האַלטען פעסט אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינען ניט וואַהר.

אַזוי גיך אַלזאָ ווי דאָס גלייכגעוויכט וועט זיין געשטערט און דער קאַמפּף וועט דאַן געפיהרט ווערן אויף דעם אינדישען באָדען, וועלען אונזערע קאָלאָניען ניט קענען בלייבען גאַנץ און אונבעריהרט. קיין איינע פון די צוויי קריעג־פיהרענדע פּאַרטייען וועט זיך ניט אָבזאָגען פון די רייכע הילפס־קוועלען, וועלכע אינסולינדע וועט זיי געבען. דאָרט זיינען דאָ גוטע קריגס־פּאָרטען. דאָרט איז פאַרהאַן פּלאַץ, און צוגעפּאַסטער פּלאַץ, פאַר סקלאַדען און שפּיטעלער. דאָרט קען מען קריגען אַלע אונטערהאַלטונגס מיטלען פאַר אַרמעען און פלאָטען. דאָרט קען מען אויפשטעלען דאָקס צו בויען און פערריכטען שיפען. דאָרט קען מען אויסריכטען, זיך אויסרוהען, אָטהעם שעפּען. דאָרט קען מען מאַכען פאַבריקען פאַר אַלערליי קריגס־מוניציאָן. דאָרט זיינען דאָ הילפס־טרופּען... דאָרט איז דאָ אַלצדינג!

עס ליגט אין אינטערעס פוןביידע פּאַרטייען, אָדער צונעהמען אינסולינדע פאַר זיך אַליין, אָדער — וואָס איז אייגענטליך פונקט דאָסזעלבע — עס דורך בעלאַגערונג בעשיצען געגען דער אַנדערער פּאַרטיי. דאָס לעצטע איז מעהרערע מאָל געשעהן. און דאָס וואָס מיר האָבען אין 1816 צוריקגעקריגען יאַוואַ פון די ענגלענדער, איז בלויז צו פערדאַנקען

אַ מיספֿערשטענדניס, וואָס איז איצט אונמעגליך צוליעב דאָס בוך פֿון מאָני. פֿריהער האָט מען געמיינט, אַז יאַוואַ איז אַ שווערער באַלאַסט, און איצט ווייס יעדער איינער, וואָס מען קען פֿון דאָרט אַרויסנעהמען.

מען דאַרף אַלזאָ ניט טרוימען פֿון נ י י ט ר אַ ל י ט ע ט. נייטראַליטעט איז אַ ו ו אָ ר ט, מעהר ניט ווי אַ וואָרט, וואָס האָט אַליין קיין קראַפֿט ניט, אַזוי לאַנג ווי די שטאַרקע געפֿינען אַ פֿאָרטהייל פֿאַר זיך אין דער פֿולל־קייט, אין דער אונטהעטיגקייט פֿון די שוואַכע. „נייטראַליטעט!" איז דער אונפֿערשטאַנענער רוף פֿון אימיצען, וואָס איז אין געדרענג געפֿאַלען אונטער די פֿיס. דאָס בערופֿען זיך אויף נייטראַליטעט דערמאָנט אָן אַ קהל'שען פֿעלד, וואָס וואָלט זיך בעקלאָגט, אַז ער איז בענוצט געוואָרען פֿאַר קלעפּ אַלס דועל־פּלאַץ פֿון פּריוואַט־לייט. נייטראַליטעט פֿון קליינע שטאַאַטען הערט אויף, אַזוי גיך ווי די גרויסע — אָדער איינער פֿון די גרויסע — דאַרפֿען און ווילען עס מעהר ניט האָבען.

אי פֿ ראַ נ ק ר י י ך אי ע נ ג ל אַ נ ד וועלען זיך באַלד נויטיגען אין א י נ ס ו ל י נ ד ע! די פֿראַגע וועט ניט זיין, ו ו ע ר עס וועט זיך פּרוּאווען עס נעהמען. פֿאַר האָלאַנד לויטעט די פֿראַגע: צ י ע ס א י ז ג ו ט, ע ס צ ו ל אָ ז ע ן נ ע ה מ ע ן, ד ו ר ך ו ו ע מ ע ן ע ס ז אָ ל נ י ט ז י י ן?!

איך פֿערלאָז זיך אויף אייך, אַז איהר וועט דייטליך ענטפֿערן „נ י י ן!" אויף דער דאָזיגער פֿראַגע.

ה אָ ל ע נ ד י ש ־ א י נ ד י ע ן וועט אַלזאָ מוזען פֿ ע ר ט ה י י ד י ג ט ווערן.

נאָר אָט די פֿערטהיידיגונג וועט זעהר שווער ווערן, יאָ, זי וועט זיין אונמעגליך, ווען די א י נ ל ע נ ד י ש ע בעפֿעלקערונג וועט מאַכען א י י ן ה אַ נ ד מיט די אָנגרייפֿער... אָדער מיט די אומגעבעטענע „בעשיצער", וואָס איז אייגענטליך פֿאָלקאָם איינס און דאָסזעלבע.

און אויפֿצוהאַלטען די אינדישע קאָלאָניען וועט זיין ל י י כ ט, אויב די בעפֿעלקערונג ו ו ע ט א ו נ ז ש ט י צ ע ן.

פֿון דער שטימונג פֿון דער אינדישער בעפֿעלקערונג הייננט דערום אָב זעהר פֿ י ע ל.

אָט די שטימונג פֿון דער בעפֿעלקערונג איז אַ נאַטירליכער רעזולטאַט פֿון דער אַרט און ווייזע, ווי זי ווערט רעגירט.

די אַרט און ווייזע פֿון דער רעגירונגס־פֿיהרונג איז בעגרינדעט אויף געזעצען, וועלכע ווערן דורכגעפֿיהרט אין האַאַג און קומען אַריין אין קראַפֿט דורך דעם קעניג נאָך אַן איבערלייגונג מיט'ן פֿאָלק.

ניט האָבען קיין אינטערעס אין די דאָזיגע געזעצען הייסט אַלזאָ ניט

האָבען קיין אינטערעס אין דעם בעזיץ פֿון אינדיען... ניט האָבען קיין אינטערעס פֿאַר אייער אייגענעם וואוילזיין.

ווי אַזוי דאַרף זיך דער דאָזיגער אינטערעס אַרויסווייזען? ווענדענדיג אייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער אַרט און ווייזע, ווי אינדיען ווערט רעגירט, און אויף דער וואַהל פֿון די פּערזאָנען, וועלכע איהר שיקט קיין האַאַג, אום אין אייער נאָמען דורכצוקוקען די געזעצען, וואָס דעם קעניג׳ס מיניסטאָרען שלאָגען פֿאָר.

אָט דאָס אַלעס קוקט מיר אויס זעהר איינפֿאַך, וועהלער! און האָט קיין פֿאַראיבעל ניט אויף מיר, וואָס איך דערצעהל אייך זאַכען, וועלכע פֿערשטעהען זיך פֿון זיך אַליין. איך האָב שוין מעהר ווי איין מאָל בע־מערקט . . . . . .

אָה, ליעבע טינע, ס׳איז ניט אויסצוהאַלטען! שטעל זיך פֿאָר, דאָס הויז, וואו איך וואוין, ווערט געמאָלען. איבער מיין צימער — איך בין אַרויפֿגעגאַנגען אַ קוק טהאָן, וואָס דאָרט טהוט זיך — איבער מיר לייגט מען אַוועק אויף דער ערד אויסגעהאַקטע פֿענסטער און טהירען, און דער־ביי קניען מענער, וועלכע מאַכען זיך דעם שפּאַס, מיט שאַרפֿע דריי־עקיגע אייזענס אָבצוקראַצען די פֿאַרב פֿון אָט די טהירען און פֿענסטער. דאָס רופֿען זיי מאָלען! זיי מאַכען מיך פֿערריקט מיט זייער קראַצען! איך מוז אַלזאָ אָבהאַקען דעם בריעף צו די וועהלער. ס׳איז איינפֿאַך אַ מורא, איך זאָל דערין ניט אַריינזאָגען אַזעלכע זאַכען, וואָס זייער קלאַנג זאָל זיך גראַמען מיט די דריי־קאַנטיגע טענער איבער מיין קאָפּ.

ס׳איז אייגענטליך שוידערליך, אַז אַ זשעני ווי איך זאָל זיין אָבהייננגיג פֿון אַלערליי קליינינקייטען. יאָ, דאָס איז ווירקליך שוידערליך! ס׳איז פֿי־לייכט אַ מאָדנער איינפֿאַל, נאָר דאָך פֿרעג איך זיך אָפֿטמאָל, ווי אַזוי קריסטוס וואָלט זיך אויפֿגעפֿיהרט ביי גליעדער־רייסען אָדער קראַמפּף! ווי אַשטייגער, ווען ער וואָלט געהאַט צו בעצאָהלען וועקסלען, אָהן דאָס נייטיגע דערצו! און ווי, ווען ער וואָלט געווען גליקליך פֿערהייראַט! — אַ טויט־קלאַפּ פֿאַר דאָס זשעני... ליידער לעב איך נאָך! — און ווען ער וואָלט זיך אָבגעקוועטשט דעם פֿוס! און ווען עס וואָלט אָנגעהויבען רעגע־נען אין מיטען פֿון זיין באַרג־דרשה! און — נאַטירליך! — ווען מען וואָלט אַרום איהם, לעבען איהם, אונטער איהם געמשעשעט און געהאַ־מערט אָדער „געמאָלען" מיט דריי־קאַנטיגע אייזענס... ליעבער הימעל, אָט הויבען זיי שוין ווידער אָן! איך געה אַרויס אין גאַס.

ניין, נאָך איינס! כ׳מיין, איך האָב דיר שוין געשריבען, אַז איך קריג אַלערליי נאַרישע בריעף איבער זאַכען, וועלכע איך הויב ניט אָן פֿערשטעהן.

דאָס האַלט נאָך אַלץ אָן. אָקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך אָבגעלייגט דערויף, מיך ווילד צו מאַכען. זאָל דאָס זיין אַ קאָנספּיראַציע אין פֿערבינדונג מיט אָט די מאַלער? און אויך ביינאַכט האָב איך קיין רוה ניט. אין שלאָף וועראיך געפּייניגט פֿון לעבערליבע חלומות. מייסטענס בין איך בעשעפֿטיגט מיט אַ געשיכטע וועגען אַ מיידעל. מיין געליעבטע — יאָ, יאָ, ס'איז פֿאַרהאַן אַ געליעבטע אין שפּיעל! — רייצט זיך מיט מיר און מוטשעט מיך מיט אַ לאָק האָר, וואָס איך וויל אָנכאַפּען, נאָר איך קריג זי קיינמאָל ניט אין האַנד. דאַן פֿליהט זי אַוועק, און איך פֿיהל אַ פּוסטקייט, אַ הויהל-קייט אין מיר... מיר קומט דאַן פֿאָר, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס פֿערלאָ-רען, וואָס איך וויל און מוז צוריק געפֿינען, נאָר וואָס איך קען בשום אופן ניט געפֿינען, דו ווייסט, וואָס חלומות זיינען. אַז איך כאַפּ זיך אויף, טהוט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק וועה. מאָרגען וועל איך דיר מיטטהיילען, וואָס איך וועל ווייטער שרייבען צו די וועהלער...

יאָ, יאָ, אונזער קריסטוס וואָלט זיין שעהנער, ווען ער וואָלט געווען אַ מ ע נ ש. די פֿאַרשטעלער האָבען זיך צ ו פֿ י ע ל פֿאַרגעשטעלט און האָ-בען פֿערבייגעשאָסען פֿערביי דעם ציעל; קריסטוס איז אַ מאַלעריי אָהן שאָטען. דאָס ליכט ש יי נ ט ניט, ווייל עס האָט ניט קיין ברוין אין זיך. א י ו ב איז פֿיעל שעהנער: איוב איז געווען אַ מ ע נ ש! ער האָט געפֿיהלט און געליטען אַלס מענש. איוב איז געפּרואווט געוואָרען אַלס מענש!

אָה, דער נסיון, וואָס קריסטוס איז בייגעשטאַנען אַנטקעגען דעם טייוועל, האָט ווינציג וואָס צו זאָגען! דער טייוועל באָט אָן צו ווייניג. מיט אַזאַ מין אָנבאָט וואָלט ער קיין הצלחה ניט געהאַט אפילו ביי מיר, וואָס איך בין אַזוי פֿול מיט זינד און הויב גאָרנישט אָן צו ווייסען פֿון קיין הי-מעל! „די קעניגרייכען פֿון דער דאָזיגער וועלט?" וואָס פֿאַר אַ בעטרעף האָט דאָס פֿאַר אימיצען, וואָס האָט צו ערוואַרטען אַסך אַ גרעסערע ירושה? אַ ראָטשילד קויפֿט מען ניט אונטער מיט קיין פֿאַר פֿעניג. נייין, נייין, דאָס איז אַן אונגעשיקטע ערצעהלונג. איך וואָלט דאָך גערן געוואָלט ווייסען, צי מיר זיינען אונשטערבליך! פֿון צייט צו צייט קומט עס מיר ווירקליך אַזוי פֿאָר, ווייל איך האָב דאָ אַזוי פֿיעל זאָרג און אומעט. אָבער... ווי זשע איז מיט די אַלע אַנדערע, וועלכע האָבען ווייניגער זאָרג און אומעט פֿאַר מיר?

אָה, אָט די מאַלער!...

אָט קריג איך שוין ווידער אַ בריעף, וועלכען איך בעגרייף ניט — דאָס מאָל פֿון אַ פֿערלעגער — לייען דו אַליין. איז עס ניט צום פֿערריקט ווערן? ס'איז אַ קאָמפּלאָט, אַ פֿערשווערונג! איך וויים ווירקליך ניט, וואָס

זיי ווילען מיט זייער שרייבעריי! איך ליעבעס־בריעף? וואָס זיינען זיי, משוגע?

מיר דרעהט זיך אַלעס אין קאָפּ. איז דאָס אַ לעבען? יאָ, יאָ, מיר זיינען געוויס אונשטערבליך! איך געה אַרויס. זאָג מיר, צי דו פערשטעהסט עפּעס פון דער געשיכטע מיט די שעפּסען און דעם פערלעגער מיט זיינע ליעבעס־בריעף... און פון דער אונשטערבליכקייט. יאָ, דאָס פריהער פון אַלצדינג!

זיי געזונד, מיין טינע!

פון א פערלעגער.

מיין הערר! אַן אָנשטענדיגער פערלעגער האַלט זיין וואָרט. איך האָב אַנאָנסירט „ליעבעס־בריעף"... דאָס פובליקום האָט אַ רעכט אויף „ליע־בעס־בריעף". איך האָב מיט אייך אָבגעמאַכט, איהר זאָלט שרייבען „ליעבעס־בריעף", און איך ערוואַרט „ליעבעס־בריעף". עס רעגענט מיט בעשטעלונגען אויף די אַנאָנסירטע „ליעבעס־בריעף". איך ערוואַרט אַלזאָ מאַנוסקריפּט פון אייערע „ליעבעס־בריעף", און עס וועט מיר לייד טהאָן, ווען איך וועל אייך מוזען צווינגען דורך'ן געריכט, מיר צו ליפערן די „ליעבעס־בריעף", וועלכע איהר האָט מיר און איך האָב דעם פובליקום צוגעזאָגט.

פון טינע'ן צו פענסי'ן.

אום גאָטעס ווילען, פּענסי, וואו ביזט דו? האָסט דו אונז איבער־געלאָזט אַליין?

צו טינע'ן.

ליעבע טינע! איך האָב ניט, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגען! יאָ, איך האָב נאָך אַ וואוינונג, אָבער וואָס פאַר אַ וואוינונג, איצט הויבען זיי נאָך אָן ריין צו מאַכען. ס'איז מיר אונמעגליך צו שרייבען צו דיר... מען

פֿיילט, בוייערט, קראַצט, האַמערט; מען שאַרט, רוקט, שייערט, שאָבט, שרויפֿט... אָה גאָט, איך האָב אַזוי פֿיעל צו טהאָן און קען גאָרנישט טהאָן! זיך אַריבערציהען ערגעץ אַנדערש קען איך אויך נים. וואוהין זאָל איך געהן? איבעראַל וועט מען פֿאָדערן געלד! אָה, אָט דער קריסטוס! האָט ער דאָס דורכגעמאַכט... ער מיט זיינע ליליען? האָט אַזאַ ליליע געהאַט פֿרוי און קינדער? איז דאָרט געווען די רייד פֿון אַ מורא'דיגער ענגשאַפֿט, וועלכע האָט זיי געשטערט צו בליהען... וועלכע האָט זיי אונמעגליך געמאַכט צו זיין ליליען?

און די בייזע צונג וויל אויך אויף אַ רגע נים רוהען. נאָר דאָס זיינען נעבען-זאַכען. ווען דאָס רייניגען זאָל נור אַריבערגעהן! מאָג־טעגליך הער איך, אַז איך בין אַ לומפּ, אַ נידעריגע בריאה, אַ גנב, אַ רויבער... אַזוי ענטפֿערט מוסיע פּובליקום אויף מולטאַטולי'ס בוך איבער די אויקציאָנען!

נאָר דאָס וואָלט מיך נים געקימערט — כ'האָב גאָר קיין אַנדער זאַך נים ערוואַרט — ווען איך וואָלט נור געקענט געפֿינען אַ שטיקעלע פּלאַץ, כדי רוהיג צו שרייבען צו דיר. אויף פֿערלײמדונג האָב איך זיך געריכט, אָבער נים אויף רייניגען און קאַלכען.

מיין פֿריינד, דער ביכער-מאַן, באָט מיר אָן זיין ביבליאָטעק־צימער. נאָר דאָס געהט נים. דאַן וועל איך זיך מוזען אָנטהאָן, כדי אַרויסצוגעהן, איידער איך וועל קענען אָנפֿאַנגען שרייבען צו דיר. אויף דער גאַס זעה איך אַלערליי זאַכען, וועלכע זיינען נים שעהן. דאָס פֿערדאַרבט מיינע איינדריקע. און אַחוץ דעם: ווען איך זאָל אפילו אויסמיידען די יאַמקעס אָדער די מענשען, וועלכע מאַכען „געשעפֿטען", ווען איך זאָל אפילו נים בעגעגענען קיין פּענסיאָנירטען קאָלאָניאַל־בעאַמטען, קיין גוט־פֿערזאָרגטען קאָנטראַקטער מיט פּרינציפּען נאָך אָבגעגליקטע אונטערנעהמונגען; ווען איך זאָל זיך זאָגאַר נים צונויפֿטרעפֿען מיט דער גראָב־בייכיגער צופֿריעדענקייט פֿון די בראַווע לייט, וועלכע שניידען קופּאָנעס פֿון די אָבליגאַציעס פֿון זייער טוגענד... ווען איך זאָל אפילו נים בעשפּריצט ווערן מיט דער בלאָטע פֿון אַלערליי רויטע און געלע וועגען — ס'איז זעהר שווער, טינע, אַלעס אויסצומיידען! — זאָגאַר דאַן קען איך נים אַרויסגעהן, אום צו שרייבען אין דעם דאָזיגען שטודיר־צימער.

צום שרייבען מוז איך האָבען אַ לייכט הויז־קלייד, ווי דער בעריהמטער פֿראַנצויזישער שרייבער בופֿאָן האָט געמוזט האָבען זיינע קריוזלאַך פֿון עכטע שפּיצען. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס ער האָט געזאָגט

מיט זיין: *) „le style c'est tout l'homme" דער סטיל, דאָס איז דער גאַנצער מענש. זיין סטיל איז געפוצט און געציערט... מיינער האָט ליעב „סאַראַנג" און „קאַבאַאַי"**), אָדער נאָך בעסער, מיין סטיל טראָגט דאָס מאַטראָזען־העמד פון גאַריבאַלדי... איך הער, אַז מען מאַכט אַנגריפען אויף זיין לעבען... דאָס איז נאַטירליך! מענשען, וועלכע טראָגען שוואַרצע רעק, קענען ניט אָנקוקען קיין רויט העמד, ניט ווערענדיג בייז דערביי ווי אַן אינדיק.

בופאָן'ס מיינונג איז זעהר ריכטיג. דערפאַר איז טאַקע סטיל א זעלטענהייט, ווייל עס זיינען דאָ אַזוי ווייניג מענשען.

קוק זיך אַקאָרשט צו, ווערסט דו זעהן... אַביסעל קליינגערייי, מעהר אָדער ווייניגער אָבגעהובעלטע זעצע, געהעריג אָדער ניט געהעריג אָבגע־טהיילט דורך קאָמאַס און קאָמאַ־פונקטען, דאָ און דאָרט א נייער אָבזאַץ... בנאמנות, אַז מען קוקט זיך ניט גוט צו, קען מען צייטענווייז מיינען, אַז עס שטעקט עפּעס הינטער דעם. נאָר אַזוי גיך ווי מען בעטראַכט עס נור גענוי, ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז אַלעס ניט מעהר ווי „אויסגעלערנט". קיין נשמה איז ניט צו געפינען... אַקוראַט ווי דער כאַראַקטער, וואָס מען זוכט אומזיסט אין די האַנדשריפטען פון די אַלע מיידלאַך, וועלכע האָבען זיך געלערענט שרייבען אין איין און דעם זעלבען אינסטיטוט. די מיידלאַך שרייבען נאָך דער „פּריילין" און דאָס טהוען אויך די מענשען מיט זייער סטיל. זיי שרייבען אויך נאָך דעם „פּריילין"!

יעדער וויל, איך זאָל שרייבען... דערצו נאָך פאַר מוסיע פובליקום! נו, עס זיינען דאָ אַסך אורזאַכען, וועלכע האַלטען מיך אָב דערפון, נאָר ווען עס וואָלטען אפילו מעהר ניט געווען ווי די פאָלגענדע, מיין איך, אַז זיי וואָלטען געדאַרפט זיין גענוג:

שרייבען איז: אַראָבנעהמען אַן אָבדרוק פון דער נשמה.

אויב מוסיע פובליקום האָט נשמה, טאָ זאָל ער אַליין שרייבען.

האָט ער ניט קיין נשמה, דאַן וועט ער אויך ניט בעגרייפען דאָס, וואָס איך שרייב...

פונקט!

*) אַזוי האָט בופאָן געזאָגט, און ניט: „le style c'est l'homme" דער סטיל, דאָס איז דער מענש. דאָס איז אַן אונטערשיעד.

**) א לייכט הויז־קלייד אין אינדיען.

נאָר נאָך אַ גרונד איז פֿאַרהאַן, וואָס מאַכט, איך זאָל אויסמיידען די ביבליאָטעק פֿון מיין פֿריינד ווי די פּעסט. איך בין, באמת גערעדט, שטאָלץ און איינגעבילדעט, און — איך פֿערזיכער עס דיר גאַנץ ערנסט — דער הויפּט־בעשטאַנדטהייל פֿון שרייבען אָדער ריידען איז גאוה, איינגעבילדעטקייט. נו, אַז איך זעה אַסך ביכער אַרום מיר, כאַפּט מיר אָן אַ חשק צו וואַרפֿען אַ בליק אין זיי. איך האַלט אין איין לייענען, כ'געפֿין כסדר עפּעס, וואָס איך האָב ניט געוואוסט... כ'ווער געגען מיין ווילען איבערצייגט פֿון מיין אונוויסענהייט, און אַוועק איז די גאוה, די איינגעבילדעטקייט, אין וואָס איך נייטיג זיך, אום צו שרייבען! נעהם דאָס אַקאָרשט ניט אָן אַלס אַ סאַרקאַזם, אַלס איראָניע, אַלס וויץ, אַלס פּרעטענדירטע בעשיידענהייט. איך גיב עס דיר אָן אַלס איינפֿאַך וואַהר, אָן איך בין אַזוי פֿריי, צו האַלטען די מענשען, וועלכע פּרעטענדירען צו האָבען אַן אַנדער איינדרוק פֿון דער זאַך, פֿאַר איינגעבילדעטער איידער מיך אַליין.

שטענדיג, ווען איך זעה אימיצען, וואָס טרעט אַרויס אַלס רעדנער אָדער שריפֿטשטעלער, טראַכט איך ביי זיך: זאָל אָט דער מאַן — ס'פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין, אַז עס איז אימער אַ מאַן — זאָל אָט דער מאַן ווירקליך גלויבען, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגען? נאָר קיינמאָל שטעל איך ניט אָט די פֿראַגע גאַנץ הויך אויף'ן קול, מחמת יעדער איינער ווערט בייז, ווען מען פֿרעגט זיך נאָך מכה זיין שטאָלץ. ווען די מענשען וואָלטען געקענט געבראַכט ווערן דערצו, צו דערקענען זייער איינבילדונג, וואָלט מען דורך דעם פֿיעל געוואונען, וואָרים דאַן וואָלטען אויך די אַנדערע פֿעהלערן אויפֿגעדעקט געוואָרען. נאָר דאָס איז, ווייזט אויס, אַ שווערער עסק. אימער זיינען דאָ לעכער ביי דיאָגענעס'ן אין מאַנטעל. דו ווייסט, אַז איך האַלט עס פֿאַר בעסער אַראָבצוּוואַרפֿען דעם גאַנצען מאַנטעל. „דער דאָזיגער מאַן איז אַ בעל גאוה" בעדייט אייגענטליך: „דער דאָזיגער מאַן נעהמט זיך ניט די מיה צו פֿערבאָרגען זיין גאוה ווי מיר!" דאָס הייסט, נאָך אַמאָל איבערזעצט: „ער לויפֿט אַרום אָהן אַ ראָק!"

פֿערשטעהט זיך... אַז ס'איז וואַרם! אָדער אַז מען האָט עפּעס צו טהאָן, ווען דער איבער־ראָק שטערט, ווי עס קומט ביי מיר אָפֿט פֿאָר. איך האָב ניט קיין צייט אויסצוקוקען בעשיידען.

דאָס האַלטען די געפֿיהלען פֿערבאָרגען אין זיך ווערט מיר צו שווער אַריבערצוטראָגען. איך האָב רחמנות אויף די מענשען, וועלכע ליידען זייער לעבען לאַנג פֿון אַ פֿערשטאָפּונג, וואָס דאָס דאָזיגע פֿערשטעקען פֿון זייער

הויבער זעלבסט־אָבשאַצונג מוז ברייגנען מיט זיך. ס׳איז איינפאַך צום פּלאַצען!

אויך וואָלט איך מורא געהאַט, צו ווערן אונאויפריכטיג אין אַ גאַנץ אומגעקעהרטען זינן. ווער ווייס, דורך דאָס קינסטליכע און קיינמאָל ניט געלונגענע אוועקשנורען פון מיין טוגענד קען איך נאָך פיליכט אין דער־זעלבער צייט אויך בעהאַלטען עפּעס, וואָס איז ניט טוגענדליך. לאָמיר נאָר אימער אָפען אַרויסזאָגען דאָס, וואָס איז א מ ת נאָך אונזער מיינונג נאָך, און עס אָבשאַצען אַלס דאָס בעסערע! דאָס איז ווידער גאַנץ איינפאַך, ווי דו זעהסט.

אחוץ דעם, עס ליגט פיעל שטאָלץ אין דעם בעקלאָגען זיך איבער שטאָלץ. דאָס ערגערט מען זיך איבער דער גאַנצער פערלאָרענער מיה, וואָס מען גיט זיך, אום צו עררייכען אַ צוועק, וועלכער ווערט אָהן שאָדען פערנאַכלעסיגט פון אַן אַנדערן.

קריסטוס האָט נ י ט פערבאָרגען זיין שטאָלץ. ער האָט זיך ניט אַראָב־געלאָזט דערצו, עפּעס צו בעהאַלטען פון׳ם אויג. „איך בין דער וועג, די וואַהרהייט און דאָס לעבען, ווער ס׳האָט מיך געזעהן, דער האָט געזעהן דעם פאָטער!״ אויב ער האָט דאָס ג ע ג ל ו י ב ט, האָט ער געהאַט אַ רעכט עס צו ז אָ ג ע ן. ס׳איז געווען אַן אַנדערן׳ס עסק, איהם צו ווידערשפּרעכען און איהם פון מיינעטוועגען צו בעווייזען, אַז ער איז ניט דער וועג, די וואַהרהייט און דאָס לעבען, נאָר קאַנאַל, ליגען און טויט. נאָר וואָס איך געפין ניט אַזוי שעהן ביי יעזוס׳ן איז דאָס, וואָס ער האָט ניט מיט דער־זעלבער רונדקייט געזאָגט, וואָס איהם פעהלט. דאָך זעה איך איין, אַז מען מוז האָבען מעהר מוטה, אום צו ריידען ג ו ט פון זיך איידער ש ל ע כ ט, און אַזוי ווי קריסטוס האָט געוואַגט דאָס ערשטע, וואָלט ער געוויס אויך געהאַט מוטה צו דעם צווייטען... ווען עס וואָלט נור נייטיג געווען. וואַהר־שיינליך האָט ער זיך געטראַכט, אַז די פ אַ ר י ס ע ע ר (פרושים) וועלען עס פאַר איהם טהאָן, און ער איז געווען גאַנץ גערעכט דערמיט. ס׳איז נאָך איצט אַזוי.

מ ו ט ה, שטאָלץ צו זיין? נו געוויס!

— ווער וואַגט צו שטורעמען אָט די געלעכערטע וואַנד? — שרייט אויס דער קאָמאַנדיר.

— א י ך! — זאָגט אַ ב ע ל ג א ו ה, וועלכער האַלט זיך כלומר׳שט פאַר דעם דרייסטעסטען מאַן פון דעם גאַנצען רעגימענט.

נאָר בשעת ער האָט אויסגערופען „איך!״ האָט ער געוואוסט, אַז מען וועט איהם ענטפערן:

— נו, געה און שטורם די וואַנד!

און ער געהט! וואָרים איך רייד ניט פֿון די, וואָס שרייען „איך!" און געהען ניט. דאָס וואָלט געווען פֿאַלשע, היפּאָקריטישע גאוה, און איך נעהם זיך נור אָן פֿאַר דער אמת׳ער. אָך, טינע, אָט די אַלע זאַכען זיינען גאַנץ איינפֿאַך. יעדער איינער ווייס זיי, נאָר מיר דיינקען ניט וועגען דעם, ווייל מיר זיינען צופֿיעל ערצויגען און צופֿיעל צוגעוואוינט צו גאָטעס-דיענסט. כדי קלוג צו ווערן, איז ניט נייטיג פֿיעל צו לערנען, נאָר מען מוז פֿערגעסען דאָס אָדער יענעם פֿון דעם, וואָס מען האָט געלערענט. די אויסראָטונג פֿון איין פֿאָראורטהייל איז מעהר ווערט ווי די אויסקליגלונג פֿון צעהן נייע סיסטעמען.

וואָלטער — מיט וועמען איך בין ווייט ניט איינפֿערשטאַנען אין אַלצדינג, דאָס ווייסט דו דאָך — וואָלטער איז אַ פֿושער, אַ קאַליקע אין די אויגען פֿון די אָנהייגנער פֿון קאַנט, העגעל, שפּינאָזאַ, דע קאַרט און לייבניץ. פֿאַרוואָס? ווייל ער האָט ניט געזאָגט קיין איין זאַך, וואָס יעדער איינער קען ניט בעגרייפֿען, און ווייל ער האָט ניט פֿערקאָכט קיין סיסטעם — וואָס ער מיט זיין פֿערשטאַנד וואָלט דאָך גאַנץ גוט געקענט טהאָן. ער ווייזט אָן דאָס, וואָס איז ניט אמת, און דאָס ווילען די מענשען ניט, סיידען מען זאָל זיי אָנשטאָט דעם דערצעהלען עפּעס אַנדערש, וואָס דאַרף זיין פונקט אַזוי ווייניג וואָהר. מען הונגערט נאָך ליגען. אַזוי גיך ווי איך וועל ווערן אַ שלעכטער מענש, וועל איך זיך נעהמען מאַכען סיסטעמען. גרייץ האָב איך גענוג... איך ערוואַרט אַ סטאַטוע, מיט אַן אויפֿשריפֿט... יאָ, אַזוי:

שטעה, וואַנדערער!
דאָס שטעלט פֿאַר
דעם מאַן,
וועלכער
וואָלט געקענט בעסער ליגען,
ווי יעדער אַנדערער, ווען
ער וואָלט נור
געוואָלט.

נאָר, טינע, כדי צו זיין קאָנזעקווענט, וואָלט מען דאַן געמוזט אַרונטערייסען אַסך אַנדערע סטאַטוען.

איך בין אַנטלאָפֿען אין אַן אַנדער צימער, איבער וועלכען עס ווערט נור געמאַנגעלט! גאָט פֿעררררר...! כ׳האָב געקענט אַ פֿאָלקאָווניק פֿון דער

פלאַטע, וואָס האָט געבאָטען אַ פּרייז פאַר אַ נייער קלי‫ה! אָה, איך בענרייף דעם דאַזיגען פאַלקאָוניק! אָט קריג איך שוין ווידער בריעף... לעז דו אַליין און אורטהייל. וואָס ווילען זיי פון מיר!

יעדער איינער באָט מיר אָן אַלערליי זאַכען, און וועלכע איך גייט־יג זיך ניט, נאָר קיינער, ווייזט אויס, האָט קיין חשק ניט אָנטהייל צו נעהמען אין דעם שווערען קאַמפּף, וואָס איך פיהר. ווי מאָדנע דאָס איז!

פון א מיידעל.

טייערער ברודער אין קריסטוס! יאָ, איהר זייט מיר טייער, כאָטש איהר פערשליסט אייער אויער . . . . *)

פון אן אנדער מיידעל. **)

פון א פאסטאר.

ברודער! פון טיעפען הארצען פיהל איך זיך געטריבען, אייך צו בעטען, איהר זאָלט מיר ערלויבען מאַכען מיט אייך פערזענליכע בעקאַנט-שאַפט. איך האָב אַ פּלאַן, מאָרגען, גלייך נאָך׳ן פרייריגען, אַריבערצוגעהן קיין אַמסטערדאַם און זיך אַביסעל דורכשמועסען מיט אייך מכח׳ן גלויבען. איהר זייט אויף אַ גוטען וועג. איהר זייט אַ צו גוטער מענש, איהר זאָלט ניט גלויבען אַזוי ווי איך. לייענט אַקאָרשט דורך... ***)

*) די פאָרטזעצונג אונטערדריקט פון דעם פערלעגער.

**) אונטערדריקט, צוזאַמען מיט נאָך אַ צוואַנציג אַנדערע בריעף, וואו די זאָרג פאַר די זעעלע און דער זעליגקייט פון דעם אָרעמען געהעצטען שפּיעלט די הויפּט ראָלע.

***) אַ שאָק פסוקים פון דער ביבעל... אונטערדריקט!

פון אן אנדער פאסטאר.*)

צו טינע׳ן.

איך בין מיעד, טייערע! זיי ניט בייז, וואָס איך שרייב אַזוי ווייניג. איך קען דיר גאָרנישט שיקען. סטאַרע זיך ווי עס איז אויסצוהאַלטען. עס דייכט ניט אימער אַזוי בלייבען. נאָר מיעד בין איך, דאָס איז די ריינע וואָהרהייט.

שטעל זיך פֿאָר... זיי האָבען זיך אַריינגעהאַקט אין קאָפּ, אַז איך בין אַ שריפטשטעלער, און אַז איך דאַרף שרייבען פֿאַר עסען און טרינקען! זיי פֿערוועקסלען מיך מיט מולטאַטולי׳ן. שרייבען פֿאַר עסען און טרינקען! דאָס דערמאָנט מיך אָן דאָן זשואַן, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ פֿערגניגען צו הערען, ווי דער אָרעמער מוסיע דימאַנש רעדט, אַז ער האָט גאָר פֿערגעסען צו ענטפֿערן אויף יענעמס בּיטע, איהם צו בעצאָהלען וואָס איהם קומט.

איך האָב ניט ביי מיר קיין מאָליער... אַך, טינע... אונזערע ביכער! געדיינקסט דו נאָך, אַז מיר האָבען אַמאָל געהאַט ביכער, און אַ הויז? און אַז מיר פֿלעגען אַריינרופֿען צו אונז מענשען, וועלכע האָבען קיין הויז ניט געהאַט? ס׳איז דאָך אַ מאָדנע זאַך... צייטענווייז פֿרעג איך זיך: ווי קומט עס פֿאָרט, וואָס מיר האָבען ניט קיין הויז? ס׳איז צו דום... איך בין ווי דער קליינער מאַקס מיט זיינע נאַרישע פֿראַגען. ס׳קומט מיר אָן שווער, צו פֿערטרייבען מיין געפֿיהל פֿון קנאה, ווען איך דיינק, אַז עס זיינען דאָ אַזוי פֿיעל, וועלכע האָבען וואו צו וואוינען. און מייסטענס... אָבער איך וועל דיר בעסער דערצעהלען וואָס עס איז פֿון דאָן זשואַן. ס׳איז גאַנץ גוט, וואָס איך האָב ניט קיין מאָליער ביי זיך. דאַן וואָלט איך פֿיליכט אָבגעשריבען, און דאָס איז מיר אַזוי לאַנגווייליג.

דאָן זשואַן איז דיק און פֿעט, ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר איהם. אָבער דימאַנש איז מאָגער.

— מיין פֿאַמיליע איז אין נויט, עדעלער דאָן זשואַן! איהר ווייסט, וואָס איך האָב געטהאָן פֿאַר אייך...

— גוט גערעדט, מיין ליעבער דימאַנש, זעצט זיך!

---

*) אונטערדריקט!

— איך דאַנק פֿאַר דער אויפֿפֿאָדערונג, הערר זשאַן... איך האָב נור געוואָלט, איהר זאָלט אָט די רעכנונג...

— אייער רעכנונג איז אויסגעצייכענט. רעדט ווייטער! איהר ווילט אפשר אַ שמעק טאַבאַק?

— איך דאַנק פֿאַר'ן שמעק טאַבאַק, דאָן זשואַן... נאָר קוקט דורך די רעכנונג, און...

— ווייסט איהר, אַז איהר האָט אַ גוטע האַנדשריפֿט, אָה אוניווערזעלער דימאַנש? איך מאַך אייך פֿאַר מיין סעקרעטאַר... דאַן וועט איהר קענען שרייבען פֿאַר מיר!

— איך דאַנק דערפֿאַר, הערר ריטער, נאָר מיין ווייב און קינדער ליידען נויט... און צוליעב אייך קומט אונז אוים...

— נ ו י ט?... ל י י ד ע ן?... ליידען נויט?... אָה, וואָס פֿאַר אַ הערליך שעהנע פֿערבינדונג פֿון טיעף-געפֿיהלטע קלאַנגען! איך זאָג... איך גליה... איך וויל... איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך וויל, נאָר עס מאַכט גאָרנישט אוים... דער אויסדרוק איז גלענצענד! טהוט מיר די געפֿעליגקייט און זאָגט עס נאָך אַמאָל...

— מיר ליידען נויט, הערר...

— געטליך! וואָס פֿאַר אַ לעבען... וואָס פֿאַר אַ גלוטה... וואָס פֿאַר אַ פֿייער! איך דערהויב אייך צו מיין לייב-דיכטער. געהט ווייטער, וואויל-בערעדטער דימאַנש!

— אַ דאַנק פֿאַר'ן דיכטער-אַמט, הערר גראַנד... כ'האָב געמיינט, אַז איהר... אום גאָטעס ווילען, איהר הערט דאָך, אַז מיר שטאַרבען... און דערצו נאָך האָב איך חובות... כ'קען ניט בעצאָהלען... און מען זאָגט, אַז א י ך בין אונעהרליך... אין דער צייט וואָס א י ה ר... בערעכענט פֿאָרט, הערר, ריטער, זשאַן, זשואַן, גראַנד... ווי מוז איך צו אייךריידען, אום פֿערשטאַנען צו ווערן? דאָן זשואַן... אָה גאָט... מיר שטאַרבען, און מען זאָגט, אַז איך...

— ש ט אַ ר ב ע ן?... ערהאַבענער געדאַנק! אָבער ער איז ניט אַם פּלאַץ... פֿריינד דימאַנש! דורך בעגייסטערונג לאָזט איהר זיך הינרייסען צו אונגעניקייט. ש ט אַ ר ב ע ן? א י ה ר מיט אייער טאַלאַנט צום רייַדען? ש ט אַ ר ב ע ן? א י ה ר?... מיט אַזאַ האַנדשריפֿט? אונמעגליך, דימאַנש! אַלזאָ, הערט אוים! איך, דאָן זשואַן... איך שענק אייך... נעהמט עס אָן!... איהר האָט זיך ניט וואָס צו שעהמען... איך בין עס אייך שולדיג... איך שענק אייך, ex plenitudine potestatis... פֿערשטעהט איהר, וואָס דאָס הייסט?

— אַך ניין... אָבער מיין רעכנונג...

— איך שענק אייך די אונשטערבליכקייט! — לעפּאָרעללאָ, ווילסט דו אַרויסלאָזען דעם הערר דאָ?

איך ווייס ניט, צי עס שטעהט פונקט אַזוי ביי מאָליער׳ן, אויך ניט, צי דימאַנש האָט נאָך צייט צו ענטפֿערן: „איך דאַנק אייך, דאָן זשואַן... פּובליקום, פֿאַר אי״ער אונשטערבליכקייט!״, נאָר מיר דוכט, אַז איך זעה, ווי דער אָרעמער מענש געהט אַוועק אַזוי דערשלאָגען, אום צו ברייגגען אַהיים צו דער פֿרוי און די קינדער אונשטערבליכקייט — אַנשטאָט ברויט, אויף וואָס זיי האָבען געוואַרט, כדי ניט צו דאַרפֿען שטאַרבען פֿאַר הונגער.

און דאַן פֿרעג איך, צי עס זיינען אויך אין יענער צייט געווען גענעראַל־גובערנאַטאָרען אין רוה־שטאַנד, מיט אונגעשטערטער לעבענס־פֿערדייאונג און מיט אַ שוויינענדען געוויסען? מאָליער האָט טאַקע געשריבען גאַנץ פֿיין, אָבער ער האָט פֿאַר זיין קונסט ניט געהאַט קיין רעכטע מאָדעלען, צו ווייניג געגעבענעס. ער איז געווען אַ קינד פֿון זיין צייט, און זיין צייט איז געווען אַ[illegible].

איך זאָל שרייבען פֿאַר עסען און טרינקען... פֿאַר געלד? אונזער נאָני איז איצט גראָד פֿיער יאָהר אַלט... שטעל זיך נור פֿאָר, אַז זי וועט שפּעטער... פֿאַר געלד... אָה גאָט!

זעה דורכצוקומען, ליעבע טינע, אַזוי גוט ווי מעגליך! האָב איך דיר שוין מיטגעטהיילט, אַז איך האָב געשריבען אַ בריעף צום מיניסטער? ער איז אַ פֿריינדליכער מענש... ער וועט זיכער ענטפֿערן. איך האָב איהם דאָרט קיין וואָרט ניט דערמאָנט מכח דער נויט, אין וועלכער מיר געפֿינען זיך. דאָס וואָלט ניט גוט געווען, וואָרים דאַן וואָלט ער אונז געהאָלפֿען אוים מיטלייד. וואָלט איך איצט נור אַ שכור געווען, דאַן וואָלטען מיר געווען גערעטעט! יאָ, דאַן וואָלט איך געקענט צוזאָגען, אַז איך וועל זיך בעסערן, און וואַהרהאַפֿטיג — אַזוי זיינען מיניסטאָרען און מענשען — אַז מען זאָגט צו זיך צו בעסערן, ווערט מען מייסטענס געהאָלפֿען. גערעכטיגקייט איז טייערער ווי פֿערגעבונג, און ווען זיי וואָלטען מיר נור ניט געמאַכט אַזאַ לעבען איבער מיין קאָפּ, וואָלט איך דיר ערקלעהרט, פֿאַרוואָס?

נאָר די זאַך איז גראָד פֿערקעהרט, און דערפֿאַר טאַקע האָב איך מורא, אַז מיין שרייבען וועט גאָר ניט נוצען. אָנגעהמענדיג מיין אָנבאָט, וואָלט די רעגירונג געדאַרפֿט צוזאָגען, אַז זי וועט זיך

בעסערן... און אַט דער צוזאָג איז שווער פֿאַר דעם, וועלכער האָט עס ניט ווירקליך אין זינען. אָבער איך דיינק, אַז אַן ענטפֿער וועל איך דאָך קריגען... אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן עס זאָל ניט זיין.

ס'איז איצט בעשטימט געוואָרען אַ נייער גענעראַל־גובערנאַטאָר. *) ער ווערט געריהמט אָדער געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך, ס'הייגנט אָב צו וועמען מען געהערט: צו דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אָדער צו דער אָפּאָזיציע. נאָר מוזט דו דאָס אַזוי פֿערשטעהן, אַז די קאָנסערוואַטיווע האַלטען איצט אין אָפּאָנירען, און אַז די אָפּאָזיציע וויל איצט זיין קאָנסערוואַטיוו. איך וואָלט עס דיר געקענט ערקלעהרען, נאָר דאָס קען דיר ניט פֿיעל אינטערעסירען. וואַרט, ביז איך וועל פֿאַרטיג מאַכען מיין בריעף צו די וועהלער. אויב דו ווערסט עס דאַן גוט פֿערשטעהן, ביזט דו ניט אויף אַ האָר קליגער. דער עיקר איז, אַז אַט דעם נייעם פּריץ געהט עס אַזוי ווי דעם „לעצט אָנגעקומענעם" אין אַ קליין שטעדטעל. יעדע קליקע שרייט צו איהם: „איהר ווערט דאָך זיכער געהערען צו אונז? אום גאָטעס ווילען, לאָזט זיך ניט אַריין מיט דעם פּראָסטען המון פֿון דער אַנדערער געזעלשאַפֿט! דאָ לעבט זיך גוט... ווען איהר ווערט נור ניט אַרומגעהן מיט די א'ס און די ב'ס און די ג'ס..."

אַט די אַלע ראשי תיבות'ן צוזאַמענגענומען אינאיינעם, מאַכען אַ פֿאָלשטענדיג אַדרעס־בוך פֿון'ם קליינעם שטעדטעל.

איין זאַך אָבער האָט מיך בעזונדערס איבעראַשט. פֿון די ווייניגע, וועלכע געהערען כלומר'שט ניט צו קיין פּאָליטישער פּאַרטיי און קוקען זיך פֿונדעסטוועגען פֿאַרט ווי עס איז צו צו דעם, וואָס קומט פֿאַר אין דער עפֿענטליכקייט, הער איך, אַז דער „ניי־אָנגעקומענער" האָט גרויסע פֿעהיגקייטען, גרויסע פֿערדיענסטען. נו פֿרעג איך, ווי קומט עס, וואָס אַט די פֿערדיענסטען זיינען שוין לאַנג ניט אָנגעווענדעט געוואָרען צום נוצען פֿון דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין, אַז ער איז דאָך שוין ניט קיין יונגער מאַן? פֿאַרוואָס האָט מען אַזאַ מאַן מיט אַזוי פֿיעל קענטניסען, מיט אַזויפֿיעל לוי־טערקייט, אַזאַ כאַראַקטער — אַזא זשעני, וואָלט איך כמעט געזאָגט — פֿאַרוואָס האָט מען איהם ביז איצט ניט אָנגעטרויט קיין רעכטען אַמט, אָדער יעדענפֿאַלס נור זעהר אונבעדייטענדע עמטער? זעהסט דו, דאָס איז מיר שוין ווידער אונבעגרייפֿליך. ווער האָט אין איהם ענטדעקט אַט די אַלע

---

*) (בעמערקונג פֿון 1874.) דער הערר סלאָעט וואַן דע בעעלע, שוין זייט יאָהרען אין רוה.

אַמעריקאַס? ווי אַזוי האָט עס דער מאַן געקענט זיך אַזוי לאַנג בעהאַלטען מיט אַט די אַלע פֿעהיגקייטען, מיט דעם גאַנצען טאַלאַנט זיינעם?

ער איז געווען: סעקרעטאַר פֿון די שטאַאַטען פֿון געלדערלאַנד. איז עס ניט אַ שאָד, וואָס מען האָט בענוצט איינעם, וואָס ווערט איצט בעטראַכט פֿאַר פּאַסענד און ווערטה צו שטעהן אויף דער הויך פֿון דעם בעדייטענדסטען אַמט אין שטאַאַט, אַלס אונטער־קעניג פֿון אינסולינדע — איז עס ניט אַ שאָד, וואָס אַט דער מאַן איז בענוצט געוואָרען דערויף, צו פֿיהרען די פּראָטאָקאָלען און פֿערשרייבען אַלעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף די זיצונגען פֿון די געלדערשע שטאַאַטען? וואָס מען האָט פֿאַר דעם דאָזיגען מאַן ניט געפֿונען קיין בעסערע אַרבייט ווי נור אויפֿצושרייבען די פּויק־רעדעס פֿון אַנדערע לייט? דאָס איז שוין פֿאַר מיר ניט געווען קיין פּאַסענדער אַמט, נאָך לאַנג איידער איך האָב דיך דערקענט. אַט דער מאַן מוז זיין זעהר בעשיידען.

אויב ער שטעהט ווירקליך אויף דער הויך פֿון זיין שעהנער בערופֿונג — און איך האָב ניט קיין אַנדער גרונד צו צווייפֿלען אין דעם, ווי נור דעם גרונד פֿון דער דאָזיגער בעשיידענהייט און דערצו דער אַלגעמיינער גרונד, וואָס עס איז דאָ אַזוי שווער צו טרעפֿען דעם ריכטיגען מאַן — נו, אויב ער שטעהט אויף דער הויך פֿון זיין אויפֿגאַבע, דאַן וואָלט עס פֿאַר די געלדערשע שטאַאַטען, אַלע אינאיינעם אָדער יעדען בעזונדער, געדאַרפֿט זיין אַ גרויסע עהרע, גאַנץ פּינקטליך און עהרפֿורכטיג אויפֿצושרייבען דאָס, וואָס ער וואָלט געהאַט צו זאָגען. נאָר... אומגעקעהרט, דאָס איז אַ גרויל.

און אַט האָסט דו ווידער עטוואָס מערקווירדיגעס. מען וועט דאָך ניט איינשפּאַנען אַ קאַרעטען־פֿערד אין אַ געוועהנליכען שלעפּ־וואָגען. זאָל איך אַלזאָ גלויבען, אַז מען פֿערשטעהט בעסער, ווי אַזוי אומצוגעהן מיט פֿערד און מיט שלעפּ־וועגען, איידער מיט מענשען און אינסולינדע? עס זעהט ווירקליך אַזוי אויס!

אָבער, זאָגען זיי, ער איז ניט געווען נור אַ סעקרעטאַר אַליין. ער איז אויך געווען קאָנצעסיאָנער פֿון אַן אייזענבאַהן, וועלכע איז קיינמאָל ניט געווען, און אַלס בעלוינונג פֿאַר זיין טרחה איז ער דערנאָך געוואָרען דער פּרעזידענט פֿון דעם אויפֿזיכטס־ראַטה איבער אייזענבאַהנען, וועלכע זיינען ביז היינטיגען טאָג נאָך ניט געוועזען.

דער לאָגישער רעזולטאַט איז: אַז ער איז אייגענטליך גאָרניט געוועזען.

אַיי, האָלאַנד, האָסט דו ווירקליך צופיעל גרויסע מענער, וואָס דו לאָזט זיי אַזוי אונבענוצט? דאָס איז גאָרנישט מעשה בעל הבית'טע.

אַך, איך קען זיך נאָך דערמאָנען, אַז אויך דער לעצטער גענעראַל-גובערנאַטאָר פאַר דעם, דער וואָס פלאַגט זיך איצט אין רוה-שטאַנד, איז שטאַרק געלויבט געוואָרען! איך סימפאַטיזיר גראָד מיט דעם איצטיגען, וועמען קיינער לויבט ניט. עס מוז דאָך שטעקען עפּעס גוטעס אין דעם מאַן, זאָגאַר ווען עס האָט זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעצייגט. *)

יאָ, איך וואָלט דיר גערן שיקען עפּעס, מיין קינד, אָבער פון וואַנען זאָל איך עס נעהמען? שרייבען פאַר געלד? צו וועמען? וואָס? זאָל איך שרייבען צו מענשען, וועלכע קענען ניט לעזען? נאָך מולטאַטולי'ס בוך האָב איך אייגענטליך גאָרנישט וואָס צו זאָגען. איך וואַרט אויף ענט־פער, און איך האָב געדיינקט...

זעה, וואָס די „טיעלשע קוראַנט" האָט געשריבען... האָב איך ניט קיין רעכט צו ערוואַרטען אַן ענטפער פון דער נאַציאָן?

איז האלאנד א רויב-שטאאט?

פיער מאָנאַטען זיינען שוין אַריבער, זינט מולטאַטולי, אַ מזרח-אינדישער בעאַמטער, — ווי ער בעהויפּטעט, איגנאָרירט, פערפאָלגט און פון זיינע העכערע אָנגעשטעלטע געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון זיין אַמט — האָט אין זיין „מאַקס האַוועלאַאַר אָדער די קאַפע־אויקציאָנען פון דער האָלענדישער האַנדעלס-געזעלשאַפט" עפענטליך אָנגעקלאָגט די בעאַמטע אין אונזערע מזרח־אינדישע קאָלאָניען, אַז זיי פערגעסען זייער פליכט, אַז זיי שענדען זייער שבועה און דערשטיקען די שטימע פון דער מענשליכקייט און פון דער רעליגיאָן, פון'ם געוויסען און פון דער עהרע... אַז זיי לאָזען איבער די יאַוואַנער, וועמען זיי זיינען פערפליכטעט צו בעשיצען, אין די הענד פון

---

*) (בעמערקונג פון 1874.) דאָס איז געווען דער העדר פאַהוד, וועלכער האָט, נאָכדעם ווי „האַוועלאַאַר" איז ערשיענען, פערזענליך אונטערזוכט די צושטענ־דען אין לעבאַק, און אָט די אונטערזוכונג האָט אַרויסגעבראַכט, אַז אין דער דאָזי־גער אָבטהיילונג זיינען ווירקליך פאָרגעקומען „מיסברויכערייען". עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז דערביי איז מיין אָנקלאַגע אפילו מיט קיין איין זילבע ניט דער־מאָנט געוואָרען.

זייערע עלצטע, וועלבע דריקען און שטיקען זיי און רייסען פֿון זיי אַרוים דעם לעצטען ביסען פֿון מויל; און דאָס טהוען די האָלענדישע בעאַמטע נים נור אוים פֿייג־האַרציגקייט, נאָר קודם כל צוליעב זייער איי גע־נעם אינטערעס, וויסענדיג און ווילענדיג... אַז זיי, אונזערע בע־אַמטע, לאָזען די יאַוואַנער געטראַמטען ווערן מיט די פֿים און אויסגעזויגען ווערן אין אונזער נאָמען און — ווי עס הייסט — צו אונזער פּראָפֿיט... אַז זיי שטעלען צו פֿאַלשע ראַפּאָרטען, כדי צו האַלטען דאָס מוטער־לאַנד אין פֿינסטערניש איבער דעם דאָזיגען צושטאַנד, וואָס איז אַ שאַנד און שמאַך פֿאַר אונז... און אַז זיי טרעטען אַרוים געגען דעם זעלטענעם בעאַמטען, וועלכער וויל טהאָן זיין פֿליכט און ענטזאָגט זיך צו מאַכען איין האַנד מיט זיי, און זיי שטערען, פֿערדעכטיגען, פֿער־פֿאָלגען איהם, און סוף כל סוף גיבען זיי איהם דעם וועג.

דאָס איז ווירקליך אַ שוידערליכע בעשולדיגונג! ווען זי וואָלט גע־ווען בעגרינדעט, אויב די אוצרות, וואָס שטראָמען אַריין צו אונז פֿון אונזערע קאָלאָניעס, וואָלטען באמת נור געוואונען געוואָרען אויף קאָס־טען פֿון פֿלייש און בלוט פֿון אונזערע יאַוואַנישע ברידער, דאַן וואָלטען מיר געמוזט אויסרופֿען מיט דעם פֿערפֿאַסער, אַז האָלאַנד פֿערדיענט דעם נאָמען „רויב־שטאַאט“, דאַן וואָלט אונז אויפֿגעדעקט געוואָרען אַ וואונד, וואָס איהר טיפֿקייט איז כמעט נים צו דערגרונטעווען, און וועלבע מוז ווי אָם גיכסטען אויסגעהיילט ווערן!

אָבער איז אָט די בעשולדיגונג בעגרינדעט?

אַלס האָלענדער, אַלס מענש איז עס איינעם שווער צו גלויבען. נאָר פֿון דער אַנדער זייט (און מיר בערופֿען זיך דאָ אויף אַלע, וועלבע האָבען געלייענט „מאַקס האַוועלאַאר“), זעהט זיך נים אויף דעם פֿער־פֿאַסער קיין שום סימן פֿון אַ פֿערלוימדער; ער נעהמט אָן אַ טאָן, וואָס נים נור ער איבעררעדט, נאָר ער איבערצייגט אויך, אַ טאָן, וואָס קען כמעט נים איבערלאָזען קיין שום צווייפֿעל וועגען זיין ליעבע צו דער וואַהרהייט; ער דערצעהלט פֿאַקטען, וועלבע נור אַן עדות, וואָס האָט אַלעס מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, און אַ וואַהרהייטס־זוכענדער עדות קען זיי דערצעהלען; ער ערקלעהרט, אַז ער קען אַלעס בע־ווייזען, ער טייטעלט אויף די שולדיגע מיט׳ן פֿינגער*) און פֿאָדערט

---

*) (בעמערקונג פֿון 1865.) ריכטיג, אין יאָהר 1860, איצט, נאָך פֿיער יאָהר, האָט זיך דער קרייז פֿון די מיטשולדיגע פֿערגרעסערט. די גאַנצע האָלענ־דישע נאַציאָן — פֿריהער אונוויסענד, אַצונד שוין פֿון לאַנג אָן בעקאַנט מיט

זיי אַרויס, זיי זאָלען איהם אָנווייזען איין איינציגען ליגען, וואָס ער זאָגט.

ווען מיר ווידערהאָלען אַלזאָ די פֿראַגע: „איז אָט די בעשולדיגונג בעגרינדעט?", דאַן מוזען מיר ענטפֿערן: „מיר סמייען ניט, ניט צוצוגעבען און ניט צו לייקענען". אָהן צווייפֿעל אַ זעהר ניט צופֿרידענשטעלענדער ענטפֿער! וואָרים די פֿערזיכערונג, אַז דאָס איבעל עקזיסטירט ניט, וואָלט אונז בערוהיגען; די פֿערזיכערונג, אַז עס עקזיסטירט יאָ, וואָלט געגעבען די מעגליכקייט איהם צו היילען; נאָר די ניט-געוויסהייט פֿערדאַמט צו פֿורכט און אונטהעטיגקייט.

פֿאַרוואָס שווייגען די, וואָס וויסען דעם אמת? פֿאַרוואָס לאָזען זיי אונז שוין פֿיער לאַנגע מאָנאַטען אין צווייפֿעל?

גענעראַל-גובערנאַטאָרען, העכערע און קלענערע בעאַמטע, איהר אַלע, וואָס איהר זייט בעשולדיגט דורך מולטאַטולי'ן, ברעכט אָב דאָס שטיל-שווייגען! דאָס פֿאָטערלאַנד פֿערלאַנגט עס, אייער עהרע פֿאָדערט עס! ווי? מולטאַטולי וואַרפֿט אַזוי פֿערבייגעהענדיג אַ פֿלעק אויף דער עדעלער מיסיאָנס-זאַך, ער טהוט עס אייגענטליך אָהן אַן אַבזיכט און אין אַן אונבערעכענטער יאַגד נאָך וויציגקייט, און דאָך קומט גלייך אַרויס אַ קעמפֿפֿער, וועלכער פֿערלאַנגט אויף אַ ריטערליכען אופֿן פֿון איהם אַ צופֿריעדענשטעלונג *), און איהר, אויף וועמען ער האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען ניט אַזוי פֿערבייגעהענדיג, נאָר אונאויפֿהערליך, מיט פֿולער אַבזיכט, איהר, וועמען ער האָט פֿערוואונדעט אויף דער שטעל, וואו מענער פֿון עהרע פֿיהלען אַם שטאַרקסטען דעם וויטאָג, איהר זאָלט שווייגען, איהר זאָלט זיך לאָזען שלאָגען, גלייך איהר וואָלט זיך גאָר ניט געקענט וועהרען, זיך לאָזען בעליידיגען, גלייך איהר וואָלט נאָר קיין פֿונק פֿון עהרע ניט געהאַט אין זיך, איהר זאָלט לאָזען קלעפֿען דעם פֿלעק אויף אייער נאָמען? אַ האַנדשוה איז אייך געוואָרפֿען געוואָרען, עפֿענטליך, פֿאַר די אויגען פֿון דער גאַנצער נאַציאָן, ביים קלאָהרען ליכט פֿון'ם יאָהרהונדערט פֿון דער עפֿענטליכקייט; הויבט

די צושטענדע — איז כּיטשולדיג אין דער גאַנצער געמיינהייט, וועלבע איך האָב אויפֿגעדעקט אין „האַוועלאַאַר".

*) ס'איז געווען דער פּאַסטאָר פֿראַנקען, דירעקטאָר פֿון דער מיסיאָנס-אַנשטאַלט אין ראָטערדאַם, וועמען מולטאַטולי האָט אין אַן אָפֿענעם בריעף געענטפֿערט אויף אַן אמת ריטערליכען און ברידערליכען אופֿן.

(בעמערקונג פֿון דעם דייטשען איבערזעצער.)

איהם אויף! קומט פֿאַר'ן געריכט! פֿיער מאָנאַטען*) זיינען דאָך גענוג געוועזען, כדי צו ברייגנען אין אָרדנונג אייערע וואַפֿען. — איהר זייט געריפֿען אין געריכטס-זאַאל פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג, קומט פֿאַר אייערע ריכטער! פֿיער מאָנאַטען זיינען דאָך גענוג געווען פֿאַר אייך, צוצוגרייטען אייער פֿערטהיידיגונג. אויב איהר זייט אונשולדיג, גיט אונז רוה! זייט איהר שולדיג, דאַן אָנערקענט אייער שולד און גיט אונז די געלעגענהייט גוט צו מאַכען דאָס שלעכטס, וואָס איז דורך אייך אָנגע-טריבען געוואָרען אין אונזער נאָמען!

צווייטע קאַמער פֿון די גענעראַל-שטאַאַטען! עס געהערט צו דיר, ס'איז דיין אויפֿגאַבע אָבצוהיטען די עהרע פֿון דער נאַציאָן. אויב די וואָס וויסען די וואַהרהייט, האַלטען זיך ביי זייער מאַיעסטעטישען שטיל-שווייגען, דאַן אינטערפעליר דעם פֿעראַנטוואָרט-ליכען מאַן, וועלכער איז דורך זיין אַמט פֿערפֿליכטעט צו ריידען. פֿרעג דעם מיניסטער פֿון די קאָלאָניעס, אויב האָלאַנד'ס עהרע ווערט ווירקליך געטראָטען מיט די פֿיס אין מזרח אינדיען?

פֿאָלק פֿון האָלאַנד! עהרליך פֿאָלק, קריסטליך פֿאָלק! בלייב ניט גלייכגילטיג ביי דער דאָזיגער זאַך. עס זיינען דיינע ברידער, וועלכע ווערן, לויט דער אָנקלאַגע, אין דיין נאָמען געטראָטען מיט די פֿיס און אייסגעזויגען, צו דיין פראָפֿיט מאַקע, נאָר אויך צו דיין שאַנדע! דו האָסט דאָס רעכט צו דערגעהן, אויב אָט די אָנקלאַגע איז בעגרינדעט אָדער פֿאַלש, אויב דיין עהרע איז בעפֿלעקט אָדער ריין! דו האָסט דאָס רעכט צו פֿאָדערן, אַז עס זאָל נעהמען אַ סוף צו דער אונגעוויסהייט, צו דער פֿינסטערניש, אין וועלכער דו ווערסט געהאַל-טען. ס'איז בעסער צו הערען דאָס ערגסטע, איידער גאָרנישט. ס'איז ניט קיין שאַנדע קראַנק צו זיין, נאָר עס איז שענדליך, וואָס דו בלייבסט גלייכגילטיג, ווען מען שרייט צו דיר: „דו ביסט קראַנק!", און דו לאָזט אַריבערלויפֿען די פּאַסענדע צייט, וואָס דו וואָלסט געקענט אויסניצען צו אונטערזוכען די אָנקלאַגע און אויסגעפֿינען די וואַהרהייט. אויב דאָס שטיל-שווייגען פֿין די מזרח-אינדישע בעאַמטע וועט אָנהאַלטען, אויב דיינע פֿערטרעטער וועלען אויך בלייבען גלייכגילטיג, דאַן דערמאָן זיך, אַז דו ווערסט רעגירט פֿון אַ קעניג, וועלכער האָט ליעב דאָס ליכט און האַסט די פֿינסטערניש.

געה פֿריי און אָפֿען אַריבער צו איהם און זאָג דעם קייזער פֿון

*) (בעמערקונג פֿון 1865.) זאָג: פֿיער יאָהר!

אינסולינדע: „מאַיעסטעט, זעהט, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אונטער־זוכונג! גיט אונז ליכט! אויב מולטאַטולי איז אַ פאַלשער אָנקלאָגער, דאַן לאָזט אונז וויסען, אַז האָלאַנד'ס עהרע איז געבליבען אונבעפלעקט; אויב ער האָט אָבער געזאָגט דעם אמת, דאַן זעהט ער זאָל צוריקקריגען זיין עהרע*) דער ערדעלער מאַקס האַוועלאַאַר, בעשטראָפט די שולדיגע און שאַפט אָב די געמיינהייטען."

טעגליכע פרעסע פון האָלאַנד, אונטערשטיץ אונז אין אונזערע אָנשטריינגונגען! הער ניט אויף, פונקט ווי מיר, צו פאָדערן ליכט, וואָס זאָל אונז געבען אַ רעכט אָנשטאָט דער פראַגע: „איז האָלאַנד אַ רויב־שטאַאַט?" אויסצורופען: „האָלאַנד איז גאָט צו דאַנקען ניט קיין רויב־שטאַאַט!" אָדער ווייניג־סטענס: „האָלאַנד וועט מיט גאָט'ס הילף אויפהערען זיין אַ רויב־שטאַאַט!"

אויף יענער מערקווירדיגער זיצונג פון דער צווייטער קאַמער, אין וועלכער אונזערע פאָלקס־פערטרעטער האָבען אַזוי אונצווייידייטיג, אַזוי קלאָהר אַרויסגעוויזען, אַז זיי פערשטעהען זייער בערופונג, אין וועלכער זיי האָבען עפענטליך אָבגעבראָכען מיט דער שלעכטער געוואוינהייט צו מאַכען דעם ענטפער אויף דער טראָהן־רעדע פאַר אַ ווירער־קלאַנג פון דער רעגירונג'ס ווערטער, — אויף יענער זיצונג איז אויך „מאַקס האַ־וועלאַאַר" דערמאָנט געוואָרען, און איין מיטגליעד פון דער צווייטער קאַמער, וואָס ווערט אין דעם בוך שווער בעשולדיגט, האָט גערעדט איבער'ן בוך.**)

געפיהרט דערצו האָבען די הערען וואַן האָעוועל און מייער. דער ערשטער האָט געבראַכט דעם פאַקט, וועלכען מיר האָבען שוין אויך דערמאָנט, „אַז דאָס דאָזיגע בוך האָט פונאַדערגעטריי־

*) (בעמערקונג פון 1865.) דאָס איז אַ פעהלער אין דעם שטיק, וואָס איז זאָנסט אַזוי שעהן. אַזוי ווייט ווי איך ווייס, איז האַוועלאַאַר'ס עהרע קיינמאָל ניט אָנגעריהרט געוואָרען, אַחוץ דורך פוסטע, ניט געשטויגענע געשיכטען, אויף וועלכע איך קוק זיך ניט אום, כדי זיך ניט צו לאָזען אַראָבפיהרען פון מיין וועג — וואָרים דאָס איז דאָך, וואָס זיי זיינען אייגענטליך אויסען, — אַרונטערצורייסען די מאַסקע פון אַ באַנדע זשוליקעס — אין יאָהר 1860 האָב איך געמיינט פערזאָנען, איצט: דאָס האָלענדישע פאָלק — און דערנאָך פון אָט די זשוליקעס צו קריגען צוריק די עהרע... דאָס איז שוין אַביסעל צופיעל!

**) (בעמערקונג פון 1865.) זיצונג פון 25סטען סעפטעמבער 1860.

סעלט דאָס גאַנצע לאַנד און אַרויסגערופען אין פיעל הערצער גרויס בעאונרוהיגונג, יאָ, זאָגאַר אויפגעבראַכטקייט"; און אין די ווערטער פון דער רעגירונג, וועלכע זיינען ניט מיט צושטימונג אויפגענומען געוואָרען פון דער צווייטער קאַמער, אַז: „דער צושטאַנד פון די קאָלאָניעס איבער'ן ים איז אין אַלע היגזיכטען בעפרידיגענד," האָט ער געזעהן אַן אומזיסט אָנגעווענדעטעס מיטעל פון דעם קאָלאָניען־מיניסטער, צו בעזייטיגען אָט די אונרוהיגקייט און אָט די אויפגעבראַכטקייט. דער צווייטער (אויף וועמעס רעדע מיר וועלען באַלד נאָך צוריקקומען) האָט אויך קאָנסטאַטירט דעם פאַקט, אַז אין דעם ווערק ווערן שווער בעשולדיגט געוויסע איינצעלנע פערזאָנען און זאָגאַר אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער ווערט דירעקט אָנגערופען ביים נאָמען. *)

וואָס האָט מען אַלזאָ געדאַרפט ערוואַרטען, בשעת אָט דער לעצטער, דער הערר דוימאַער וואַן טוויסט, האָט גענומען דאָס וואָרט? אַז ער וועט זיך איצט ריינוואַשען פון דער אָנקלאַגע? אויף קיין פאַל ניט: אַזוי וואָס האָט ניט געקענט קומען אין בעטראַכט ביי אַ דיסקוסיאָן איבער'ן ענטפער אויף דער טראָהן־רעדע. פונדעסטוועגען האָט מען געמעגט ערוואַרטען, אַז דער רעדנער וועט ניט מאַכען די ערקלעהרונג, וועלכע איז אונז איינפאַך אונבעגרייפליך, אַז ער וועט מולטאַטולי'ן קיינמאָל ניט אָבלייקענען — אַן ערקלעהרונג, וואָס ער האָט, אמת, ניט געמאַכט דירעקט, אָבער דאָך ליגט זי אין דעם רעדנער'ס אונצווידייטיגע ווערטער: „איך מיין, אַז פון דעם, וואָס דער שרייבער פון דעם דאָזיגען בוך זאָגט, קען ניט אַרויסוואַקסען פאַר מיר קיין פערפליכטונג צו פעראַנטוואָרטליכקייט."

---

*) (בעמערקונג פון 1865.) אָט דער מאַן איז נאָך אַלץ זעהר רעספעקטירט ביי די האָלענדער. נו, דאָס איז ניט מעהר ווי רעכט. אַזאַ פערזאָן פערדיענט רעספעקט פון אַזאַ נאַציאָן! ערשט ניט לאַנג צוריק איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד אין דער פערוואַלטונג פון „מעטרעי", מערקט אייך, אַן אַנשטאַלט, וועלכע האָט אַלס ציעל צו זאָרגען, אַז פון אָרעמע אינגלאַך זאָלען ניט אויסוואַקסען קיין רויבער און גנבים. די ריהרענדע זאָרג פון אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר פון האָלענדישאינדיען, וועלכער האָט מיר ניט געקענט מוחל זיין, וואָס איך האָב ניט געקוקט און געשוויגען שטיל צו גנבה, רויב און מאָרד. וואָס פאַר גוטע רעזולטאַטען וועט אָט די „מעטרעי"־אַנשטאַלט ברענגען!

מולטאַטולי—ליעבעס־בריעף.

נג, אויף וויפיעל אזא מין שטיל־שווייגען קען ברייננען די עהרע פון די בעשולדיגטע אין געפאהר, דאס איז זייער זאך: ס'איז ניט אונזער אויפגאבע ארויסצוטרעטען פאר די אינטערעסען פון איינצעלנע. נאר „מאקס האוולאאר" האט אויך ארויסגעפען אונרוהע און אויפגערעגטקייט איבער גאנץ האלאנד. דאס איז א פאקט, וואס קען ניט אבגעלייקענט ווערן, און וועלכער איז נאך דערצו עפענטליך קאנסטאטירט געוואר־ען פון דעם הערר וואן האעוועל. פון דעם דאזיגען פאקט אליין קען מען דירעקט ארויסנעהמען, אז יעדער האלענדער, וואס קען בעזייטיגען די דאזיגע אונרוהיגקייט, איז פערפליכטעט דאס צו טהאן. קען איינער פון זיי זיך ארויסמאכען פון דער דאזיגער פליכט דורך דער ערקלעהרונג, „אז פון דעם, וואס דער שרייבער פון'ם דאזיגען בוך זאגט, קען ניט ארויסוואקסען פאר איהם קיין פערפליכטונג צו פעראנטווארטליכקייט"? מיר צווייפלען דערין.

מערקווירדיג איז אויך די טענה, מיט וועלכער דער הערר דוימאער וואן טוויסט וויל כלומר'שט רעכטפערטיגען דאס דאזיגע שטיל־שווייגען. „איך מיין," האט ער געזאגט, „אז דאס, וואס איך וואלט געקענט זאגען איבער דאס בוך, וואלט ניט געקענט זיין פריי פון'ם שיין פון פארטייליכקייט."

דאס איז אן איבערטריבענע פיין־פיהליגקייט. דארט וואו עס האנדעלט זיך וועגען פערטהיידיגונג, קען ניט גילטען דער פארוואורף פון פארטייליכקייט. אן אדוואקאט, צום ביישפיעל, קען אין זיינע פערטהיידיגונגס רעדען זיך קיינמאל ניט פריי מאכען פון'ם שיין פון פארטייליכקייט; ער איז פארטייאיש שוין מחמת דעם אליין, וואס ער נעהמט זיך אן די קריוודע פון א בעשטימטען צד. איז ער דערפאר פערפליכטעט אדער זאגאר בערעכטיגט צו שוויגען?

אויך נאך דער ערקלעהרונג פון דעם הערר דוימאער וואן טוויסט מוזען מיר אלזא בלייבען ביי אונזערע פריהער ענטוויקעלטע געפיהלען, אז די אנגעקלאגטע וואלטען געדארפט אבברעכען דאס שטיל־שווייגען, וואס לייגט ארויף זייער עהרע און דאס גליק פון האלאנד אויף דער וואג־שאל. זיי קענען דערביי גארנישט פערלירען און (אויב זיי זיינען — וואס מיר האפען נאך אלץ — אונשולדיג) אלעס דערביי געווינען. וואס לייננער זיי וועלען זיך מישב זיין, אלץ שוואכער וועט ווערן דער צוטרוי פון די, וועלכע האלטען זיי פאר אונשולדיג; און וועלען זיי שווייגען ביז'ן סוף, דאן האבען מיר מורא, אז אויך דא וועט די עפענטליכע מיינונג (וועלכע זיי מאכען דאך געוויס ניט אוועק מיט דער האנד)

אורכה־ילען לויט דעם אַלטען כלל: שווייגען הייסט צוגעבען, זיך מודה זיין!*) זאָלען זיי דאָס נעהמען אין בעטראַכט, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך צייט! זאָלען זיי פריהער פון אַלצדינג ניט פערגעסען די פאָדערונג פון׳ם יאָהרהונדערט! אונזער נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט געפעלט ניט קיין פינסטערניש; ער הויבט אָן דערמיט, צו בעטען ליכט; ווערט ער ענטזאָגט, דאַן פאָדערט ער ליכט און וויים, ווי אַזוי זיך עס צו שאַפען.

ענדליך נאָך עטוואָס איבער דער רעדע פון דעם הערר מייער. ס׳איז ניט געווען דעם רעדנער׳ס אַבזיכט, ווי ער האָט געזאָגט, צו פערטהיידיגען די אָנגעקלאָגטע (וואָס ער האָט, און מיט רעכט, איבערגעלאָזט פאַר זיי אַליין). פון דעם דאָזיגען פראָגראַם האָט ער ניט אָבגע־

---

*) (בעמערקונג פון 1865.) נו, די אָנגעקלאָגטע האָבען געשוויגען ביז׳ן סוף! „מאַקס האַוועלאַאַר״ איז ערשיענען אין מאַי 1860, און היינט, דעם 14טען יולי 1865, איז דאָך שוין דער טערמין פון אַן ענטפער זיכער אַריבער. אויב ניט... ווען זשע וועט ער זיין אַריבער? שוין לאַנג אַז איך וואַרט ניט מעהר אויף ענטפער, און איך בעהויפט, אַז דאָס ניט ענטפערן איז אַ דייטליכער ענטפער.

די נאַציאָן, וועלכע האָט אַזוי געברענט נאָך איהר „עהרע״, ווי עס זעהט זיך ארויס פון דער טעגליכער פרעסע און פון דער צייטשריפטען־ליטעראַטור פון 1860 און 1861, איז אַריבערגעלאָפען מיט וואַפען און באַגאַזש אויף דער זייט פון דער שאַנדע. מען האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן אויטאָריטעט, אייגפלוס און געלד — יאָ, געלד בעזונדערס: איינער, וואָס איז רייך געוואָרען אויף יאַוואַ, איז מיניסטער פון די קאָלאָניען! — מען האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן אייגפלוס, געלד און אויטאָריטעט, אָנשטאָט צוצושפרינגען צו דעם מאַן, וואָס האָט אַליין געגען אַלע געהאַט דעם מוטה צו טהאָן זיין פליכט. דאַרף מען מיר נעהמען פאַר אומגוט, וואָס איך בין שטאָלץ? בעגרייפט מען ניט, ווי אונמעגליך עס וואָלט געווען, זיך ניט צו שטעלען הויך אַנטקעגען אַזויפיעל נידעריגקייט?

עס איז אַלזאָ אמת, איהר בראַווע האָלענדער, אַז האַוועלאַאַר איז אַ מורא׳דיג שלעכטער מענש. ס׳איז וואַהר, אַז ער פערפיהרט אַלע מיידלאַך... אַז ער שלאָגט זיין ליעבע, עדעלע פרוי... אַז ער בעצאָהלט ניט זיינע חובות... אַז ער איז שטענדיג שכור... אַז ער פיהרט אַן אויסגעלאַסען לעבען... אַז ער איז אַ גרויסער פערשווענדער... אַז ער שלעפט זיך אַרום מיט אויסוואורפען — הגם ער קומט קיינמאָל ניט אין קירכע אָדער אויף דער בערזע — אַז ער... אַז ער... הקיצור, האַוועלאַאַר איז אַן אַנטי־קריסט! דאָס קען מען הערען פון יעדען, ווען ער שטעהט אין וועג. אָבער, האָלענדער, דאָס אַלעס איז דאָ ניט די פראַגע! די פראַגע איז: צי האָלאַנד

חייכט, ווען ער האָט געבראַכט אַ פֿאַקט, דורך וועלכען עס האָט זיך געוואָלט אַרויסצייגען און האָט זיך ווירקליך אויך אַרויסגעצייגט, אַז צייטענווייז הערשט אין מזרח־אינדיען גערעכטיגקייט און די אונגערעכטיגקייט ווערט בעשטראָפֿט. וואָרים אָט דער פֿאַקט, ווי וואַהר ער זאָל ניט זיין, שוואַכט בשום אופן ניט אָב מולטאַטולי'ס אָנקלאַגע. דאָס, וואָס צייטענווייז הערשט דאָרט גערעכטיגקייט, איז נאָך ניט קיין גרונד צו פֿערשווייגען די אונגערעכטיגקייטען, וואָס קומען דאָרט פֿאָר. אין 18טען יאָהרהונדערט זיינען פֿילייכט אָבגעגעבען געוואָרען טויזענדער גערעכטע אורטהיילען אין פֿראַנקרייך; אָבער ווערט דאָס דען פֿערקלענערן די אויפֿגעבראַכטקייט איבער דעם געריכטליכען מאָרד, וואָס איז

איז געווען אַ געמיינער רויב-שטאַאַט אונטער די קאָנסערוואַטיווע, און צי האָלאַנד איז געבליבען אַ געמיינער רויב-שטאַאַט אונטער די ליבעראַלען! אַזוי לויטעט די פֿראַגע! מאַרק-ווייבערשע גערייִדעריי איז ניט קיין ענטפֿער אויף אַ בעשולדיגונג, וועלכע ער האָט אייך געשליידערט אין פנים אַריין. איהר קומט מיר פֿאָר ווי דער גנב, וועלכער וואָלט זיך וועלען רייגוואַשען דורך דער בעהויפטונג, אַז דער פּראָקוראָר טראָגט אַ מיאוס'ען פּאַרוק...

אויב האַוועלאַאַר'ס פּאַרוק איז אַזוי העסליך, וועט זיך פֿילייכט שפּעטער אַרויסווייזען, ווען ער וועט געפֿינען פֿאַר נייטיג זיך איינצובויגען פֿאַר אייך, איהר זאָלט איהם בעסער בעקוקען. נאָר אַ פֿריהער די לויפֿענדע געשעפֿטען (געשעפֿטען! האָלענדער — דאָ וועט איהר דאָך געוויס אָנשטעלען מויל און אויערן!) און דאַן אייער אַלט-ווייבערשער קוואַטש.

אַביסעלע מענשען-קענטעניש, ווען איהר וואָלט דאָס נור געהאַט! קען האַוועלאַאַר זיין אַזוי, ווי ס'איז נייטיג פֿאַר די אינטערעסען פֿון די וואַן טוויסטען און זייער גלייכען — דאָס הייסט פֿון די פּערזאָנען און קליקען, וועלכע ער האָט גאַנץ נאַקעט אויסגעטהאָן — איהם פֿאָרצושטעלען?

מענשען-קענטעניש? איך בין אויף אַ פֿאַלשען וועג. איך האָב פֿערגעסען, אַז איהר ווייסט דעם אמת, און אַז איהר האַנדעלט פֿונדעסטוועגען געמיין אויס פֿייגהייט. ס'איז ביליגער, ניט וואַהר, אָנצופֿאַלען און בעשמוצען דעם, וואָס שטעהט אַליין, איידער מיט איהם צו קעמפּפֿען פֿאַר דאָס רעכט, געגען דער באַנדע, וועלכע ער האָט אָנגעריהרט.

מענשען-קענטעניש! די שפּעטערדיגע דורות וועלען אורטהיילען, צי דאָס האָט אייך געפֿעהלט, אָדער... הארץ, אַך, וואָס פֿאַר אַ פֿיין געפֿיהל איהר וואָלט דאָס געהאַט פֿאַר רעכט, אַזוי גיך ווי איהר וואָלט נור דערשמעקט, אַז מען קען פֿערדינען עפּעס ביי דעם דאָזיגען רעכט!

בענאַנגען געוואָרען אויף זשאַן קאַלאַס?*) אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז מולטאַטולי'ס קלאַגע איז בעגרינדעט, דאַן וואָלט שוין די מעגליכקייט אַליין, אַז אַזעלכע שרייענדע אונגערעכטיגקייטען (צי סיסטעמאַטיש צי ניט) קענען געשעהן, געוויזען, ווי נייטיג עס איז אַ שנעלע רעפֿאָרמירונג פֿון דער מזרח־אינדישער פֿערוואַלטונג. און ווען דער הערר מייער, צוגעבענדיג, אַז עס קומען פֿאָר געמיינהייטען אין מזרח־אינדיען, בעהויפּטעט פֿונדעסטוועגען, אַז דיזעלבע קומען אויך פֿאָר אין אַלע מזרח־שטאַאַטען, דאַן ענטפֿערן מיר, אַז עס איז די העכסטע צייט צו פּרואיוען, אויב אַ מזרח־פֿאָלק קען ניט רעגירט ווערן אויך אָהן אונגערעכטיגקייט, און אַז האָלאַנד וויל אויף קיין פֿאַל ניט האָבען קיין חלק אין אוצרות, וועלכע זיינען געוואונען געוואָרען אויף די קאָסטען פֿון דער גערעכטיגקייט.

די ווייניגע, וועלכע זיינען מיט מיר פֿון גאַנצען האַרצען, דאַרף איך ניט אַרויסנעהמען פֿון כלל, זיי אָנרופֿענדיג ביי זייערע נעמען. זיי דאַנק איך פֿאַר זייער טרייקייט צום הייליגען רעכט, זיי, די עדעלע הויפּלייט און איבערגעבענע דיענער פֿון דעם בייזען שיקזאַל! זיי, וועמען איך דאַרף ניט זאָגען, אַז איך בעקלאָג זיך ניט, ווייל דער שענדליכער פֿערראַטה פֿון דער מעהרהייט פֿון דער נאַציאָן וועגט שטאַרק אַריבער זייער ליעבע און טרייקייט. צום צעהנטען מאָל: מיין פֿאָרוואורף איז ניט קיין קלאָג, ער איז אַן אָנקלאַגע! איך האָב זיך אויף גאָרנישט צו בעקלאָגען, ווארים איך געניס גענוג גרויסע ליעבע, ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך טראָג פֿון אַזויפֿיעל דעם קליינליכען האַס.

מיט האָלאַנד זיעגען? אָט די האָפֿנונג האָב איך שוין אויפֿגעגעבען זעקס מאָנאַטען נאָכדעם ווי „האַוועלאַאַר" איז ערשיענען. געגען האָלאַנד... יאָ, איך האָב עס געשוואָרען, און זאָל מען אַקאָרשט ניט מיינען, אַז איך האָב געבראָכען מיין וואָרט, אויב איך וועל פֿילייכט מוזען צוזאַמענברעכען, איידער איך וועל ערדרייכען מיין ציעל. איך וועל זאָרגען דערפֿאַר, איך זאָל קיינמאָל ניט אין גאַנצען שטאַרבען. מיין גייסט וועט נאָך לעבען און זיעגען, ווען די קליינע קעניגע און מיניסטאָרען פֿון היינט וועלען לאַנג זיין פֿערגעסען. אָט זעהט, קריסטען, מיין אונשטערבליכקייט!

*) זשאַן קאַלאַס, אַ פּראָטעסטאַנטישער קויפֿמאַן פֿון דער פֿראַנצויזישער שטאָדט טולוז, איז אין 1762 הינגעריכטעט געוואָרען אויף דער ראָד. מען האָט איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט ערמאָרדעט זיין זוהן, כדי צו פֿערמיידען, ער זאָל ניט אַוועקוואַרפֿען דעם פּראָטעסטאַנטישען גלויבען. דורך דער אונערמידליכער אַגיטאַציע פֿון וואָלטער איז געלונגען צו מאַכען אַ רעוויזיאָן פֿון דעם פּראָצעס, און אין 1765 איז דער אונשולדיג הינגעריכטעטער קאַלאַס רעהאַביליטירט געוואָרען.

אָבער דערפֿאַר האָט דער הערר מייער יאָ אָבנעווייכט פֿון זיין פראָגראַם, ווען ער האָט אויסגערעדט אָט די ווערטער: „איך קען בעגרייפֿען, אַז אַ ווערק, וואָס איז געשריבען אין אַזאַ שעהנעם, הינרייסענדען סטיל און מיט אַזויפֿיעל טאַלאַנט, האָט געמאַכט אַ ניט גינסטיגען איינדרוק אויף פֿיעל אונוויסענדע און לייכט-גלויביגע אָדער אויף אַזעלכע, וועלכע נעהמען גערן אָן דאָס, וואָס ווערט געזאָגט געגען דער פֿערוואַלטונג אין האָלענדיש-אינדיען.“ דאָס איז אַ רייב אין זייט דעם „מאַקס האַוועלאַאַר“, וואָס מיר בעדויערן, וואָרים דער פֿערפֿאַסער — זאָגאַר אויב ער האָט אַ טעות אין זיינע פֿאָרשטעלונגען — געהערט אָהן צווייפֿעל צו די געצעהלטע מענער, וועלכע שטעלען אימער די אַלגעמיינע אינטערעסען העכער ווי זייערע אייגענע; צו יענע מענער, וועלכע האָבען אויפֿגעאָפּפֿערט זייער קאַריערע פֿאַר אַ זאַך, וואָס איז ביי זיי אין די אויגען גוט און ערעל, און וועלכע האָבען מיט טאַפּפֿערקייט ווידערשטאַנען דעם האַס פֿון די גרויסע. עס ליגט אין די ווערטער אויך אַן אָנגריף אויף אונז און אויף אַלע די, וועלכע האָבען מיט אונז פֿון „מאַקס האַוועלאַאַר“ געשעפּט מאַטעריאַל צו בעאונרוהיגונג; מיר, די בעאונרוהיגטע, מוזען לויט דער דאָזיגער ערקלעהרונג זיין אָדער דום אָדער שלעכט. מיר פֿיהלען זיך ניט פֿערפֿליכטעט אָבצושלייקענען די דאָזיגע אינסינואַציע.

אין געגענטהייל, מיר קוויטירען זי. מיר נעהמען אָן די שימפֿנעסען אויף זיך! נו זעהר גוט! מיר געהערען צו דעם הויפֿען פֿון אונוויסענדע און לייכט-גלויביגע! מיר זיינען פֿערפֿיהרט, פֿערבלענדעט!... אָבער גיט וש אונז געגענגיפֿט, איהר בעאַמטע, וואָס איהר האַלט דאָס געגענגיפֿט בעהאַלטען ביי זיך! אָדער זייט איהר פֿילייכט אונמענשליך גענוג, אויסצורופֿען מיט שפּאָט: „זיי זיינען פֿערגיפֿטעט!“ און אונז דאַן ענטזאָגען דאָס געגענגיפֿט? מיר זיינען דום, אונוויסענד, לייכט-גלויביג, אַלעס, וואָס איהר ווילט נור! וועט איהר נאָך אַלץ פּועל'ן ביי זיך, צוריקצוהאַלטען אייער ליכט פֿון אונז?...

ס'קען זיין, אַז מען לייגט ווייניג ווערטה אויף אונזער אורטהייל, און אונזער בענייטיגער רוף נאָך ליכט, וועלכער איז נאָך ניט אונטערשטיצט געוואָרען פֿון קיין אַנדער טעגליכע ציימונג, וועט בלייבען אָהן ערפֿאָלג. דאַן זאָל מען גערייגקען, אַז עס איז יעדענפֿאַלס אונפֿאָרזיכטיג צו

פֿעראַכטען אַ פֿונק, ווייל ער איז ניט מעהר ווי אַ פֿונק, פֿערגעסענדיג, אַז ער קען ווערן אַ פֿלאַם! *)

אָה, אָה, קיינער ענטפֿערט ניט! אַמטייגער ווען איך זאָל שרייבען צום קעניג אַליין? דאָס האָב איך געטהאָן... צוויי מאָל שוין! ער האָט ניט געענטפֿערט. און מולטאַטולי האָט איהם געשיקט זיין בוך איבער די אויקציאָנען! צי דער קעניג האָט עס געלעזען? געוויס ניט!

וואָרים דאַן וואָלט ער דאָך געזאָגט: איך וויל וויסען צי דאָס אַלעס איז וואַהר! יאָ, דאַן וואָלט ער מיך געשיקט רופֿען, און איך וואָלט איהם געציינט: אַז אַלעס איז וואַהר!

איך בין פֿעראומערט, וואָס איך קען דיר גאָרנישט שיקען, טינע! זעה, ווי עס איז דורכצוקומען... אַפֿשר ווערט דער מיניסטער דאָך ענטפֿערן. זוך עפּעס אויס אַן ענטפֿער פֿאַר די קינדער, ווען זיי ווילען זיך נאָכפֿרעגען... אָה גאָט!

איך בין מיעד.

פֿון מינע׳ן צו פֿענסי׳ן.

פֿענסי... איך רוף צו דיר, איך בעט דיך... קום איהם צו הילף!...

---

*) (בעמערקונג פֿון 1865.) כדי אויך די וואָס ווייסען ניט זאָלען בעגרייפֿען דעם גרונד, פֿאַרוואָס עס זיינען מיט אַמאָל פֿערשוואונדען די אַלע פעריאָדען, וועלכע האָבען אין 1860 און 1861 מיט אַזאַ לשון געפֿאָדערט רעכט, ווידערהויל איך דאָ דעם שוין אָפֿט מיטגעטהיילטען מערקווירדיגען פֿאַקט, אַז אי די ליבעראַלען אי די „בעהאודערס" (קאָנסערוואַטיווע) האָבען געוואָלט בענוצען דעם „מאַקס האַוועלאַר" אלס קאַמפֿף-מיטעל אין זייערע פּאַרטיי-קריעגערייען. ווען איך האָב ביידע קליקעס נעגעבען דעם וועג און אַליין פֿערלאַנגט הילף פֿון די, וועלכע מיינען עס ערנסט מיט מענשליכקייט און רעכט, דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוטה זיך צו שטעלען אויף מיין זייט. ווען איך וואָלט געוואָלט ריידען די שפּראַך פֿון דעם ליבעראַליזם, וואָלט איך שוין לאַנג געווען מיניסטער פֿון די קאָלאָניען. און אויך די „בעהאודערס" וואָלטען געקענט מאַכען נוצען פֿון מיין „טאַלאַנט", ווען דאָס דאָזיגע טאַלאַנט וואָלט געווען „צום בענוצען"! ליעבער גאָט, איך אַליין קען גאָר ניט העלפֿען דערצו, און איך גלויב ניט אין דעם. וואָרים איך בין ניט קיין „שריפֿטשטעלער פֿון פּראָפֿעסיאָן".

צו טינע׳ן.

כ׳האָב דיר לאַנג נים געשריבען, ווייל איך... חייל איך... כ׳ווייס נים, כ׳מיין, אַז איך בין נים מים אַלעמען. עס וועט געווים איבערגעהן. זעה נור דורכצוקומען, מיין קינד. בעט דעם מאַן פון׳ם הויז, וואו מולטאַטולי האָט געשריבען דאָס בוך איבער דעם קאָפּע. ער וועט דיר אפשר געבען עסען פאַר די קינדער...

פוּי טינע׳ן צו פּענסי׳ן.

פּענסי!

פון טינע׳ן.

ליעבסטער מאַקס! פאַל נור נים אַראָב פון מוטה, אַלעס געהט גרויס-אַרטיג. די קינדער זיינען פאָלקאָם געזונד און פרעהליך, אייגענטליך צו פרעהליך, צו אויסגעלאַסען! זיי זיינען אַביסעל בלייך... נאָר דאָס קומט דערפון, וואָס די צייהנדלאַך בייטען זיך ביי זיי. זיי עסען ווי וועלף. זיי רוהיג, מאַקס. אויך איך בין געזונד און מונטער, און איך פיהל זיך גום... מיר געהען זעהר אָפט שפּאַצירען... אָה, דו וואָלסט עס געראַפט זעהן... אַזוי לעבענס-לוסטיג!

פון טינע׳ן צו פּענסי׳ן.

פּענסי... אום גאָטעס ווילען... פּענסי!

צו טינע׳ן.

אַזוי! דאַן איז דאָך גום. כ׳האָב געמיינט, אַז דו געפינסט זיך אין אַ גרויסער נוים. ס׳איז נים אַזוי, זאָגסט דו, נו, דאַן איז דאָך אַלעס גום.

וואָס איז שייך צו מיר, מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער טרוים פֿון מיין פוסטקייט... פֿילייכט איז דאָס דערפֿאַר, וואָס איך טרינק צופֿיעל קאַפֿע. איך קריג נאָך אָהן אויפֿהער אַלערליי נאַרישע בריעף...

דער בעוואוסטער הערר פּאַסטאָר האָט מיר געמאַכט אַ וויזיט. ער איז געזעסען ביי מיר אַ פּאָר שטונדען. ער האָט געוואָלט, ניט אַנדערש נור איך זאָל אָננעהמען זיין גלויבען. ס'איז אַזאַ שאָד, האָט ער געזאָגט, וואָס איך בין ניט קיין קריסט, אין אַלעס איבעריגען בין איך אַזאַ גוטער מענש. אויב אַזוי, דאַן לוינט זיך ניט צו מאַכען קיין ענדערונג, האָב איך זיך געטראַכט. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געשריבען, אַז ער האָט געהערט וועגען מיר אַזויפֿיעל שלעכטס, און אַז איך בין פֿערדאַמט. אין גאָט'ס נאָמען!

איך קען דיר גאָר ניט שיקען, ליעבע טינע! ס'טהוט מיר האַרציג הנאה, וואָס דיין בריעף איז אַזוי פֿרעהליך און וואָס די קינדער זיינען געזונד. דאָס שטעלט מיך אַביסעל אויף די פֿיס. כ'בין געווען אַביסעלע מיעד. אָבער איך וואָלט פֿונדעסטוועגען פֿאָרט געוואונשען, דיר צו קענען שיקען וואָס עס איז, וואָרים מיר דוכט... ווי קומסט דו דאָרט דורך?

איך וואָלט אַזוי גערן געוואָלט קענען אַ מלאכה... נאָר עס וואָלט געמוזט זיין עפּעס, ביי וואָס מען זאָל דאַרפֿען ווייניג אָדער גאָרנישט דיינקען. דאָס דיינקען וואָלט איך גערן וועלען בעהאַלטען פֿאַר אונז. מיינסט דו ניט אַזוי? כ'וואָלט וועלען זיין אַ בוכבינדער... ניין, דאָס ניט, דאָס איז צו פֿערפֿיהרעריש. אָבער אַ שטיין־זעגער וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, ווען איך וואָלט נאָר געווען שטאַרק גענוג דערצו. כ'האָב מורא, אַז ניט, וואָרים איך בין אַביסעל אויף צרות. מיר וואָלטען שוין ווי עס איז געקענט לעבען פֿון אַזאַ האַנדווערק, דוכט מיר, ווען מיר וואָלטען נור קיין חובות ניט געהאַט. אָבער זיי וועלען צונעהמען ביי מיר די זעג... ניין, דאָס געזעץ גאַראַנטירט יעדען איינעם דעם בעזיץ פֿון די געצייג, וועלכע זיינען נייטיג פֿאַר זיין מלאכה. אויך דעם בעזיץ פֿון די קליידער, וואָס די קינדער טראָגען אויף זיך... צוליעב דער אָנשטענדיגקייט, דיינק איך. דאָס איז דאָך זעהר פֿריינדליך פֿון'ם געזעץ.

נאָר ווען מען זאָל מיר זאָגאַר איבערלאָזען די זעג, קען איך דערביי אַלץ ניט פֿערדיענען גענוג צו בעצאָהלען אונזערע חובות. און אַז איך קלאָג זיך, ענטפֿערן זיי: שרייב!

אָה, דיר שרייבען... דאָס איז עפּעס אַנדערש! ווילסט דו, איך זאָל דיר עפּעס שרייבען? ווילסט דו, איך זאָל דיר עפּעס דערצעהלען... מעשה'לאך, געשיכטען... מיט פֿערגניגען, טינע! איך וועל אויף גיך מאַכען

וואָס עס איז פֿאַר דיר, נאָר דערצעהל זיי ניט דעם קליינעם מאַקס. ער וועט זיי ניט בעגרייפֿען... פּונקט אַזוי וויניג ווי גרויסע מענשען, הגם ער האָט ניט ווי זיי קיין אינטערעס נ י ט צו בעגרייפֿען.

דאס ערשטע מעשה׳לע.

אַ פֿיין געקליידעטער מאַן, מיט אַ גאָלדענער קייט און מיט גילדערנע רינגען אויף די פֿינגער, האָט אַרויסגעשפּאַצירט צופֿריעדען ביי איינעם פֿון די קאַנאַלען אין אַמסטערדאַם. ער איז אָראָבגעקומען אין שטאָרט צוליעב „געשעפֿט". גלייך ווערט איהר זעהן, וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט. — פֿאָראויס פֿאַר איהם איז געגאַנגען אַ דאַמע מיט איהר קינד. כ׳וויים ניט, דורך וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל: דאָס קינד איז אַריינגעפֿאַלען אין וואַסער. די מוטער האָט געגעבען אַ קוויטש... און איז נאָכגעשפּרונגען נאָך׳ן קינד און האָט עס געראַטעוועט.

דער מאַן פֿון געשעפֿטען האָט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס איז פֿאָר־געקומען, האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכעל און זיך צוגעגרייט עפּעס צו פֿערצייכענען דערין.

— גנעדיגע פֿרוי, מעג איך זיך ערלויבען פֿרעגען ביי אייך אייער נאָמען און אַדרעס?

— מיין קינד, מיין קינד, כ׳האָב מיין קינד צוריק!

— זעהר גוט, אָבער קען איך זיך נעהמען די פֿרייהייט...

— כ׳האָב מיין קינד צוריק, — האָט מיט האַרטנעקיגקייט ווידער־האָלט די מוטער, וועלכע האָט גאָר ניט געקענט פֿערשטעהן, ווי אַזוי מען קען זיך ביי איהר נאָכפֿרעגען וועגען עפּעס אַנדערש ווי וועגען איהר קינד.

— מיט דער פֿרוי איז גאָרניכט צו מאַכען, — האָט דער נייגיעריגער פֿרעמדער געמורמעלט. — — הער, ליעבער מאַן, איך וועל אייך אָנשטענדיג בעלוינען, ווען איהר וועט מיר מאָרגען געבען דעם נאָמען און דעם אדרעס פֿון דער דאָזיגער דאַמע.

אַזוי האָט דער פֿרעמדער געבעטען איינעם פֿון די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דער סצענע; און עס ווייזט אויס, אַז ער האָט דאָס מאָל געקראָגען צו וויסען, וואָס ער האָט געוואָלט וויסען. מחמת אויף מאָרגען האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי דער גליקליכער מוטער אין טהיר.

— גנעדיגע פרוי, כ'האב גנעהאט די עהרע צו זיין דערביי, בשעת...

— אָה, איהר זייט געווען דערביי, מיין הערר? איהר האט עס גע־זעהן? איך האב גאָרנישט געזעהן, איך האָב גאָרנישט געהערט, כ'בין אַריינגעשפרונגען...

— פערצייהט, גנעדיגע פרוי, איך האָב געהערט...

— געהערט?

— יאָ, גנעדיגע פרוי, כ'האָב געהערט, ווי איהר...

— געהערט? וואָס האט איהר געהערט?

— כ'האָב געהערט, ווי איהר האט געשריען, גנעדיגע פרוי... איך קום איך אָנבאָטען אַ שטעלע ביי מיר אין טהעאַטער.

אָרעמע מוטער!

דער דאָזיגער מאַן איז געווען אַן „אימפּרעסאריא", אַ טהעאַטער־אונטערנעהמער, וואָס זוכט נייע „שטערען", נייע בעריהמטע שוישפּיעלער. ער האט געהייסען: פּובליקום.

דאס צווייטע מעשה־לע.

כרעזאָס האט געוואוינט אין בעאָטיען. ער איז געווען בירגער־מייסטער פון אַ דערפעל, וועמעס נאָמען איך ווייס ניט. איך קען איך ניט זאָגען, ווי אַזוי ס'איז געקומען, ער זאָל פערבלאָנזשען קיין בעאָטיען, אַז זיין פאַמיליע האט גאָר געשטאַמט פון אַטהען... יאָ, מיר דוכט זאָגאַר, אַז ער האט געמוזט זיין אַ קרוב פון דעם בעריהמטען אַלציביאַדעס. כרעזאָס איז געווען אַ גוטער מענש און האט געלעבט צופריעדען. ער האט געזאָרגט פאַר זיין דערפעל, אַזוי גוט ווי ער האט געקענט, און אין די פרייע מינוטען זיינע האט ער זיך משמח געווען, שפּיעלענדיג אויף דער לוטע.*) נאָר דאס האט ער בלויז געטהאָן ביי זיך אין דערהיים, און קיינמאָל איז ער קיינעם ניט געפאַלען צו לאַסט מיט זיין מוזיק.

און מיט אַמאָל האט זיך געמאַכט, אַז עס זיינען אָנגעקומען רויבער, וועלכע האָבען בעראַבעוועט די איינוואוינער פון'ם דערפעל, וואו כרעזאָס האט געפיהרט זיין אַמט. האט ער אוועקגעלייגט זיין לוטע און געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו פערטרייבען די רויבער. מען האט איהם געזאָגט, אַז

---

*) אַן אַלטער, אָריענטאַלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס.

ער דאַרף דאָס ניט טהאָן, מחמת די רויבער זיינען געשטאַנען אונטער'ן שויץ פֿון די אויבערהאַרען פֿון דער הויפּט־שטאָדט.

נאָר כרעזאָס האָט עס ניט געגלויבט, ווייל דאָס האָט איהם אויס־געזעהן צו זיין צו שרעקליך. ער האָט ווייטער אָנגעפֿיהרט זיין קאַמפּף געגען די רויבער, און אַזוי ווי זיי האָבען געהאַט די אויבער־מאַכט, האָט ער אַריבערגעשיקט אַ שליח קיין טהעבען, פֿאָדערן הילף.

אָנשטאָט איהם צו שיקען די געבעטענע הילף, האָט מען איהם גע־ענטפֿערט, אַז ער איז אַן אונווירדיגער בירגערמייסטער און ער פּאַסט זיך לחלוטין ניט צו פֿערנעהמען אַן אַמט אין בעאָטיען. אַנטקעגען דעם האָט ער זיך ניט געשטעלט. נאָר נאָכדעם ווי ער האָט אויפֿגעמונטערט די איינוואוינער פֿון זיין דאָרף און זיי אָנגעזאָגט צו האָבען געדולד, האָט ער זיך מיט פֿרוי און קינדער אַרויסגעלאָזט אין וועג, ניט מיטנעהמענדיג מיט זיך קיין אַנדער זאַך, נאָר זיין לוטע. זיין הויז האָט גלייך פֿערנומען אַן אַנדער בירגערמייסטער, וועלכער איז אודאי געווען וויניגער אונווירדיג ביי די טהעבאַנישע אויבערהאַרען אין די אויגען, און וועלכער האָט אויך אויסגעזעהן צו זיין שטאַרק בעפֿריינדעט מיט די רויבער, וועמען דער נאַ־איווער כרעזאָס האָט געוואָלט אויסראָטען. על כל פנים, מען האָט שוין מעהר קיינעם ניט געהערט זיך בעקלאָגען איבער רויבעריי, הגם די רויבער זיינען געבליבען אין לאַנד.

מיט גרויס מיה האָט כרעזאָס געקראָגען אַ צוטרים צום אַרעאָפּאַג*) און האָט דערצעהלט, וואָס מיט איהם איז געשעהן. ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין פֿאַמיליע, וועלכע איז צו גרונד געגאַנגען דורך דאָס „מיספֿער־שטענדניס" פֿון דער אויבער־הערשאַפֿט. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען די זאַך פֿאַר אַ מיספֿערשטענדניס. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ פֿרעמדער אין בעאָטיען. דערום האָט ער אַזוי פֿערקעהרט גע־אורטהיילט.

נאָר דער אַרעאָפּאַג האָט ניט געענטפֿערט. כרעזאָס האָט אויפֿגע־מונטערט זיין פֿרוי און איהר אָנגעזאָגט צו האָבען געדולד — וואָס איז נאָר ניט נייטיג געווען — און האָט זיך געטרייסט, שפּיעלענדיג אויף דער לוטע, וואָס איז געווען אַ בעדערפֿעניש פֿאַר איהם. די טענער, וועלכע ער האָט גענומען, האָבען האַרמאָנירט מיט זיינע ערפֿאַהרונגען. איי־גענטליך איז ער ניט געווען קיין גרויסער מוזיקאַנט, נאָר עס ליגט עטוואָס

---

*) אַ מין הויך־געריכט, אַ פֿערזאַמלונג פֿון געלערנטע, אונפּאַרטייאישע ריכטער, פֿאַר וועלכע מען פֿלעגט פֿאָרלייגען אַלע שווערע סכסוכים צור ענטשיידונג.

בעזונדערעס אין דעם לוטען־שפיעל פֿון אַ פֿאַטער, וועלכער זעהט ווי זיינע קינדער שמאַכטען פֿאַר הונגער. מחמת דעם, און ניט דערפֿאַר וואָס כרעזאָס האָט גוט געשפּיעלט, האָט מען זיך גערן צוגעהערט צו איהם. ס׳איז געווען עפּעס שניידענדעס אין זיין שפּיעלען, וואָס האָט געקיצעלט גראָבע אויערן. אין עס זיינען געווען אַסך גראָבע אויערן אין בעאָטיען.

אַז מען האָט געזאָגט: „שעהן געשפּיעלט, כרעזאָס, שפּיעל ווייטער!“, דאַן פֿלעגט זיך ביי איהם אַראָבלאָזען די האַנד, און אַ טרעהר האָט זיך איהם געשטעלט אין אויג ביי דעם געדאַנק, אַז דאָס דאָזיגע אומגעבעטענע לויב־ליעד איז דער פּרייז פֿאַר דעם הונגער פֿון זיינע קינדער. ליעבערשט וואָלט ער נאָך ערגער געשפּיעלט, אָדער ליעבערשט איבערהויפּט ניט איי־דער אַזוי. און ער האָט פֿערגליכען זיין זעעלע מיט די סטרונעס פֿון דער לוטע, וועלכע האָבען געמוזט זיין שטאַרק אָנגעצויגען, אום אַרויסצוגעבען אַ קלאַנג... יאָ, אַזוי שטאַרק אָנגעצויגען, אַז זיי האָבען געמוזט פּלאַצען, איידער די צוהערער זיינען צופֿריעדען געווען. „קען דאָס זיין, אַז די סטרו־נעס פֿיהלען עס אַזוי גוט ווי איך?“ האָט ער ביי זיך געטראַכט.

אָבער דאָך האָט ער געשפּיעלט פֿון צייט צו צייט, ווייל ער האָט אַנדערש ניט געקענט. און די זייניגע האָבען געהונגערט מיט געדולד.

מעהר ווי איין מאָל האָט ער זיך געווענדעט צום אַרעאָפּאַג. ענדליך האָט ער בעקומען דעם פֿאָלגענדען אורטהייל:

דער אַרעאָפּאַג,

אויסהערענדיג די קלאַנגען פֿון דעם געוועזענעם בירגערמייסטער כרעזאָס איבער די רויבערייען אין דאָרף... א. א. וו.

אויסהערענדיג זיין ביטע, אַרויסצוגעבען אַן אורטהייל אין דער אָנגעלעגענ־הייט צווישען איהם און די אויבערהאַרען פֿון טהעבען... א. א. וו.

נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די ערקלעהרונג פֿון דעם דערמאָנטען כרע־זאָס, אַז ער און די זייניגע לעבען אין אַ זעהר שרעקליכער נויט, צוליעב אַ מיספֿערשטענדניס, וואָס זאָל האָבען געטריבען די טהעבאַ־נישע אויבער־הערשאַפֿט, זיך אַנצונעהמען פֿאַר די רויבער, וועלכע האָבען בעראַבעוועט דאָס דאָרף, וואו דער דערמאָנטער כרעזאָס איז אַמאָל געווען בירגערמייסטער;

נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די ערקלעהרונגען פֿון אַסך עדות, וועלכע האָבען דעם דערמאָנטען כרעזאָס געהערט שפּיעלען אויף דער לוטע, — פֿעראורטהיילט,

אין נאמען פון גערעכטיגקייט.

דעם פיעל־מאָל־דערמאָנטען **ברעזאס** צו דער לוטע און צו בעצאָהלען די קאָסטען פון׳ם פראָצעס.

דער אָרעאָפּאַג איז געוועזען אונטערגעקויפט און האָט געהייסען — **נידערלאַנד.**

דאָס דריטע מעשה׳לע.

קומט, קומט, קומט מיט, היינט ווערט אַ מאַן געקרייציגט,
אויף׳ן גאָלגאָטהאַ קען מען שעהנעס זעהן!
פערוואַרפט דעם שויפעל, אייזען, בירגער־לייט,
רייסט אָב די מיידלאַך, יונגע לייט פון שפּיעל,
וואַרפט אָב דעם אַרבייטס־יאָך אויף היינט פון זיך!
דעם האַמער, הובעל און די שפּין־ראָד לייגט אַוועק!
קומט אַלע מיט... מען קען היינט שעהנעס זעהן!
קומט אַלע מיט... הורראַ דיר, גאָלגאָטהאַ!
הורראַ, הורראַ דיר, גאָלגאָטהאַ!

*

—וואַהרהאַפטיג, דאָס מאָל וועט מען שעהנעס זעהן!
ער זעהט נאָך יונג אויס און עס צייגט זיין בליק
אַן אויסגעהאַלטענקייט... נאָר זעה, ער פאַלט:
ס׳ווייזט אויס, ער איז שטאַרק אָבגעשוואַכט! דאָס קרייץ איז שווער...
געהערט האָב איך, פון בעסטען האָלץ איז עס געשניצט!
מען זאָגט (כ׳ווייס, נתן, נישט, אויב ס׳איז נור וואָהר!)
זיי זאָגען, אַז ער גופא האָט איהם צוגעשטעלט,
בעת ער פלעגט נאָך אַרבייטען ביי האָלץ...
דען פאָר ער האָט בעגאַנגען כ׳ווייס ניט וועלכע זינד,
צי האָט ער גאָר אַ זינד בעגאַנגען, ווייס איך נישט...
נאָר פאָר ער האָט געטהאָן, אין וואָס ער ווערט בעשולדיגט,
האָט ער ביי האָלץ געאַרבייט גלייך ווי מיר.

—ווי הייסט דער מאַן

—כ'ווייס ווירקליך ניט, מען זאָגט, אַ נ ו צ ר י זאָל ער זיין,
גענויער, אַז זיין פֿאָטער איז געווען עס. ווי ניט שטאַרק ער שיינט
פֿאַר מלאכה, פֿלעגט זיין אַרבייט דאָך אַרויסקומען געראָטען...
ער גליטשט זיך ווידער אויס... (שטעת, יוחז,
און לאָז וואָס זעהן מיך אויך... דו שטופּסט מיך אָב,
ווי ס'וואָלט דאָס גאַנצע שפּיעל פֿאַר דיר נור זיין!) ער שוויצט;
איך זאָג דיר דאָך, קיין גבור, נתן, איז ער נישט,
און דאָך זעה איך אין איהם פֿיעל אויסגעהאַלטענקייט,
איך גלויב, אַז ער וועט אונז ניט נאַרען ווי דער גנב,
וואָס איז אַ האַלבע שעה נור קוים געהאַנגען און דעם קאָפּ
דערנאָך אַראָבגעלאָזט... און גאַר! קיין וואָרט נישט,
וואָס זאָל בעלוינען פֿאַר דער מיה אונז. ביזט געווען דאָן?
(הויב דאָך מרים העכער אויף, יוכבד!)
ביזטו דערביי געווען, אָה נתן בן דוד,
ווען ס'האָט דער גנב פֿאַר דער גאַנצער מיח גענאַרט אונז?

—כ'האָב גראָד געהאַט מיין פֿוס פֿערשטאָכען דענסטמאָל,
כ'האָב נישט געקענט און חשק נישט געהאַט צו געהן;
געהערט האָב איך...

—א י ך בין דערביי געווען, פֿריינד נתן!
איך האָב מיין גרינעם, ווידענעם אויבער־בגד אָנגעטהאָן
און אויך דעם טורבאַן פֿון קאַשמיר געטראָגען,
דען ס'קיהלט אין איהם... זעה, ס'ברעכען זיך די פֿיס איהם ווידער,
ער שטעהט אויף שנעל. פֿון וואָס האָב איך צולעצט גערעדט?
—פֿון גנב, וואָס האָט אָבגענאַרט אייך...

—איך ווייס שוין, דענסטמאָל
איז וואַרעם אייך געווען ווי היינט... צי ניין, אַזוי היים נישט!
דען היינט איז שרעקליך היים, נישט וואָהר? מיר ברענט
די זונן מיין מוח אויס. אַ שאָד, ס'פֿערדריסט מיך שטאַרק,
וואָס כ'האָב נישט יענעם טורבאַן פֿון קאַשמיר אויף'ן קאָפּ,
ער איז אַ ווייסער און עס קיהלט אין איהם... אַלץ אַז מען איילט זיך:
כ'האָב גיט געזאָלט פֿערווילען צייט — אָט פֿאַלט ער ווידער—
און 'צונד פֿערדריסט מיך... דען ס'איז וויט נאָך ביז גאָלגאָטהאַ!
אַ טונקעלער ציהט אין זיך אַריין די גאַנצע היץ,

דערפֿאַר פֿערדריסט מיך, וואָס גאָלגאָטהאַ איז נאָך ווייט...
פֿון וואָס האָב איך צולעצט גערעדט?

—פֿון גנב, דעם בעטריגער...

—יאָ, יאָ! געלאָפֿען בין איך שטונדען לאַנג, ווי איצט געשטיקט זיך...
(וואָס פֿאַר אַ היץ!... שטופּ זיך נישט, איך בעט דיך, יוחז!)
כ׳האָב שוין העלפֿט וועג פֿערמאַטערט זיך... דער גנב אָבער
(בעדיינק, ווי שענדליך ס׳האָט דער מענש אונז אָבגענאַרט!)
איז מיט זיין קרייץ, ווי ס׳וואָלט אַ לולב זיין, געלאָפֿען,
האָט נישט געשוויצט, נים איינמאָל אויסגעגליטשט זיך גאָר אפילו...
דאָך אײף׳ן קרייץ איז גידערטרעכטיג גיך זיין סוף געקומען!
דער אָבער — זעה, אָט פֿאַלט ער ווידער — דער
איז נישט קיין גבור און נישט פֿעסט געבויט,
ער שיינט פֿון צאַרטען מוסקעל-בוי צו זיין... דאָך צייגט זיין בליק,
אַז ער האָט פֿיעל געליטען, פֿיעל שוין אויסגעשטאַנען,
נאָר אַז ער קען אַ לאַנגע צייט נאָך ליידען!
איך ווייס מיך, אַז ער וועט פֿון קרייץ נאָך רעדען,
און דאָס איז גראָד דאָס שעהנסטע פֿון׳ם שפּיעל!
די קינדער גופא געהען מיט עס צו צוהערען...
דאָך יענער גנב איז שוין טויט געווען נאָך פֿאַר מיין פֿרוי,
וואָס איז נישט גוט געלאָפֿען — דען געשוואַנגערט האָט זי דאַן
מיט מרים — (האַלט איהר, אונזער אוצר, אין דער הויך, יוכבד!)
טויט איז דער גנב שוין געווען, נאָך פֿאַר זי איז אָנגעלאָפֿען.
ס׳האָט יעדער דאַן געזאָגט, אַז ס׳איז געווען דאָס שענדליך!
(גיב מרים מיר, יוכבד! קום אַהער, מיין קינד,
האָפּ... האָפּ... אויף טאַטע׳ס פּלייצעס! קענסטו זעהן?
די הענטלאַך האַלט אַזוי... אַרום דעם טאַטענס האַלז,
און האַלט זיך פֿעסט!) פֿון וואָס האָב איך צולעצט גערעדט?
—פֿון יענעם גנב...

—יאָ! די גאַנצע שטאָדט

איז דאַן געווען געקומען זעהן דעם מאַן.
עס זיינען מיטגעווען מיט אונז אפרים, ראובן,
באַ-הנה מיט די קינדער, הירל בן אליהו,
אוריה׳ס טעכטער, און אויך דער וועקסלער שמואל...
(כ׳זעה ׳צונד איהם גראָד: ער וואַרפֿט דעם מאַן מיט שמוץ!)

ס'איז ער דאָס, וואָס פאַריאָגט האָט מען פון בית המקדש,
ווייל אין'ם מקום קדוש פלעגט ער פיהרען מסחר...

—און ווער האָט איהם פאַריאָגט?

—זיי זאָגען, אַ געוויסער

ישוע, דער זוהן פון יוסף, פון גאָר אַ חשוב'ער משפחה,
האָט מיט אַ בייטש אַרויסגעיאָגט איהם ווי אַ הונד,
און אומגעוואָרפען גאָר זיין גאָלד און זילבער;
מטבעות זיינען אומגעשפרונגען מיט אַ קלאַנג
רעכטס, לינקס און זיך פערלאָרען צווישען עולם...

—ווער האָט איהם דרויף

געשטעלט אַזוי וואָס טהאָן?

—דאָס ווייס איך, נתן, נישט,

נאָר ס'איז ניט גוט צו שאַכערן אין יהוה'ס הויז!
מיין אפרים... נאָר הער אויס, נתן בן דוד,
איך זאָג עס דיר בסוד און איך פערהאָף...
(אָט וואַרפט דאָרט שמואל ווידער איהם מיט שמוץ!)
פון וואָס האָב איך צולעצט גערעדט?

—פון דיין אפרים,

און פון די וועקסלער אין'ם בית המקדש...

—ריכטיג!

איך זאָג עס דיר בסוד און איך פערהאָף,
אַז דו וועסט שווייגען. הער נאָר אויס, מיין זוהן
האָט עס געזעהן, אַן עסק האָט ער דאָרט געהאַט,—
ער האָט זיך אָנגעבויגען, ווי צו העלפען זוכען
זיך אָנגעבויגען — נאָר פאַר לשון הרע היט זיך אָב, בן דוד!—
און מיט אַ שאַרפען בליק און פלינקער האַנד...
בקיצור, יענער טאָג איז מזל'דיג געווען:
מיט דרייסיג שקלים איז געקומען ער אַהיים!
גלויב מיר, בן יוסף איז גערעכט געווען...
ס'איז ניט קיין שטייגער, און מען דאַרף עס נישט דערלאָזען,

מחלל זיין מיט מסחר דעם מקום מקדש:
ישוע האָט דאַן אמת רעכט געהאַט!
דערפאַר לויפט מיין אפרים שטענדיג נאָך נאָך איהם
און זוכט איהם... אויב ער וועט נישט ווידער ווען
אַרויסלאָזען זיך מיט זיין בייטש אין האַנד,
געהן אָבראַמען פון סוחרים דעם בית המקדש.
נאָר זינט אַ וואָך לאָזט ער זיך מעהר נישט זעהן...
(אָט וואַרפט דאָרט שמואל ווידער איהם מיט שמוץ!)

—און יענער גנב, וואָס?...

—האָסט רעכט! געגאַנגען זיינען מיר אַ גרויסער עולם,
נאָר אויף'ן קרייץ איז נידערטרעכטיג גיך זיין סוף געקומען.
(היינג, קליינע, דיך ניט אָן אַזוי שווער אויף'ן האַלז!)
ס'איז הייס... אָט פאַלט ער ווידער... מיעד שיינט ער צו זיין...
נאָר כ'זאָג דיר, נתן, דאָס איז נישט קיין ראיה,
דו ווייסט, אַז האַלץ וואָס בויגט זיך ברעכט זיך נישט,
און וואָס ס'איז האַרט, קנאַקט גלייך ביים ערשטען בויג:
אַזוי דער מענש... איך זאָג דיר, אויסגעהאַלטענקייט פערמאָגט ער!

—זעה, זעה... אַן אשה!... ס'איז אפנים זיינע?
זיין ווייב, וואָס קלאָגענדיג געהט נאָך געבויגען,
ווי זי וואָלט טראָגען גאָר דעם קרייץ אויף איהרע פלייצעס!
זי שטרעקט בעשטענדיג אויס די דאַרע הענד,
ווי איהם צו שטיצען... ס'איז זיין ווייב — די אשה?

—כ'וויים ווירקליך נישט! דאָך שיינט זי מיר צו אַלט;
חוץ דעם, איך זעה קיין קינד ניט. ניין! דאָס איז
געוויס די מוטער... זעה, עס ברעכען זיי די פיס!
איך האָב שוין עפטער בייגעוואוינט אַ קרייץ־גאַנג
(די קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען אויך, די שעפעלאַך!)
און תמיד מערק איך: ווער עס האָט אַ ווייב
און קינדער, וואָס בעגלייטען איהם צום קרייץ,
(זיי רוהיג, מרים, דער טאַטע איז שטאַרק מיעד!)
האָט ניט אַזויפיעל אויסגעהאַלטענקייט ווי דער.

איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: דער מאַן האָט אויסגעהאַלטענקייט!
אַ פּאָטער וואָלט אַזוי ניט קענען זיין!
פון געהן איז ער פערמאַטערט, וועט ער אָבער היינגען,
וועט עס אַריבערגעהן. פריינד נתן, העלף
דאָס קינד אויף יענע פּלייצע איבערזועצען... אָט אַזוי!
לאַנג טראָגען ווערט עס שווער, ווי לייכט ס'זאָל ס'קינד ניט זיין!
(זייַ שטיל, מיין קינד!) דער היינטיגער איז מיעד,
ס'קען זיין ער האָט פערלאָרען בלוט און איז ד'רום אָבגעשוואַכט.
(ניט וואַרף דיך הין און הער, מיין קינד, דאָס טהוט מיר וועה!)
מען זאָגט, ער האָט בעקומען מלקות... זעהסט זיין רוקען?

—ס'פערשטעלט אַלץ יוחז...

—קענסטו, יוחז, זעהן דען?

—דעם שפּיץ און נור איין אָרם פון קרייץ,
וואָס וויעגט זיך אויף און אָב מיט איהם צוגלייך און ווערט נישט,
ווען ער פאַלט אום... אָט איצטער פאַלט עס ווידער,
און לאַנגזאַם הויבט עס זיך אַרויף!

—דאָס זעה איך אויך,
איך זעה עס גוט ווי דו! וואָס איך בעגעהר צו וויסען,
איז אויב זיין רוקען איז... אַזאַ קליין קינד איז שווער ווי בליי!
ניט וואַרף דיך אום אַזוי: דיין פּאָטער איז טויט מיעד...
קענסט דו איהם זעהן, דעם נאַקעטען רוקען,
דעם רוקען פון דעם מאַן, וואָס טראָגט דאָס קרייץ,
און וועמען שמואל וואַרפט מיט שמוץ?
איך הויב דיך אויף... זעה גוט... און מאַך עס גיך,
דען איך בין מיעד... נו זעהסט?

—דעם רוקען? — ער איז רויט...

—דו הערסט, בן דוד?... דאָס שוואַכט אָב!
ער האָט בעקומען מלקות, דאָס שוואַכט אָב!
נאָר ס'וועט פערגעהן באַלד אויף'ן קרייץ. ער וועט

דעם קאָפּ נישט לאָזען פֿאַלען אַזוי גיך.
(זיץ שטיל, מיין קינד, דו דריקסט מיך מורא'דיג!)
כ'זאָג, נתן, דיר: דער מאַן האָט אויסגעהאַלטענקייט!
אַ שאָד, וואָס כ'האָב דעם קאַשמיר ניט אויף'ן קאָפּ...
(זיץ רוהיג, קינד, אַניט מוזסטו אַראָב:
כ'בין שרעקליך מיעד!) ס'האָט יעדער דאַן געזאָגט:
ס'איז אַ סקאַנדאַל... אין אויגענבליק ז'געווען זיין סוף!
דער אָבער וועט נישט אויסגעהן אַזוי גיך,
איך וועט מיך, אַז ער וועט נאָך רעדען פֿאַר'ן טויט!
די קינדער וועלען נאָכפּלאַפּלען די רייד מיט שמחה,
צום קינדער-שפּיעל געברויכען זייגע ווערטער,
און וואָכען-לאַנג אַלץ נאָכמאַכען דאַן, ווי מען קרייציגט...
דאָס מונטערט אויף אין אונזער שלעכטער צייט!
דאָך שווייגט ער אויף'ן קרייץ, דאַן איז ניט ווערטה די מיה,
ס'איז ווייט צו געהן, און היים איז מורא'דיג,
אַ צווייטען מאָל וועל איך שוין אָנטהאָן מיין קאַשמיר!—
איך זאָג דיר, אויסגעהאַלטענקייט פֿערמאָגט ער!
אָט פֿאַלט ער ווידער... שוויג נאָך! וואַרט נור, זאָל ער הייגגען,
(זיץ, מרים, שטיל!) דאַן וועסטו זעהן און הערען...
נעהם דו זי איצט, יוכבד: איך בין מיעד...
האַלט אין דער הויך, דאָס שעפּעלע...

*

קומט, קומט, קומט מיט, וואָס שעהנעס קען מען זעהן!
קומט אַלע מיט... היינט ווערט אַ מאַן געקרייציגט!
וואָס איז זיין זינד? איך ווייס ניט, וואָס זיין זינד איז...
מען זאָגט גאָר, אַז ער פֿלעגט נאָך גוטעס טהאָן...
גאַניץ גלייך... פֿערוואַרפֿט היינט דאָס געשעפֿטס-בוך,
דעם קאַפֿע און דעם צוקער שלאָגט פֿון קאָפּ אַרוים אייך, לייט,
די בירושע און די פֿרומקייט און די טאַבאַק-מוסטערן,
די סחורות אָנגע'גנב'עטע אין קראָמען,
ס'געבעט בוך און אייך אַלץ, וואָס ס'טראָגט אייך איין פּרנסה!
לאָזט אויף אַ ווילע ליגען האַנדעל און מאַראַל,
טהעאָלאָגיע... די אַלטע... נייע... און דעם גאַנצען שווינדעל!

נעהמט אייך אַרויס פֿון שראַנק דעם בעסטען אויבער־בגד,
דעם האַלז פֿערוויקעלט מיט׳ן זייבערסטען באַטיסט,
וואַרפֿט אָב דעם אַרבייטס-יאַך אויף היינט פֿון זיך,
און רייסט אָב די מיידלאַך, יונגע לייט פֿון שפּיעל...

*

קומט, קומט, קומט מיט, היינט ווערט אַ מאַן געקרייציגט!
אויף׳ן גאָלגאָטהאַ קען מען שעהנעם זעהן!
איך זאָג אייך, אַז ער האָט אַן אויסגעהאַלטענקייט...
ער וועט זיין קאָפּ ניט לאָזען פֿאַלען אַזוי גיך...
ער וועט, ביי גאָט, ניט שטאַרבען שטומערהייט ביים קרייץ!
פֿאַר אייערע קינדער איז אויך ווערטה די מיה,
צו הערען — און עס נאָכצופּלאַפּלען — וואָס ער זאָגט!
זאָגט צו אַ פֿריי און פֿרעהליך שפּיעל אין קרייציגען,
דאָס מונטערט אויף אין אונזער שלעכטער צייט!
כ׳זאָג אייך, ער האָט אַן אויסגעהאַלטענקייט, דער מאַן,
און ער וועט אונז ניט אָבנאַרען ווי יענער גנב,
וואָס האָט זיין קאָפּ געלאָזען פֿאַלען גלייך...
און ס׳איז זיין סוף געווען! דער מאַן האָט אויסגעהאַלטענקייט,
באַטש ער שיינט שוואַך געבויט. מען מערקט אויף איהם:
פֿיעל איז ער אויסגעשטאַנען און האָט קראַפֿט מעהר אויסשטעהן,
געליטען האָט ער פֿיעל און קען אַ לאַנגע צייט נאָך ליידען!
ער רעדט שוין... הערט איהר: „אלי עזבתני!"
ער רופֿט צו גאָט... ברומט קינדער נאָך איהם,
און רייצט איהם, זאָל ער רעדען מעהר נאָך אויף׳ן קרייץ,
און קראַצט מיט לאַנגע נעגעל זיינע וואונדען...
נאָך בעסער וואַרפֿט, ווי שמואל, איהם מיט שמוץ:
ס׳קען זיין, אַז ערגערניש פֿערטראָגט ער ווייניגער פֿון וועהטאָג!
האָפּ, האָפּ... די קינדער אין דער הויך! זיי זאָלען זעהן
און הערען אַלץ, וואָס דער געקרייציגטער וועט רעדען,
זיי זאָלען וויסען גוט דעם שפּיעל פֿון קרייציגען...
קומט אַלע מיט! הורראַ דיר, גאָלגאָטהאַ!
הורראַ, הורראַ דיר, גאָלגאָטהאַ!

*

קומט, קומט, קומט מיט, היינט ווערט אַ מאַן געקרייציגט!
רופֿט ראובן׳ן, און נתן בן דוד...
קלאַאַ, יעקב, נפתלי, אַלבערטוס, אליעזר...
די פֿרויען, מענער, וואָס פֿאַרהאַן אין שכנות,
די קרובים, פֿעטערס, מוהמעס, ברידער — אַלע!...
קאָנסערוואַטיווען, ליבעראַלען, בירזשע־לייט,
פריידינגער, שופטים פֿון געריכט און סוחרים,
און „פֿריי־אַרבייטער" און פֿריינד און פֿיינד פֿון דער רעגירונג,
די דעפּוטאַטען פֿון פּאַרלאַמענט אין האַאַג,
און יעדערער, וואָס רוהט זיך אויס נאָך אַ ניט־געלונגענעם קריעג,
און וואָס געפֿינט קיין צייט צו טהאָן די פֿליכטען,
און דאָך געפֿינט ער צייט פֿאַר דומע שפּיעלערייען,
רופֿט משה׳ן און ישכר׳ן, דעם גאַנצען ווילעמספּאַרק,*)
און פּעטער, פּאול, און יעדען מיט אַ נאָמען,
געטויפֿטע ווי גע׳מל׳טע — רופֿט זיי אַלע!
רופֿט אַלע די, וואָס דאַנקען גאָט פֿאַר זייער טוגענד,
רופֿט אַלע די, וואָס קלאָגען: „ערבאַרם מיך, גאָט!"
רופֿט אַלע גאָט׳ס געשטראָפֿטע און געבענטשטע,
און אַלע די, וואָס קענען לויפֿען, זעהן און הערען,
די יעזואיטען — פּראָטעסטאַנטיש סיי קאַטוילישׁ, —
און אַלע לאָזשען־ברידער, וואָס האָבען שעהנע ווערטער
פֿון גוטס און בייז, דאָך וויכען אויס דעם קאַמפּף מיט בייז!
די אַלע, וועלכע רופֿען אָן זיך קינדער פֿון דער מוטער,
און ווילען דאָך איהר זוהן׳ס קרייץ קיינמאָל טראָגען!
רופֿט אַלע די, וואָס שאַכערן און בעטען אין דעם טעמפּעל,
און די, וואָס זיצען אויף דער ערד אין די מעטשעטען!
און יעדען דעם, וואָס לויערט איהם מיט שאַרפֿע בליקען,
ער זאָל בגנבה קענען עפּעס פּאַקען
פֿון׳ם געלד, וואָס קייקעלט זיך צווישען עולם —
און נאָכדעם פֿון מאָראַל, פּרינציפּען רעדען!
רופֿט די, וואָס זיינען פֿעט פֿון שפּייז גע׳גנב׳עט,
רופֿט אַלע די, וואָס זיינען שטאָלץ מיט זייער לינזען־בכורה,

---

*) אַ קוואַרטאַל אין האַאַג, וואָס איז הויפּטזעכליך בעוואוינט פֿון רייכע סוחרים און בעאַמטע, וועלכע האָבען געמאַכט זייער פֿערמעגען אין די קאָלאָניען.

רופֿט אַלע די, וואָס נאָגען אינסולינד'שע ביינער,
און אַלע די, וואָס זויגען אינסולינד'שע קוה,
די אַלע, וואָס הייגגען צווישען איהרע פֿערוואונדעטע אַיטער,
רופֿט אַלע די געשוואָלענע פֿון אָבגעזויגען בלוט!
קומט אַלע מיט... יוכבד מיט דער קליינער...
(האַלט אין דער הויך דאָס שעפֿעלע, יוכבד!)
רופֿט יאַנסאָן, פּעטערסאָן, בן לוי, בן דוד!
בן... דעם, בן... יענעם, און בן... יעדען!
רופֿט אויך שמואל...
דעם ערשטען שמואל, און אויך יודאַ יודאַזאָהן!

*

קומט אַלע מיט, קומט מיט צו דעם גאַלגאָטהאַ!
וואָהרהאַפֿטיג... היינט גראָד קען מען שעהנעס זעהן!
קומט אַלע מיט, היינט ווערט אַ מאַן געקרייציגט!
קומט, קומט, קומט מיט... הורראַ דיר, גאַלגאָטהאַ!
הורראַ, הורראַ דיר, גאַלגאָטהאַ!*)

איך בין מיעד, ליעבע טינע.

פֿון טינע'ן צו פּענסי'ן:

פּענסי... אום גאָטעס ווילען... פּענסי!

צו טינע'ן.

ליעבע טינע! דאָס, וואָס איך האָב דיר אַזוי לאַנג ניט געשריבען, נעהמט זיך דערפֿון, וואָס איך האָב דיר גאָרנישט געקענט שיקען. מיר איז ניט גוט, און איך האָב אַ מאָרגעס געפֿיהל פֿון פּוסטקייט, אַזוי ווי איך

---

*) איבערזעצט פֿון י. ב.

וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און דאָך קען איך ניט כאַפּען, וואָס דאָס איז אַזוינס! קענסט דו מיר העלפען? אויך האָב איך נאָך אַלץ אין האַרצען דאָס דאָזיגע געפיהל פון שמערץ. וואָס קען עס פאָרט זיין? אַן אויסברייטונג פון׳ם האַרצען? ניין, דאָס קען ניט זיין. היינט צו טאָג ליידט יעדער איינער דערפון, און איך וועל דאָך ניט קריגען סתם אַזוי אַ קראַנקהייט ווי אַבי-ווער!

דער מיניסטער ענטפערט ניט. איך מיין, זיי דאַרפען מיך ניט. עס ווייזט אויס, אַז דערצו מוז מען פריהער זיין אַן אַדוואָקאַט אָדער אַ סעקרעטאַר. איך וועל וואַרטען נאָך דריי טעג אויף ענטפער פון׳ם מיניסטער און דאַן... יאָ, דאַן וויים איך ווירקליך ניט, וואָס איך זאָל טהאָן! איך וויים גאָרנישט, כ׳בעגרייף גאָרנישט! וואָס איז אונז פאָרט געשעהן, וואָס מיר ליידען אַזעלכע צרות? הער אויס, טהייערע... אויב דו האָסט ווירקליך נאָר קיין אַנדער עצה ניט, דאַן מאַך אַ סוף און קום אַריבער קיין האַאַג... און ווען דו זאָלסט אפילו דאַרפען געהן צופוס און בעטלען. יעדער וועט דיר געוויס געבען וואָס עס איז, ווען דו וועסט זאָגען, אַז דאָס איז, כדי צו שטאַרבען דאָרט מיט די קינדער. איך וואָלט זעהר וועלען, מיר זאָלען דאָרט שטאַרבען. אָבער צוזאַמען, ליעבע טינע! איך האָב אַבסאָלוט מעהר קיין מוטה ניט צו לעבען און צו האַנדלען! נאָר מוטה אונטערצוגעהן און צו שטאַרבען, דאָס יאָ. איך בין מיעד. קענסט איהר נאָך אויסהאַלטען דריי טעג?

ניטאָ נאָך קיין ענטפער פון דעם מיניסטער...

פון מינע׳ן צו פענסי׳ן.

פענסי!!

צו מינע׳ן.

אָה גאָט, ווי מאָדנע דאָס איז... מיר חלום׳ט זיך אַלץ אָט דער חלום, אָט קייקעלט זיך מיר עפּעס פאַר די אויגען... אַ מיידעל, אַ שאָטען, אַ גייסט... איך וויל איהר אַנטקעגען געהן, אומזיסט... זי וויכט פון

מיר און שוועבט אַרויף... און לייזט זיך אויף אין גאָרנישט! מיין האַרץ איז אַזוי וויסט, אַזוי פוסט. אָה, גאָט!

איך בין טויט־מיעד.

פון טינע׳ן צו פענסי׳ן.

פענסי!!!

פון פענסי׳ן צ טינע׳ן.

איך שוועב לעבען דעם גרויסען און פייערדיגען שטערן אַלדעבאַראַן, וואו מען שרייבט ניט קיין בריעף צו וועהלער און מיניסטאָרען; וואויל צו דעם, וואָס פערשטעהט! איך בין פון אַ צו גוטער פאַמיליע, צו קענען וואוינען צוזאַמען מיט יעדען איינעם. אַז ער וועט זיך בעסערן, וועל איך קומען צוריק. דערוויייל וועל איך העלפען מיט דעם, וואָס איך וועל איהם צושיקען אימיצען. האָב נור קיין מורא ניט... וואַרט ביז צו דער נייער לבנה!

צו טינע׳ן.

ליעבע טינע! איך האָב נעכטען געהאַט אַ פרעהליכען אָבענד, און איך פיהל זיך אַסך בעסער. מיט אַ דריי טעג צוריק בין איך אַזוי געזעסען מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ — האָב איך דיר געשריבען, אַז איך פיהל אַ מין האַרצווייטאָג? — כ׳בין אַלזאָ געזעסען אַ פעראומערטער, מיט אַמאָל הער איך, ווי אַ קינסטלער רעדט צו מיר. אָה, ווען עס וואָלטען געווען נור קינסטלער, אָבער יעדער רעדט צו מיר, און דאָס איז זעהר לאַנגווייליג. דו ווייסט, אַז איך האָב אַ הייליגען רעספּעקט פאַר „יעדערמאַן". „מיין הערר, זייט איהר מאַקס האַוועלאַאַר?" דאָס קריכט מיר שוין פון האַלז! ליעבע טינע, אַזוי גיך ווי מיר וועלען האָבען געלד צום אַריבערציהען, וואָלט איך וועלען, מיר זאָלען אַנטלויפען אויף אַן איינזאַמען אינזעל, קיין מאַרקען אָדער אורק. געפעלט עס דיר?

ס'איז דאָך אַ מערקווירדיגע זאַך, ווי אַזוי יעדער איינער קימערט זיך וועגען מיינע אַנגעלעגענהייטען, אָבער קיינער ריהרט ניט מיט קיין האַנד, אום מיר צו פֿערשאַפֿען רעכט. דערביי קומט מיר עפּעס אַרויף אויף'ן זינען וועגען עפּענטליכע היגריכטונגען. איך מיין דאָס אָנקוקען. אין די אורטהיילען שטעהט: „דער מאַן זאָל הייגען"... גוט! ניין, אייגענטליך נ י ט גוט... מען וואָלט קיינמאָל ניט געדאַרפֿט אויפֿהייגען וועמען עס איז. נאָר, ווי עס זאָל ניט זיין, עס שטעהט נ י ט אין די אורטהיילען: דער דאָזיגער מאַן זאָל, איידער מען הייגט איהם, בעקוקט ווערן פֿון דעם פּובליקום. איך וועל אַרויסטרעטען ג ע ג ע ן ד ע ם, אַזוי גיך ווי איך וועל זיין אַ מיטגליעד פֿון דער קאַמער אין האַאַג. באַלד וועל איך ענדיגען מיין בריעף צו די וועהלער. איך פֿיהל זיך אַביסעל בעסער.

אַט דער מאַן האָט זיך געווענדעט צו מיר און פֿאַרגעשלאָגען, מיר זאָלען געהן הערען די איטאַליענישע דראַמאַטיסטין ר י ס ט אָ ר י.

כ'האָב נאַטירליך געזאָגט, אַז איך האָב קיין געלד ניט. אַזוי ווי ער איז אַליין ניט קיין רייכער מאַן, האָט ער זיך אָנגעבאָטען צו בעצאָהלען פֿאַר מיין פּלאַץ, און איך בין איינגעגאַנגען דערויף. נעכטען אָבענד איז ער געקומען נאָך מיר. זיין מיידעל איז אויך מיטגעגאַנגען... און דאָרט זיינען מיר אַלע געזעסען!

די ריסטאָרי האָט געשפּיעלט וואונדער שעהן אין אַן עקעלהאַפֿטען שטיק, וואָס האָט נאַטירליך ג ע מ ו ז ט זיין עקעלהאַפֿט, וואָרים עס איז געווען געמאַכט פֿאַר איהר, ווי די בייַשריפֿט צו אַ בילד. דאָס שטיק איז א ו נ ו ו א ה ר, דער גרעסטער פֿעהלער, וועלכען איך קען... יאָ, דער א י י נ צ י ג ע ר פֿעהלער אין אַלצדינג! דו ווייסט, אַז איך נעהם זיך דאָ ניט אָן פֿאַר אַ פֿלאַכען רעאַליזם. זאָלען אַנדערע דיינקען אַזוי. איך האָב קיין לוסט ניט, דאָ צו געבען אַן אָבהאַנדלונג איבער „וואַהרהייט אין פּאָעזיע און קונסט". לייען עס אַקאָרשט דורך — עס ליגט לעבען דעם ראָמאַן אין קופֿערט, ביי פֿענסי'ן — נאָר דו ווייסט דאָך דאָס אַלעס גאַנץ גוט, עס ניט לעזענדיג.

נאָר מערקווירדיג, די גאַנצע ריסטאָרי מיט איהר גלאַנץ-נומער האָט מיך ניט אַזוי פֿיעל אינטערעסירט ווי די כלה פֿון דעם דאָזיגען קינסטלער. זי האָט געהאַט עטוואָס אין זיך, וואָס האָט מיך בעזונדערס צוגעצויגען — איך מיין, אַז זי האָט געליטען — און דערצו נאָך האָט זי זיך זעהר האַרצליך נאָכגעפֿרעגט אויף ד י ר. דאָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפֿעלען, אַז איך האָב איהר די גאַנצע צייט געשיינקט מיין אויפֿמערקזאַמקייט. זי קען דיך פֿון דעם בוך איבער'ן קאַפֿע און זאָגט, אַז זי האָפֿט צו זיין פֿאַר

איהר מאַן דאָס, וואָס דו ביסט פֿאַר מיר. איך ווינש דאָס ניט, ווייל דערצו איז נייטיג אַסך עלענד און נויט, פֿון וואָס איך וואָלט ליעבערשט װעלען זי זאָל געשוינט ווערן, נאָר דאָך האָט זי געמאַכט אויף מיר דעם איינ־דרוק, אַז זי ווערט ווירקליך בייםטעהן איהר מאַן אין אַלע נויטען. דערצו האָט זי געהאַט אין זיך עטוואָס פֿריעדליכעס, רוהיגעס, וואָס האָט מיך אויך רוהיגער געמאַכט. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן שאול׳ן און אָן דוד׳ס האַרף. נאָר... שאול איז דאָך ניט געווען ביים זינען. און איך? געווים וואָלט מוזיק אויך מיר גוט געטהאָן... אָבער ניט קיין אָרקעסטער! א שאָד, וואָס מוזיק איז אַזוי טייער. געהסט דו אָפֿט אין פּאַרק? דאָ ווערט נור געשפּיעלט פֿאַר געלד... ווי עס פֿיהרט זיך דאָ מיט אַלצדינג.

איך וואָלט שטאַרק חשק געהאַט, צו שפּיעלען אַ ליעבע מיט׳ן מיי־דעל, ווייל איך פֿיהל זיך אַזוי פּוסט, אָבער דער קינסטלער ווערט ניט זיין איינפֿערשטאַנען דערמיט, און זי אַליין אויך ניט, דיינק איך. כ׳האָב פֿון איהר קיין בעזונדערעס ניט געהערט, נאָר איך האָב געפֿיהלט, אַז זי האָט האַרץ אין זיך, וואָס מען געפֿינט אַזוי זעלטען, און דאָס האָט מיר גוט געטהאָן. זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל דיך גריסען און דיר זאָגען, אַז דו ביסט אַזוי ליעב און זי דאָך גאַנץ גערעכט.

איך קריג אָהן אויפֿהער אַלערליי בריעף. איך קען זיי דיר ניט שיקען אַלע — ס׳איז צו טייער — אָבער עס ווערט אַ קוריאָזע זאַמלונג. פֿע־טערס און מוהמעס, וועלכע זידלען מיך אויס... שטיפֿמאַמעס: דאָסזעלבע... מאַמעס: דאָסזעלבע! ערגעץ־וואו מוז זיין אַ פֿערלעגער, וואָס האָט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, אַז איך שרייב „ליעבעס־בריעף" און איך וויל זיי ביי איהם אַרויסגעבען. איך וועל איהם פֿערשרייבען אַביסעל מוזיק. נאָר זינט אַ פּאָר טעג האָט זיך געמאַכט אַ נייע אָבוועקסלונג אין דער פֿאַמיליע פֿון די רעטועלהאַפֿטע בריעף. עס זעהט אויס, אַז מוסיע פּובלי־קום פֿערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין שטיין־רייך, און יעדער פֿער־לאַנגט — אָך, דו ווערסט עס ניט טרעפֿען — יעדער פֿערלאַנגט... געלד פֿון מיר!

געלד... ניין, ניין, דו בעגרייפֿסט עס ניט! ס׳איז ניט געלד, וואָס איך בין שולדיג, אָה ניין: און־שולדיג געלד וויל מען! מען בעט ביי מיר געלד ווי דעמאָלט, ווען איך...

אָה גאָט, אָה גאָט, טינע, וואו איז די צייט, ווען יעדער האָט ביי אונז געבעטען הילף, און ווען מיר האָבען יעדען געהאָלפֿען! אָה, דאָס איז שרעקליך! דאָס וואָלט איך געמווט קענען פֿערגעסען! קענסט דו עס זיך נאָך פֿאָרשטעלען? קלינגט עס ניט ווי אַ חלום? ווי רייך איז יעדער

געווען, ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אַזוי אָרים! דער פֿערלוסט פֿון אַ ט ד ע ם רייכטהום דריקט מיך נאָך שווערער איידער דאָס אויסקומען אָהן מוזיק!

אַלערליי בריעף, וואו עס ווערט פֿערלאַנגט געלד! אַן אָרעמע קינ־פעטאָרין... אַ פֿעראונגליקטע שיף מיט איבערגעבליבענע שוואַנגערע פֿרויען — אַ שרפה... אַ דראָהענדער באַנקראָט... לוסט און פֿעהיגקייט אַנצופֿאַנגען אַ קאַרטאָפֿעל־געשעפֿט... דער טויט פֿון אַ „ברויט־געבער" — אַזוי רופֿען זיי דאָ אַ פֿערהייראַטען מאַן און פֿאָטער, טינע! — הינקעדיגע מאַלער־יונגען, וואָס זיינען אַראָבגעפֿאַלען פֿון אַ בוי־געשטעל... דאָס קומט דערפֿון... וואָס טהוען זיי דערויף!

איך מוז ווירדער אַנטלויפֿען פֿון מיין צימער; איך ווער אַרויסגעמאָלט! געוויס ווערסט דו עס הערען קראַצען אין דער פֿאָרטזעצונג פֿון מיין בריעף צו די וועהלער. קען איך עפּעס העלפֿען דערצו?

אַלערליי בריעף, יאָ... אויסער פֿון'ם מיניסטער, וועלכער שרייבט ניט.

אַלערליי בריעף נאָך הילף! און ווייסט דו, וואָס זיי זאָגען? „אַך, אויב איהר האָט ניט קיין געלד, דאַן שרייבט עפּעס אָן... זעצט זיך איינפֿאַך ביי אייער שרייב טיש"...

אַקוראַט ווי איך וואָלט געהאַט אַ שרייב־טיש, טינע! אָה, ווי גרוי־זאַם דאָס איז!

ווי זאָל איך דאָס אָנרופֿען פֿון'ם מוסיע פובליקום? איז דאָס איראָ־ניע, איז דאָס סאַרקאַזם, איז דאָס שפּאָט, אָדער איז דאָס... דום־הייט? דאָס לעצטע וואָלט זיך מיר געוואָלט גלויבען, אָבער איך קען עס ניט אַריינפּאַסען מיט דער אַרט און וויזע, ווי אַזוי דער מוסיע בעזאָרגט זיינע אייגענע געשעפֿטען. דעריין איז ער גאָר ניט אַזוי דום!

איך זאָל שרייבען פֿאַר אַ קאַרטאָפֿעל־האַנדעל, אָדער פֿאַר פֿעראונ־גליקטע שיפֿען... איך? מיין גאָט, זיינען מיר דען אַליין ניט פֿעראונ־גליקט... זיינען מיר דען אַליין ניט אין אַ פֿערלעגענהייט וועגען קרעדיט פֿאַר אַ פּאָר קאַרטאָפֿעל? מיר קריכט עס גאָר אין קאָפּ ניט!

און, הער אַקאָרשט, ווען איך וואָלט עס געטהאָן, ווען איך וואָלט געשריבען פֿאַר געלד, כדי ווי עס איז צו לינדערן די נויט פֿון אַנדערע, דאַן וואָלט נאָך דערזעלבער מוסיע פובליקום אַרומטאַנצען אַרום דעם, וואָס איך שרייב. ער וואָלט זיך פֿערמאָסטען אַרויסצוגעבען אַן אורטהייל, אַזוי זיכער ווי וואָס!

און נאָך ערגער דערפֿון — יאָ, דאָס איז דאָס ערגסטע! — ער

וואָלט מיר נאָכגעשריבען! אָט דער געדאַנק דריקט מיר כמעט אָב דעם גאָרגעל. געדיינקסט דו דעם מאַן אין מענאַדאָ, וועלכער פֿלעגט אימער דעם צעהנטען פֿון מאָנאַט אַרויסקומען מיט אַן אידעע, וואָס איך האָב דעם נייַנטען אַרויסגעגעבען פֿון מיר? אַזאַ מאַן וואָלט אימשטאַנד געווען, מיך אָבצורייסען פֿון מיינע אידעען! ווי נאַריש האָבען זיי דאָס אויסגעזעהן, ווען זיי זיינען געווען אָנגעטהאָן אין זיין קלייד! און, טינע, דאָס וואָלט מוסיע פּובליקום אויך געטהאָן, ווען איך וואָלט געשריבען. גלייך וואָלסט דו איבעראַל געזעהן גראָבקייט אָנשטאָט אָפֿענהאַרציגקייט, פלאַטשיגקייט אָנשטאָט איינפֿאַכקייט, באָמבאַסטישע פֿראַזען אָנשטאָט פּאָעזיע, ברוטאַליטעט אָנשטאָט אויפֿריכטיגקייט, משוגעת אָנשטאָט פֿאַנטאַזיע, נאַקעטקייט אָנשטאָט „נעגליזשע״, קינצלעריי אָנשטאָט קונסט, קונסט אָנשטאָט נאַטור, און אַזוי ביז דער אונענדליכקייט.

גוט שרייבען קען מוסיע פּובליקום קיינמאָל ניט, ווייל ער האָט קיין נשמה ניט, און האָט ניט געליטען, וואָס איז איינס און דאָסזעלבע. אויך פֿעהלט איהם די איינבילדונג... וואַהרהאַפֿטיג, איינגעבילדעט איז ער ניט! ער האָט צו שטאַרק מורא, מען זאָל איהם ניט נעהמען ביים וואָרט, ווען ער וועט אָנגעבען, אַז ער קען, ווייסט אָדער וויל עפּעס. Orgueil oblige! שטאָלץ פֿערפֿליכטעט! ער שרייבט קיינמאָל ניט אונטער אַ וועקסעל פֿון׳ם שטאָלץ, וואָרים ער האָט מורא פֿאַר דעם טערמין-טאָג.

יאָ, ער וואָלט מיר נאָכגעשריבען! אַ שפּאַס, וואָס וואָלט משוגע געמאַכט אַלע שוהל-לעהרער און וואָלט אונזער גוטען רעכטס-שרייבער זיענבעעק ניט געלאָזט איינרוהען אין קבר! באַלד וואָלט מען געמאַכט „שילד-וואַך״ מענליך, „וויב״ און „מיידעל״ וויבליך, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס איך טהו, ווען עס פּאַסט זיך מיר צום רומעל...

יאָ, זיי וואָלטען אָט דעם גאַנצען מענליכען און ווייבליכען מיש-מאַש, וואָס האָט קיין צוועק ניט, אַוועקגעוואָרפֿען אָן אַ זייט— ווי איך טהו עס כסדר — כדי צו הערען: ווי מען רעדט גוט, אָנשטאָט צו זעהן: ווי מען שרייבט גוט, און דאָס וואָלט מיך ניט אָנגעהויבען אַרען, ווען מיר וואָלטען דאַן ווידער ניט איבערגעגעבען געוואָרען צו אויערן... אָה ניין, איך שטים פֿאָרט פֿאַר אונזער אויסגעצייכענטען זיענענבעעק!

האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז איך בעשעפֿטיג זיך ווידער מיט סאַנסקריט? ס׳איז זעהר אינטערעסאַנט צו זעהן, ווי אַזוי מיר זיינען געקומען צו אונזער שפּראַך. אַזאַ סטודיום, וואָס צושטרייט מיך אַביסעל, פֿערשאַפֿט מיר אַ ווירקליכע פֿרייד, און איך נייטיג זיך דעריין, וואָרים איך בין מיעד.

אויסערדעם, אַזוי גיך ווי איך וועל וויסען אַביסעל מעהר דערפֿון, וועל איך זיך ערנסט נעהמען צו אונזער האָלענדיש. ס'איז אַ פֿערדרוס צו זעהן, ווי די מענשען פֿערדאַרבען אַלעס! גאָטעס-פֿערעהרונג — די ווירקליכע דאָס מאָל — ווערט טהעאָלאָגיע. דאָס רעכט ווערט „די רעכטע". און די שפּראַך ווערט איינגעשנורעוועט אין וויקעלאַך צום פֿערגנינגען פֿון די שוהל-לעהרער. איך וועל מאַכען אַ סוף דערצו, ווי צו נאָך אַנדערע זאַכען, וועלכע פֿערשאַפֿען מיר פֿערדרוס. אַט די זאַכען קענען דאָך ניט זיין שטאַנדהאַפֿטיגער ווי בבל און דער קאָרסעט פֿון מאַדאַם לאַנואַ!

אַצונד קעהר איך זיך אום צוריק צו מיין בריעף צו די וועהלער:

וועהלער! איך האָב זיך בעמיהט, אייך צו דערמאָנען, וואָס פֿאַר אַ ווערטהע איהר דאַרפֿט אין אייער אייגענעם אינטערעס לייגען אויף די אינדישע קאָלאָניעס. איך וואָלט ליעבערשט גערעדט צו אייך אין נאָמען פֿון מענשליכקייט און גערעכטיגקייט, נאָר אַזוי ווי איהר זייט דאָס רוב מענשען פֿון „געשעפֿטען", האָב איך שטאַרק מורא, אַז איהר וועט מיך בעטראַכטען פֿאַר אַן אידעאָלאָג, פֿאַר אַן אונפּראַקטישען מענשען, פֿאַר אַ מענשען, וואָס האָט קיין אַהנונג ניט, „וואָס נייטיג איז".

אויך האָב איך אייך אָנגעוויזען אויף די נויטווענדיגקייט, אַז איהר זאָלט דאָרט האָבען פֿריינד, אָדער וויניגסטענס, אַז די שוואַרצע זאָלען ניט זיין דורכאויס פֿיינדליך צו אייך, אי דאָס כדי צו פֿערהיטען, אַז זיי זאָלען זיך אליין פֿון זייער אייגענעם אָנטריב ניט אָבזאָגען, וויטער צו פּראָדוצירען קאַפֿע און צוקער פֿאַר אייך, אָדער זיי זאָלען זיך ניט פֿעראייניגען מיט אַנדערע, וועלכע וואָלטען זעהר גערן וועלען אַט דעם קאַפֿע און צוקער האָבען געפּלאַנצט פֿאַר זיך אליין. איך קען אייך פֿערזיכערן, אַז ניט אין ענגלאַנד און ניט אין פֿראַנקרייך וועט זיך ניט געפֿינען קיינער, וואָס זאָל זיין דאַגעגען, אַז די טראַנספּאָרטען, וועלכע געהען איצט קיין אַמסטערדאַם און ראָטערדאַם, זאָלען אַרויסגעשיקט ווערן אין די פּאָרטען פֿון די דאָזיגע לענדער.

איך וואָלט אַלזאָ מיט אייך צוזאַמען זיך געוואָלט מישב זיין, צי די אַרט און וויזע, ווי אַזוי אַט די אָריענטאַלען ווערן רעגירט פֿון אייערע בעאַמטע, איז אימשטאַנד אַרויסצורופֿען און אויפֿהאַלטען די פֿריינדשאַפֿטליכקייט, אין וועלכער איהר נייטיגט זיך, כדי צו קענען האָבען די דעה אין אַט די געגענדען, אום דערנאָך — אין פֿאַל עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז דאָס דאָזיגע ציעל ווערט ניט דערגרייכט — אַריבערצוגעהן צו דער בעטראַכטונג פֿון די מיטלען, וועלכע איהר האָט, אום צו פֿערבעסערן די

לאגע, מיט וועלכער איהר זייט ניט צופריעדען. אָבער... דאָ שטויס איך זיך שוין ווידער אָן אויף די איינפאַכקייט פון מיין אויפגאַבע.

דער יאַוואַנער ווערט מיסהאַנדעלט! איך וואָלט געוואונשען, אַז מען זאָל דאָס ווידערשפּרעכען, אָדער אויך, אַז עס זאָל זיין ניט וואהר. אָבער אַזוי איז עס: אין לעצטען פאַל, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי, וואָלט איך גיכער ווי איצט געהאַט די מעגליכקייט, אייך צו איבערצייגען, וואָרים איך ווייס פון ערפאַהרונג, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי זעלטען זוי דאָס אומקוקען זיך אויף בעקאַנטע זאַכען. עס געהט דערמיט ווי מיט דער קריסטליכער ליעבע. יעדער איינער קען דעם פסוק: „ואהבת לרעך כמוך", ליעב דיין נעכסטען א. אַ. וו., אָבער גראַד דערפאַר טאַקע וואָס אַט די פאָרשריפט איז געוואָרען אַזוי באַנאַל, אַזוי אַלטעגליך, קוקט עס אויס צו זיין שווער זי נאָכצוקומען, און מען וואָלט יעדען „נעכסטען", וואָס וואָלט זיך מיט פולער ערנסטקייט פעררופען אויף דעם דאָזיגען אויסשפּרוך געהאַלטען פאַר אַ נאַר. מחמת דעם האָב איך אויך מורא, אַז איהר וועט מיר ניט גלויבען — אָדער ווייניגסטענס, אַז איהר וועט ניט האַנדלען לויט דעם דאָזיגען גלויבען — ווען איך זאָג אייך דאָס, וואָס יעדער איינ׳ער ניט צו: אַז דער יאַוואַנער ווערט מיסהאַנדעלט.

איך וויל פונדעסטוועגען ניט, עס זאָל אויסזעהן, אַזוי ווי איך וואָלט מיט אַ כיוון אַוועקגעשטעלט אַט די וואהרהייט אַלס אַן אָנערקענטע זאַך, כדי זיך אויסצודרעהען פון אַ בעוויייז, און דערום וועל איך אייך דערפון געבען אַ פּאָר בעווייזע, הגם ס׳איז פאַר מיר גאָר ניט קיין מחיה׳דיגע אַרבייט. וואָרים, וועהלער, מיר וואָלטען געמוזט זיין ווייטער!

ווייניגסטענס נאָך די אַלע ערקלעהרונגען, מיט וועלכע איהר האָט זיך געקענט אָנהערען, ערקלעהרונגען וועגען די אַרט און וויזע ווי מען וואָלט געמוזט פערבעסערן דעם צושטאַנד פון דער האָלענדישער פערוואַלטונג אין אינדיען, איז עס דאָך איינגערמאַסען לאַנגווייליג, איצט נאָך ברייטער צו ערקלעהרען: אַז דער דאָזיגער פערבעסערטער צושטאַנד איז נייטיג. ערלויבט מיר, איך זאָל אייך דאָ ניט פאָרלייגען אַלע בעווייזע. איך שרייב אַ בריעף, און ניט קיין ביכער.

ערשטער בעוויז, אז דער יאוואנער ווערט מיסהאנדעלט.

ווען איך האָב געפֿיהרט די מאַגיסטראַטור אין אַמבאַינאַ און אומגע־גענד, האָב איך גאָר גיך בעמערקט, אַז איך האָב געהאַט צו טהאָן מיט אַ בעפֿעלקערונג, וועלכע איז געווען גאַנץ שטרייט־לוסטיג — הגם זי האָט אין אַנדערע בעציהונגען געהאַט זעהר גוטע אייגענשאַפֿטען. יאָ, עס האָט זיך מיר זאָגאַר אַרויסגעציינט, אַז פֿיעל פֿון די דאָזיגע מענשען פֿלעגען אָנ־פֿאַנגען אַ שטרייט, נור אום צו קענען שטרייטען, און אַז אין ווייטע, פֿערוואָרפֿענע דערפֿער פֿלעגען זיי עס בעטראַכטען פֿאַר אַ כבוד, ווען זיי האָבען געקענט דערצעהלען, אַז זיי „זיינען געווען מיט אַ שטרייט־פֿראַגע פֿאַר דעם ריכטער.‟ די אורזאַכען פֿון די דאָזיגע קריגערייען זיינען מייס־טענס געווען זעהר נישטיג, האָבען קיין בעדייטונג ניט געהאַט, און עס וואָלט אייך זעהר אַמוזירט, ווען איך וואָלט מיר גענומען די צייט אייך צו ברייגנען אַ פּאָר פּראָבעס דערפֿון. נאָר צו אַמוזירען איז ניט מיין צוועק. שימפּפֿען האָט געוועהנליך געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין די פּאָליציי־פּראָצעסען פֿון די אַמבאָינעזער. אַנדערש פֿערשטעהען זיי זיך ניט איינע די אַנדערע. זיי זיינען קריסטען, און שעלטען זיך מייסטענס אויף האָלענ־דיש, פּונקט אַזוי ווי די יאַוואַנער אין די הויפּט־פּלעצער, וואָס ווי ווייניג זיי זיינען נאָך בעשטראָהלט פֿון דעם ליכט פֿון עוואַנגעליום, זיינען זיי דאָך מעהר געקומען אין בעריהרונג מיט אייער׳ע לאַנדס און גלויבענס גענאָסען, איידער די דומע בעוואוינער פֿון בינענלאַנד.

ווי עס זאָל ניט זיין, די האַלב־וועכענטליכע פּאָליציי־זיצונג איז שטענדיג געווען דריי פֿערטעל אַנגעפֿילט מיט „ה ה אַ ל מ אַ ק ק י־מ אַ ק ק י‟, דאָס הייסט שימפּפֿאַכען.

— מיין הערר, יוסף האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ ה ו נ ד.

מיט דערזועלבער געדולד, מיט וועלכער איהר, וועהלער, מוזט דורכ־לעזען מיין בריעף, האָב איך אויסגעהערט די צוועלף אָדער צוואַנציג עדות, וועלכע האָבען ווירקליך געהערט, ווי יוסף האָט געזאָגט, אַז אברהם — אָדער יחזקאל — איז אַ הונד. די אַמבאָינעזער קריסטען טראָגען מייסטענס ביבלישע נעמען.

— נו, יוסף, האָסט דו געזאָגט, אַז אברהם — אָדער יחזקאל — איז אַ הונד?

— יאָ, מיין הערר ריכטער. אָבער אברהם — אָדער יחזקאל — האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ ח ז י ר.

און דאַן האָב איך ווידער מיט דערזעלבער געדולד אויסגעהערט ד־

ערות, וועלכע האָבען אויף זייער געוויסען ערקלעהרט, אַז זיי האָבען גע־הערט, ווי אברהם — אָדער יחזקאל — האָט גערופֿען יוסף'ן חזיר.

מיין אורטייל? גאַנץ איינפֿאַך:

— איהר האָטביידע פֿאָלקאָם רעכט, אָה יוסף און אברהם — אָדער יחזקאל — איצט קענט איהר גאַנץ רוהיג און פֿרעהליך געהן אַהיים.

און דאַן פֿלעגען זיי געוועהנליך פֿאָדערן אַ שריפֿטליכע ערקלעהרונג, אַ צייגניס, כדי ביי זיך אין דאָרף צו קענען ווייזען, אַז זיי זיינען „געווען ביים ריכטער" און אַז זיי זיינען ביידע גערעכט.

זעהט אַלזאָ דאָ מיין צייגניס, אָה, איהר „פֿריי־אַרבייטער" און אָנהייג־נער פֿון דעם „קולטור־סיסטעם"... איהר האָט ביידע פֿאָלקאָם רעכט! געהט אַלזאָ רוהיג און פֿרעהליך אַהיים ווי יוסף און אברהם... אָדער יחזקאל.

צווייטער בעווייז, אַז דער יאַוואַנער ווערט מיסהאַנדעלט.

די אַרבייט פֿון'ם יאַוואַנער וואָלט מען געקענט איינטהיילען, בנוגע צו דער עיקר זאַך, אין פֿאָלגענדע קלאַסען:

1) אַרבייט אַלס הערהען־דיענסט צום נוצען פֿון די איינגענטהי־מער פֿון פּריוואַטע שטיקער לאַנד.

2) אַרבייט אַלס הערהען־דיענסט צום נוצען פֿון אינלענדישע עלצטע און צום נוצען פֿון בעאַמטע.

3) אַרבייט צום נוצען פֿון „קאָנטראַקטערס", דאָס הייסט, פֿון אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע זיינען בעשאָנקען פֿון דער עדעלמוטהי־גער רעגירונג מיט'ן רעכט, צו בעל הבית'עווען איבער אַזויפֿיעל און אַזויפֿיעל שטיקער לאַנד מיט דער אַרבייטס־קראַפֿט פֿון אַזוי־פֿיעל און אַזויפֿיעל אַרומליגענדע דערפֿער.

4) אַרבייט צום נוצען פֿון פּריוואַט־לייט, וועלכע דאַרפֿען זיך פֿערלאָזען אויף זייערע אייגענע מיטלען און אָהן שוץ פֿון דער רעגירונג דורכקומען מיט דעם אינלענדער. דאָס איז די בעריהמטע „פֿרייע אַרבייט".

5) אַרבייט צום נוצען פֿון דער רעגירונג: „קולטור־סיסטעם".

6) אַרבייט צו דעם יאַוואַנער׳ס אייגענעם נוצען. דערצו פֿעהלט מייסטענס די צייט, און דאַן קומט די הונגערס־נויט.

אַט די אַלע סאָרטען אַרבייט גיבען פּראָפֿיט, נאָר בלויז די לעצטע קלאַסען פֿון טהעטיגקייט וואָלט דעם יאַוואַנער גופא צוניץ געקומען. די פֿינף ערשט־דערמאָנטע קאַטעגאָריעס נוצען:

די לאַנד־אייגענטהימער,

די אינלענדישע עלצטע,

די איירָאָפּעאישע בעאַמטע,

די קאָנטראַקטערס,

די פּריוואַטע אונטערנעהמער,

דער האָלענדיש־אינדישער רעגירונג, דאָס איז צום שלום:

האָלאַנד.

וואָס מעהר אַלזאָ דער יאַוואַנער אַרבייט, אַלץ מעהר פּראָפֿיט פֿאַר די דאָזיגע פּערזאָנען, פֿאַר דער דאָזיגער רעגירונג, פֿאַר דער דאָזיגער נאַציאָן.

דער יאַוואַנער פֿאָלגט זיינע עלצטע. אַט די עלצטע האָבען אַ בעדערפֿעניש נאָך פּאָמפּ און רייכען לעבען. ווער עס האָט אַן עלצטען פֿאַר אַ פֿריינד, דער קען אויסזויגען די בעפֿעלקערונג, וואָס איז אונטערטהעניג צו איהם, אַזויפֿיעל וויפֿיעל ער וויל. ווער עס בעצאָהלט — בעשטעכט! — זיין עלצטען, קען זיכער זיין צוריקצוקריגען צעהן מאָל אַזויפֿיעל וויפֿיעל איהם קאָסט...

נו, וועהלער, איהר, וואָס איהר בעזיצט מענשען־קענטעניש, איהר, וואָס איהר זייט צו פֿערשטעהענדיג אָנצונעהמען וואָס עס איז אַזוי, אויף אויטאָריטעט, איהר, וואָס איהר גאָרט אַזוי נאָך ליגענס... עס וועט אייך זיכער אַנגענעהם איבערראַשען, ווען איך וועל אייך דאָ זאָגען אַ ליגען, וואָס איך רעקאָמאַנדיר בעזונדערס אייער מורא׳דיג אויפֿגעבראַכטער אונגלויביגקייט:

אַט די אַלע לאַנד־אייגענטהימער זיינען עהרליך. אַט די אַלע אינדישע עלצטע: עדעל. אַט די אַלע קאָנטראַקטערס: גרויסמוטהיג. אַט די אַלע פּריוואַט־אונטערנעהמער: אונאייגענניציג. די האָלענדיש־אינדישע רעגירונג איז פֿון הויכען זעעלען־אַדעל... און די חובות־בעצאָהלענדע האָלאַנד בויט אייזענבאַהנען פֿון׳ם „באַטיג סאַלדאָ”!

דריטער בעווייז, אז דער יאוואנער ווערט מיסהאנדעלט.

וועהלער, איהר האָט געלייענט דאָס בוך איבער די אויקציאָנען. דער פּערפֿאַסער זאָגט דאָרט, אַז די געשיכטע פֿון סאַאידיאַהּ איז ניט וואָהר. ער וואָלט אָט די געשיכטע גאָר ניט געדאַרפֿט דערצעהלען, און איך האָף, אַז ער וועט שוין מעהר אַזאַ פֿעהלער ניט בעגעהן! ער דערצעהלט אַזוי, אַז איהר פֿיהלט זיך געטריבען, איהם צו מאַכען פֿאַר אייער לייב-דיכטער... וואָס דער אָרעמער דימאַנש האָט ניט געוואָלט זיין, ס'איז פֿון עפּעס גאַנץ אַנדערעס די רייד, ניט פֿון געשיכטען, כדי אייך צו ענטציקען, אָה וועהלער! דער אַווטאָר זאָגט דאָרט:

„איך האָב דאָליגען פֿאַר מיר דאָקומענטען... נאָר ניין: ליעבערשט אַ בעקענטניס.

„יאָ, אַ בעקענטניס, לעזער! איך ווייס ניט, צי סאַאידיאַהּ האָט ליעב געהאַט אַדינדאַ'ן. איך ווייס ניט, צי איז ער אַוועק קיין באַטאַוויאַ. אויך ניט, צי איז ער ערמאָרדעט געוואָרען דורך האָלענדישע באַיאָנעטען. איך ווייס ניט, צי זיין פֿאָטער איז געשטאָרבען אונטער די שמיץ, וואָס מען האָט איהם געגעבען, דערפֿאַר וואָס ער האָט פֿערלאָזען באַדור אָהן אַ פּאַס. איך ווייס ניט, צי אַדינדאַ האָט געצעהלט די מאָנאַטען, בשעת זי האָט איינגעשניטען קאַרבען אין איהר רייז-הויפֿען...

„דאָס אַלעס ווייס איך ניט!

„נאָר איך ווייס מעהר ווי דאָס אַלעס. איך ווייס און קען בעווייזען, אַז עס זיינען געוועזען אַסך אַדינדאַס און אַסך סאַאידיאַהס, און אַז דאָס, וואָס איז אויסגעטראַכט אין איינצעל-פֿאַל, ווערט אַ וואַהרהייט אין אַלגעמיינעם. איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך קען אָנגעבען די נעמען פֿון פּערזאָנען, וועלכע זיינען, ווי די עלטערן פֿון סאַאידיאַהּ און פֿון אַדינדאַ, פֿערטריבען געוואָרען פֿון זייער היים. ס'איז ניט מיין אַבזיכט צו געבען דאָ אין דעם ווערק ערקלעהרונגען, ווי מען וואָלט זיי געדאַרפֿט געבען פֿאַר אַ געריכט, וועלכער וואָלט געדאַרפֿט אַרויסטראָגען אַן אורטהייל איבער די אַרט און ווייזע, ווי אַזוי די האָלענדישע אויטאָריטעט ווערט אויסגעאיבט אין אינדיען, ערקלעהרונגען, וועלכע וואָלטען געוועזען בעווייז-קרעפֿטיג נור פֿאַר דעם, וואָס האָט געדולד זיי דורכצולעזען מיט אויפֿמערקזאַמקייט און אינטערעס, ווי מען קען עס ניט ערוואַרטען פֿון אַ פּובליקום, וואָס זוכט צושטרייאונג ביים לעזען. דערום האָב איך אָנשטאָט טרוקענע נעמען פֿון פּערזאָנען און פּלעצער מיט די דאַטומס

דערביי, אָנשטאָט אָבצוקאָפּירען די ליסטע פון גנבות און אַרויס־פּרעסונגען, וועלכע ליגט פאַר מיר, געזוכט צו געבען אַן אונגעפעהר ריכטיגע שילדערונג פון דעם, וואָס קען פאָרקומען אין די הערצער פון די אָרעמע לייט, ביי וועמען מען האָט אַוועקגערויבט דאָס, וואָס איז נייטיג זיי צו דערהאַלטען ביים לעבען, אָדער בעסער געזאָגט: איך האָב דעם לעזער בלויז געגעבען אַן אַהנונג דערפון, מורא האָבענדיג, אַז איך קען זיך צו שטאַרק אָבנאַרען אין דער צייכנונג פון געפיהלען, וועלכע איך אַליין האָב קיינמאָל ניט געפיהלט.

„אָבער וואָס איז שייך צו דער הויפּטזאַך? אָה, ווען מען זאָל מיך אַרויסרופען, צו בעווייזען דאָס וואָס איך האָב געשריבען! אָה, ווען מען וואָלט געזאָגט: „דו האָסט אָט דעם סאַאידיאַה פון קאָפּ אויסגעטראַכט... ער האָט קיינמאָל ניט געזונגען דאָס ליעד... ס'האָט ניט געוואוינט קיין אַדינדאַ אין באַדור!" נור וואָלט איך געוואונשען, אַז עס זאָל געזאָגט ווערן מיט דער מאַכט און מיט'ן ווילען צו שאַפען גערעכטיגקייט, אַזוי גיך ווי איך וועל האָבען בעוויזען, אַז פון מיר רעדט ניט אַרויס די בייזע, לעסטערענדע צונג!"

„אָה, ווען מען זאָל מיך אַרויסרופען צו בעווייזען!"

וועהלער, האָלענדער, קריסטען, האָט עס ניט דערוועקט אייער אויפמערקזאַמקייט, אַז דער אווטאָר איז ניט אַרוסגערופען געוואָרען, צו בעווייזען דאָס וואָס ער האָט געשריבען? איז ניט געווען ווערטה די מיה צו אונטערזוכען, אויב אָט דער מולטאַטולי איז אַ פערליימדער? האָט איהר ניט געהאַט אַ רעכט אויף געוויסהייט וועגען דעם? האָט זיך דאָס אייך גאָר ניט געוואָרפען אין די אויגען, אַז אייערע רעגירער — ליבעראַלען אָדער קאָנסערוואַטיווע, אַלצאיינס! — אַז זיי האָבען געשוויגען ווי גנבים, וועלכע מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנד? שטעלט איהר זיך צופרידען דערמיט, וועהלער? איז עס אייך אַלצאיינס, וואָס פאַר אַן ענטפער עס מוז געגעבען ווערן אויף דער פראַגע, וועלכע די „ט׳עלשע קוראַנט" האָט אַזוי קורץ און שאַרף געשטעלט: „איז האָלאַנד אַ רויב־שטאַאַט?"

האָט איהר ניט געדיינקט, אַז עס איז ווערטה די מיה, צו דרינגען אויף דעם דאָזיגען ענטפער? אָדער האָט איהר מורא געהאַט פאַר'ן ענטפער?

אָבער, וועהלער, ס'איז דאָך היינט געוויס ווערטה די מיה צו אונטערזוכען, אויב די אָנגעגעבענע ציפערן פון יענעם מאַני זיינען ריכטיג. אייערע „געאַכטע רעדנער" — וועלכע קענען צום גרויסען מהייל ניט

רעדען און זיינען ווינציג וואָס געאַכטעט — אינטערפּעלירען דעם מיניס-
טער פֿון די קאָלאָניען און פֿערלאַנגען אויפֿקלעהרונג אין דער דאָזינער
אַנגעלעגענהייט. דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש! מען זאָגט אייך אויף אַן
אופן, „וואָס לאָזט דורכגעהן אַ שווידער איבער'ן גאַנצען לאַנד"*), אַז
איהר זייט רויבער... עהרפֿורכטינע שטילקייט! דאָ ערשיינען:
אַנגאַבען, אויפֿשטעלונגען, ליסטען פֿון די סומען,
וועלכע איהר רויבט יעהרליך... גלייך וויל אייער ענערגישע
פֿאָלקספֿערטרעטונג וויסען, אויב אָט די אויפֿשטעלונגען, ליסטען און אָנ-
גאַבען זיינען ריכטיג, און ווי אַזוי מען איז געקומען צו די דאָזיגע
אָנגאַבען!

אויסזויגען, פּלינדערן, רויבען, מאָרדען... אָה, דאָס
איז גאָרנישט פֿאַר די האָלענדישע געוויסען! אָבער מען זאָל ערלויבען אַ
פֿרעמדען אַ קוק טהאָן אין די ביכער... אונטערזוכען די אונריכטיגע
און אונפֿאָלשטענדיגע פֿערצייכנונג פֿון דעם גאַנצען שווינ-
דעל... יאָ, דאָס וואָלט געווען אַ גרויל! ס'איז ניט מעהר נייטיג ווי
דאָס, אָה פֿאָלק פֿון האָלאַנד, אום צו דערקענען די אַרט און וויזע, ווי דו
לאָזסט זיך פֿערטרעטען, דעם עצם פֿון דיין מאָראַל און די ספּעציפֿישע
שווערקייט פֿון דיין גאָט-דיענעריי!

אָבער צום טייוועל, דאַן שעהמט זיך וויניגסטענס מיט אייער שטענ-
דיגער פֿערזיכערונג, אַז איהר ווילט אייערע „ברידער" דאָרט „ציוויליזירען" און „אויסעדלען", אין דער צייט וואָס איהר לאָזט צו, אַז זיי זאָלען
אויף דעם געמיינסטען אופן בעהאַנדעלט ווערן דורך אייערע בעאַמטע!

אָבער דאַן שעהמט זיך וויניגסטענס מיט דער רעליגיאָן, וועלכע איהר
ווילט אַרויפֿצווינגען אויף אָט די „ברידער" אַלס די איינציגע וואַהרע,
און וועלכע שיינט ענדליך צו פֿיהרען צו פֿערפֿלוכטער אייגענניציגקייט.

אָבער דאַן שעהמט זיך מיט דער פֿעראורטהיילונג פֿון אַ גנב אָדער
מערדער אין נאָמען פֿון'ם קעניג, אַזוי לאַנג ווי די ים-פּעסער פֿון
די שיפֿען, וועלכע פֿיהרען אַהער אייערע גע'גנב'עטע סחורות, ווערן
פּונקט אַזוי אָבגעגעבען אין נאָמען פֿון אָט דעם זעלבען
קעניג!

איך לאָז אַלזאָ ניט פֿערענטפֿערט די פֿראַגע, צי איהר ווילט וויסען
די וואַהרהייט, אָבער מיר געפֿעלט עס גראָד, אייך אָט די

---

*) (בעמערקונג פֿון 1865.) זיצונג פֿון דער צווייטער קאַמער פֿון 25טען סעפּטעמבער 1860.

וואהרהיים צו זאָגען. איך טהו עס פֿון מיין פֿערגניגען וועגען, ניט אין דעם זעהר פּראָבלעמאַטישען שטרעבען דערצו, אייך פֿיליכט צו קענען דערפֿרעהען, אַ זאַך, וואָס איז מיר גאַנץ גלייכגילטיג. און איך האָב נאָך אַ גרונד דערצו. איך וויל פֿאַר אייראָפּאַ אין די אויגען צונעהמען ביי אייך יעדען מעגליכען תירוץ, אַז איהר זייט אונוויסענד! איך וויל פֿערהינדערן, אַז מען זאָל ניט ענטפֿערן אויף מיין מאַניפֿעסט, וואָס איך וועל אַרויסלאָזען: דאָס אַלעס האָט געטהאָן אַ רעגירונג פֿון זשוליקעס... דאָס האָט אַ שלעפֿעריגע אָדער אונטערגעקויפֿטע פֿאָלקספֿערטרעטונג גוטגעהייסען, אָבער... דאָס פֿאָלק האָט דערפֿון ניט געוואוסט!*)

דער מולטאַטולי האָט ניט גוט געטהאָן דערמיט, וואָס ער האָט אייך געגעבען דעם אמת אין אַלערליי פֿערקליידטע, פֿערשטעלטע פֿאָרמען. איהר האָט איינגעפּאַסט סאַאידיאַה'ס ליעד אין מוזיק, און אייערע טעכטער ערמאָרדען מיט פֿיעל געפֿיהל דעם אָרעמען יונג אויף דער פּיאַנאָ... איך ליפֿער אייך דאָ אַ נייעם טעקסט, וועלכען איך רעקאָמאַנדיר שטאַרק אייער מוזיקאַלישער אינספּיראַציע. אַפֿריהער אָבער נאָך אַ קליינע בעמערקונג: אויף דער געשיכטע פֿון סאַאידיאַה האָט איהר — ווי דאָן זשואַן דימאַנש'ן — געענטפֿערט: „ווי שעהן דו פֿלוידערסט דאָס אַביסעל, דערצעהל אונז נאָך עפּעס!", און איהר האָט אַלזאָ די ווירקליכע אָדער היפּאָקריטישע בעגייסטערונג פֿאַר דימאַנש'ס רעדע-טאַלאַנט בענוצט אַלס פּריטשינע, צו פֿערזעהן דאָס, וואָס אַט די ערצעהלונג פֿון סאַאידיאַה'ן בעדייטעט אייגענטליך. נאָר איהר קענט איצט ניט אָבלייקענען, אַז איהר ווייסט, וואָס אַ בופֿלאַקס איז פֿאַר דעם יאַוואַנער בויער! איהר קענט זיך ניט בעהאַלטען הינטער'ן אויסרייד, אַז די בעדייטונג פֿון דעם, וואָס פֿאָלגט דערפֿון, איז אייך ניט בעקאַנט! איהר קענט שוין מעהר ניט זאָגען, ווי אייער אור-בילד דראָאָנסטאָפּעל: „וואָס געהען מיך אָן די שוואַרצע מיט זייערע בופֿלאַקסען! איך האָב נאָך קיינמאָל קיין בופֿלאַקס ניט געהאַט, און פֿונדעסטוועגען בין איך צופֿריעדען!"

אַט זעהט:

---

*) (בעמערקונג פֿון 1865.) פֿאָרלויפֿיג האָב איך אויף'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דעם קעניג'ס פּאַלאַץ אין אַמסטערדאַם, געזאָגט, אַז האָלאַנד איז אַ רויב-שטאַאַט.

ליסטע פון די בופלאקסען
וועלכע זיינען
אבגענומען געווארען
ביי דער בעפעלקערונג פון איין דיסטריקט, אין מאנאט פעברואר 1865, ווען
מאקס האוועלאר
איז געווען „אסיסטענט־רעזידענט" פון דער אבטהיילונג לעבאק, און
בעת דער הערר
דומאיער וואן טוויסט
האט אונטער דער רעגירונג פון
ווילהעלם דעם דריטען
אין נאמען פון דער
האלענדישער נאציאן
פערוואלטעט די זאגענאנטע האלענדיש־אינדישע בעזיצונגען.

נאמען פון'ם בע'גנב'עטען	דעססאה (דארף.)	קאלוראהאן (קרייז.)	צאהל פון די גע'גנב'עטע בופלאקסען.
קאסיב.	קאדו גאוויער.	באדור	איין בופלאקס.
מאנגיא.	טיאיבאנגבאנג.	„	איין בופלאקס.
איסופ.	„	„	איין בופלאקס.
מאיאסיעה.	„	„	איין בופלאקס.
ראדאיא.	„	„	איין בופלאקס.
האריאי סאדיק.	„	„	איין בופלאקס.
סאפיודיען.	„	„	איין בופלאקס.
מירסיד.	וואלוקו.	„	צוויי בופלאקסען.
סאדיאה.	סאנגיער.	„	איין בופלאקס.
רידיאל.	טיאימאנטאנג.	„	צוויי בופלאקסען.
קאלאר. *)	באדור.	„	צוויי בופלאקסען.
מאמאק.	טיאיפורוט.	„	איין בופלאקס.
קאליאס.	קאדו לעבו.	„	איין בופלאקס.
אסמיל.	קאדו גאוויער.	„	איין בופלאקס.
ראנגא.	קאדו דאמאס.	„	איין בופלאקס.
מארניע.	טיאיסאנגסאנג.	גון קינטיאנא.	איין בופלאקס.

*) אט דער מאן איז געווען א „לוראה" — א קליינער הויפטלינג. דערפאר האט מען ביי איהם געוויס צוגענומען צוויי בופלאקסען, און דאס איז אויך געווען גאנץ רעכט, ווייל ער האט געהאט די מאכט, אבצואווארפען דעם שאדען אויף אן אנדערן.

סאַריאַדאַ.	טיאיסאַנגסאַנג.	גון קינטיאַנאַ.	איין בופּלאַקס.
דיעפּאַ.	טיאידאַדאַפּ.	קערטאַ.	איין בופּלאַקס.
דיאַיאַ. *)	טיאיאורוה.	„	איין בופּלאַקס.
באַאיע. **)	לעבאַק טיאיטראַ.	טיאיקוסיק.	צוויי בופּלאַקסען.
אַסמיל.	„	„	איין בופּלאַקס.
מאַאינטען.	טיאיקאַטאַמפּע.	„	איין בופּלאַקס.
אַאים.	טיאילעגאַנג.	„	איין בופּלאַקס.
מוטאַסי.	טיאיגינגאַנג.	„	איין בופּלאַקס.
מאַנדראַיאַ.	קאַדו לאַמבו.	קאַמפּאַי.	איין בופּלאַקס.
אַרדאַי.	„	„	איין בופּלאַקס.
אַדיאַימאַן.	לאַריעבאַנגור.	„	איין בופּלאַקס.
אַרפּאַן.	טיאיקאַריאַ.	טיאילעלעס.	איין בופּלאַקס.
אַביען.	טיאימעראַק.	„	איין בופּלאַקס.
דאַקיער.	דיאַיאַראַגדאַלאַנג.	?	איין בופּלאַקס.
מוקטאַר.	סערעווּעה.	?	איין בופּלאַקס.
אַסיעה.	„	?	איין בופּלאַקס.

איז דאַס אייך גענוג, וועהלער?

איהר זעהט שוין, ווי שלעכט איהר האָט געטהאָן צו מאַכען מולטאַטולי'ן פאַר אַ שריפטשטעלער, אַז די גאַנצע איינדרוקספולע מאָנאָטאָנקייט פון דער סאַאידיאַה־ערצעהלונג איז ניט קיין אַנדער זאַך נור אַ פּלאַגיאַט, אַ ליטעראַרישע גנבה, ניט מעהר ווי אַ קאָפּיע פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט.

איין בופּלאַקס! איין בופּלאַקס!

איין בופּלאַקס! יאָ! אָבער אין גאַנצען: זעקס און דרייסיג בופּלאַקסען! דאָס איז ניט אַזוי פיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ: אין איין מאָנאַט! איז דאָס אייך ניט גענוג, וועהלער!

זעקס און דרייסיג בופּלאַקסען אין איין מאָנאַט! דאָס איז ניט אַזוי פיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! צום אַנדערן מאָל: אין איין דיסטריקט! איז דאָס אייך ניט גענוג, וועהלער?

זעקס און דרייסיג בופּלאַקסען אין איין מאָנאַט, אין איין דיסטריקט! דאָס איז ניט אַזוי פיעל, דיינקט איהר?

---

*) אָדער פּאַזיר־איער. איך האַלט פון גענויקייט אין „געשעפט־זאַכען".

**) אַט דער מאַן איז געווען אַ דאָרף־עלצטער.

נו יאָ! נאָך אַמאָל: לעבאַק האָט פֿינף דיסטריקטען... כפל'ט, זאָג איך אייך! *)

פֿינף מאָל זעקס און דרייסיג איז הונדערט און אכ־ציג! איז עס אייך גענוג, וועהלער?

הונדערט און אכציג בופֿלאַקסען, אָבגענומען ביי דער בעפֿעלקערונג פֿון דער אָבטהיילונג לעבאַק אין א מאָנאַט צייט! דאָס איז ניט אַזוי פֿיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! ביז צום לאַנגווייליג ווערן: פֿאַרהאַן צוועלף מאָנאַטען אין איין יאָהר... כפל'ט, זאָג איך אייך!

צוועלף מאָל הונדערט אַכציג בעטרעפֿט אַריבער צוויי טויזענד! איז דאָס אייך גענוג, וועהלער?

אַריבער צוויי טויזענד בופֿלאַקסען, אָבגענומען ביי דער בעפֿעלקערונג פֿון דער אָבטהיילונג לעבאַק אין איין יאָהר! דאָס איז ניט אַזוי פֿיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! ביינאַה צום לעצטען מאָל: די רעזידענטשאַפֿט באַנטאַם האָט פֿינף אָבטהיילונגען... כפל'ט, זאָג איך אייך!

פֿינף מאָל צוויי טויזענד בופֿלאַקסען מאַכט צעהן טויזענד בופֿלאַקסען! איז דאָס אייך גענוג, וועהלער?

צעהן טויזענד בופֿלאַקסען, אָבגענומען אין איין יאָהר ביי דער בעפֿעלקערונג פֿון דער רעזידענטשאַפֿט באַנטאַם! דאָס איז ניט אַזויפֿיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! צום לעצטען: יאַוואַ האָט איך ווייס ניט וויפֿיעל רעזידענט־שאַפֿטען. דאָס בייט זיך אָפּט. נעהמט דאָס פֿערהעלטניס פֿון דער בעפֿעל־קערונג פֿון באַנטאַם צו דער בעפֿעלקערונג פֿון יאַוואַ **), און כפל'ט, זאָג איך אייך!

---

*) דאָס ריכטיגע פֿערהעלטניס פֿון די פֿיה אין לעבאַק צו די פֿיה פֿון'ם דיס־טריקט פּאַראַנג-קודיאַנג איז ענדע 1853 געווען—980 : 240 געבורטען. אַז מען וויל קען מען אַלזאָ בלויז כפל'ען מיט פֿיער... מיר מאַכט עס גיט אויס, הגם דאָס וואָלט גיט ריכטיג געווען. עס וואָלט געווען קאָמיש, ווען די בעטרעפֿענדע פערזאָנען זאָלען האָבען וואָס אויסצוזעצען אין דער צאָהל-אָנגאַבע פֿון דעם, וואָס איז גע'גנב'עט געוואָרען אונטער זייער שוץ!

**) (בעמערקונג פֿון 1865.) באַנטאַם האָט פֿאַר צעהן יאָהרען געהאַט פֿינף הונדערט טויזענד איינוואוינער, און די בעפֿעלקערונג פֿון יאַוואַ האָט דאַן בעטראָפֿען צוועלף מיליאָן.

פיער און צוואנציג מאָל צעהן טויזענד בופלאַקסען מאַכט אוים: צוויי הונדערט פערציג טויזענד בופלאַק־סען! איז עס אייך גענוג, וועהלער?

צוויי הונדערט און פערציג טויזענד בופלאַקסען, אָב־גענומען אין איין יאָהר ביי דער יאַוואַנישער בעפעלקע־רונג! דאָס איז ניט אַזוי פיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! צום סאַמע לעצטען מאָל: יאַוואַ איז נור אַ קליינער טהייל פון אינסולינדע. ס'איז שווער גענוי צו בעשטימען, וואָס פאַר אַ קליי־נער טהייל, נאָר מיר קענען אָננעהמען, אַז די יאַוואַנישע בעפעלקערונג אין פערהעלטנים צו דער בעפעלקערונג פון אינסולינדע איז אַן ערך ווי איינס צו דריי. נאָר אַזוי ווי דער וואוילשטאַנד איז אַנדערשוואו אַ קלענערער און מען קען אַלזאָ אין די אַנדערע טהיילען פון אייערע בעזיצונגען — רופט איהר עס ניט אַזוי? — ניט אַזוי פיעל גנב'ענען ווי אין יאַוואַ, שלאָג איך אייך פאָר, דאָס מאָל צו כפל'ען בלויז מיט צוויי: כפל'ט, זאָג איך אייך!

צוויי מאָל צוויי הונדערט און פערציג טויזענד בופ־לאַקסען מאַכט: פיער הונדערט און אַכציג טויזענד בופלאַקסען! איז עס אייך גענוג?

פיער הונדערט אַכציג טויזענד בופלאַקסען, אָבגע־נומען אין איין יאָהר ביי דער זאָגענאַנטער האָלענדיש־אינדישער בעפעלקערונג! דאָס איז ניט אַזוי פיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! מאַקע באמת צום לעצטען מאָל: אַזאַ גענעראַל-גובערנאַטאָר בלייבט דאָרט געוועהנליך פינף יאָהר... כפל'ט, זאָג איך אייך!

פינף מאָל פיער הונדערט אַכציג טויזענד בופלאַק־סען מאַכט אוים: קרוב צו דריטהאַלבען מיליאָן בו־פלאַקסען!

דריטהאַלבען מיליאָן בופלאַקסען, אָבגענומען אין פינף יאָהר ביי דער אינדישער בעפעלקערונג, אונטער דער רעגירונג פון איין איינציגען גענעראַל-גובערנאַ־טאָר, וועלכער טהוט ניט זיין פליכט! דאָס איז ניט אַזוי פיעל דיינקט איהר?

נו יאָ! אַצונד ווירקליך צום סאַמע לעצטען מאָל: איין בופלאַקס קאָסט פופצעהן ביז דרייסיג גולדען. לאָמיר זאָגען צוואַנציג גולדען... כפל'ט, זאָג איך אייך!

צוואַנציג מאָל דריטהאַלבען מיליאָן מאַכט: פופציג מיליאָן.

פופציג מיליאָן גולדען אין געלד-ווערטה פאַר בוּפלאַקסען, וועלכע זיינען אָבגענומען געוואָרען ביי דער אינדישער בעפעלקערונג אונטער דער רעגירונג פון איין איינציגען גענעראַל-גובערנאַטאָר, וואָס טהוט ניט זיין פליכט! דאָס איז ניט אַזוי פיעל, דיינקט איהר?

נו יאָ! און דאָס אַלזאָ וואַהרהאַפטיג צום סאַמע לעצטען מאָל: דאָס, וואָס מען נעהמט אַוועק ביי דער בעפעלקערונג די בופלאַקסען, דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע! — העררען-דיענסט, אונבעצאָהלטע אַרבייט, אונבעצאָהלטע ליפערונג פון אַלערליי זאַכען בעטרעפט אין געלד מעהר, פיעל מעהר, צוואַנציג מאָל מעהר, אָה וועהלער! כפל'ט, זאָג איך אייך!

צוואַנציג מאָל פופציג מיליאָן מאַכט: טויזענד מיליאָן!

איז דאָס אייך גענוג, וועהלער?

טויזענד מיליאן גולדען אין געלד-ווערטה, וואס ווערט צוגענומען ביי דער אינדישער בעפעלקערונג אונטער דער רעגירונג פון א גענעראל-גובערנאטאר, וועלכער טהוט ניט זיין פליכט!*)

---

*) אין אַ ברייטער „בעמערקונג פון 1865“ פערטהיידיגט מולטאַטולי די אַרט פון זיין בערעכנונג און פרעגט די, וואָס צווייפלען אָדער לייקענען אָב דעם ווערטה איהרען:

„וואָס פאַר אַ פעהלער האָב איך געמאַכט אין מיין בערעכנונג?“

„וויפיעל ווערט דאַן גע'גנב'עט אונטער דער פערוואַלטונג פון איין גענעראַל-גובערנאַטאָר, וואָס טהוט ניט זיין פליכט?“

אָנווייזענדיג אויף די פיעלפאַכע געלעגענהייטען, וועלכע זיינען געגעבען געוואָרען די בעטייליגטע פאַר אַן ענטפער אויף דער און אַנדערע פראַגען, ערקלעהרט ער דאַן אויף'ס ניי, אַז קיינער האָט ניט אויפגעהויבען קיין פראָטעסט, ניט געגען זיין „ליסטע פון בופלאַקסען“, ניט געגען די בערעכנונג, וואָס ער האָט דערויף אויפגעבויט.

„וויל מען עס נאָך טהאָן? ביי מיר האָט מען עס גע'פועל'ט. מען האָט דאָך ניט געקענט ערמאָרדען אַלע עדות, נאָכדעם ווי איך האָב פערלאָזען לעבאַק! און ווען אפילו יאָ... איך בין דאָך גרייט צום ענטפער אויף'ן ענטפער. אָבער איך וואָלט אָנגעפאַנגען מיט דער פראַגע: „פאַרוואָס האָט מען פיער יאָהר נאָכאַנאַנד געשוויגען?“

„דאָס דאָזיגע שווייגען פעראורטהיילט!“

אויך נאָך 1865 איז עס אין דעם דאָזיגען פונקט ניט אַנדערש געוואָרען.

(בעמערקונג פון'ם דייטשען איבערזעצער.)

איז אייך דאס אלזא ענדליך געגוג, אה וועהלער פֿון האלאנד?

אויב עס איז נאָך אַלץ ניט גענוג, דאַן שלאָג איך אייך פֿאָר, נאָך אַמאָל צו כפל'ען מיט דער פֿערהעלטנים-ציפֿער צווישען די ערפרעסונגען, וועלכע זיינען ראַפּאָרטירט אין מיין זעהר פּינקטליכער לאָקאַלער און פּערזענליכער ליסטע פֿון פּאַראַנג-קודיאַנג — די גרונדלאַגע פֿון אונזער בערעכנונג — און צווישען דער צאָהל פֿון רויבערייען, וועלכע זיינען ניט דערגאַנגען צו מיר, ווייל די קלעגער זיינען ערמאָרדעט און אַריינגעוואָרפֿען געוואָרען אין טייך אויף'ן וועג צו מיר אין הויז!

און צו דער דאָזיגער גרונדלאַגע קעהר איך זיך אַלזאָ אום, כדי צו פֿרעגען די בעטרעפֿענדע פּערזאָנען: וואָס פֿאַר פֿעהלערן האָב איך געמאַכט אין מיין בערעכנונג?

איין בופֿלאַקס... איין בופֿלאַקס!

איין בופֿלאַקס, עקסעלענץ! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון דער וואויל-פֿערדיענטער פּענסיע! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון „קענטנים, טרייקייט און איבערגעבענהייט"! איין בופֿלאַקס, געוועזענער שטאַאַטס-פֿערוואַלטער! איין בופֿלאַקס, „געאַכטער שפּרעכער"! איין בופֿלאַקס, פֿרומער קריסט! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון ליבעראַליזם און „פֿרייער אַרבייט"! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון דער גראָבער, דומער, ניט-פּאַסיגער און דורכזיכטיגער צוריקגעהאַלטענקייט, וואָס נור זי האָט דיך געראַטעוועט פֿון'ם אויסדריקליכען צוגעבען! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון דעם רייז-ליפֿערונגס-קאָנטראַקט אין באַנקאַ! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון די מאָרדען אין באַניערמאַסינג! איין בופֿלאַקס, מאַן פֿון די פֿייגע בעטעל-צירקולאַרען פֿאַר די קרבנות פֿון'ם ים-רויב! איין בופֿלאַקס, דו הערסט? איין בופֿלאַקס... איין בופֿלאַקס!

אַזוי ווי דו ביסט אַ קריסט, מיט אַ סיסטעם פֿון גנאַדען-בעגיטיגונג, תשובה-טויט, אויסלייטערונג און ערלייזונג, בין איך גאָר קיין מבין ניט אויף דיין געוויסען. איך קען ניט זאָגען: „כ'וועל אין דיין געמיטה לאָזען אָבקלינגען: איין בופֿלאַקס, איין בופֿלאַקס!"

נאָר דאָס קען איך, דאָס וועל איך, דאָס טהו איך דאָ: כ'בעפֿעהל יעדען און צווינג יעדען, וואָס זעהט דיך, יעדען, וואָס הערט דיך, צו מורמלען ביי זיך אַליין:

איין בופֿלאַקס!

און איך פֿעראורטהייל דיך צו דעם בעוואוסטזיין, אַז מען מורמעלט

עס! יאָ, איך בעפעהל דיר, עס נאָכצוריידען אינעווייניג ביי דיר אין הארצען, זאָג, אַז דו פאָלגסט ניט, אויב דו וואַגסט עס צו טהאָן!

איין בופלאַקס, איין בופלאַקס!

יאָ, איינער! עס קריינקט מיך, וואָס מען האָט ביי איינצעלנע פריווילעגירטע צוגענומען צוויי בופלאַקסען.

איין בופלאַקס!... וואהרשיינליך דער לעצטער!

צוויי בופלאַקסען... דאָס פערנעהמט ניט אַזוי ביים הארצען!

דאָרט וואו מען נעהמט אַוועק צוויי בופלאַקסען אויף איינמאָל, זיינען אַודאי געווען נאָך צוויי בופלאַקסען צו נעהמען, און מיט אַביסעל איינבילדונגס-קראַפט וואָלט מען זיך געקענט פאָרשטעלען, אַז דאָרט זיינען געווען נאָך מעהר... אַז עס איז נאָך איבערגעבליבען איין בופלאַקס.

ניין: איין בופלאַקס! אַזוי מוז עס זיין!

איך שלאָג אייך פאָר, טוגענדהאַפטע וועהלער, אַריבערצושיקען קיין האַאג אַן אָבגעאָרדענטען, וואָס זאָל פועל'ן ביי דעם מיניסטעריום צו געבען די יאַוואַנישע עלצטע אַ בעפעהל, זיי זאָלען קיינמאָל ניט צונעהמען ביי איין און דערזעלבער פערזאָן צוויי בופלאַקסען מיט אַמאָל, ווייל דאָס שטערט — פון ליטעראַרישען שטאַנדפונקט — די איינדרוקספולע מאָנאָטאָניע פון אַלע איצטיגע און צוקינפטיגע סאַאידיאַה-געשיכטען.

יאָ, ס'איז פערפלוכט, וואָס איהר האָט אַזאַ הארטען געהער, אַז איך מוז זיך אָנכאַפּען אַן שפּאַט, כדי פערשטאַנען צו ווערן! איך האָף, וועהלער, אַז איהר בעגרייפט אַלזאָ ענדליך, פאַרוואָס איך קען קיין נוצען ניט מאַכען מיט דעם דיפלאָם פון אַ שעהן-שרייבער, וואָס איהר גיט מיר אַרויס. איז דאָ סטיל, איז דאָ פּאָעזיע, איז דאָ גייסט אין דער ליסטע פון גע'גנב'עטע בופלאַקסען? איז אָט די ליסטע ניט פונקט אַזוי ניכטער ווי איהר, איידער איהר געהט אויף דער בערזע? שמעקט זי וויניגער מיט „גע-שעפט", ווי אייערע ליסטען פון קאַוועלינגען? ווי אייערע פערקויפס-נאָטיצען?

וואָלט עס אייך געמאַכט שפּאַס, ווען איך זאָל אָן יעדער גנבה — אָן יעדער אָפיציעלער גנבה, מיין איך: מכח פראָסטע, ניט-בעאַמטע גנבים ריידען מיר דאָ ניט — ווען איך זאָל אָן יעדער גנבה אָנקניפּען אַן ערצעהלונג? ווען איך זאָל ביי יעדען נייעם בופלאַקס צוטראַכטען עפּעס אַ נייע פערצווייפלונג? ווען איך זאָל אויסשטריקען נייע עלענד און נויט אויף דעם ליוועגט פון יעדען נייעם פערברעכען? ווען איך זאָל בעשאַפען נייע ליעבע און נייע פערצווייפלונג ביי יעדען נייעם מאָל, וואָס די פליכט ווערט ניט געטהאָן? אָבער, וועהלער, דאָס טהוט איהר דאָך אויך ניט

אין אייערע ליסטען, אָנגאַבען, נאָטיצען און ווי איהר זאָלט עס דאָרט ניט רופען...

„גומער אַזויפיעל און אַזויפיעל! אַזויפיעל און אַזויפיעל פעק, אַזויפיעל און אַזויפיעל קנוילען, אַזויפיעל און אַזויפיעל פעסער"...

פאַרוואָס זשע גלויבט איהר מיר ניט?

נאָר איך פאָדער ניט קיין גלויבען. פאַרהאַן אַ זעהר איינפאַך מיטעל, צו אונטערזוכען, אויב די אַלע גע'גנב'עטע בופלאַקסען זיינען ריכטיג איינגעטראָגען אין דעם זינדען־בוך פון דעם, וועלכער האָט דערמיט צו טהאָן. ערלויבט מיר, איך זאָל אייך אָנגעבען דעם אַדרעס:

פערטער בעוויז, אז דער יאוואנער ווערט מיסהאנדעלט.

איך ווענד זיך צו דיר, מעעסטער אַלבערטוס יאַקאָבוס דוימאַער וואַן טוויסט. דו האָסט געלעזען, וואָס איך האָב נור וואָס געשריבען צו די וועהלער. דו קענסט ניט ניט לעזען, דו קענסט ניט איגנאָרירען, וואָס איך האָב געשריבען. איך פעראורטהייל דיך צו קענען און וויסען אַלעס, וואָס איך וועל האָבען צו זאָגען דער האָלענדישער נאַציאָן. איך בעפעהל דיר, זיך צוצוהערען צו מיינע ווערטער. איך בעפעהל עס דיר מיט דער אויטאָריטעט פון'ם מאַן, וואָס האָט געטהאָן זיין פליכט, געגענאיבער איינעם, וואָס האָט זיין פליכט ניט געטהאָן.

איך האָב דיר געשריבען איינמאָל נאָך'ן אַנדערן. דו האָסט ניט געוואָלט הערען. איך האָב דיר געגעבען צייט זיך צו בעקעהרען. דו האָסט זיך ניט בעקעהרט. דער מאָמענט איז געקומען, ווען איך וועל דיך אַ טרייסעל טהאָן אָהן רחמנות. נאָר נעהם זיך אַקאָרשט ניט איבער מיט דעם דאָזיגען כבוד, וואָס איך גיב דיר אָב. ער איז נור אַ לפנים'דיגער. איך ריהר דיך ניט אָן אַלס פערזאָן. דו ביסט ניט מעהר ווי אַ פענסיאָנירטער בעאַמטער, וואָס האָט זיך אָבגעשפאָרט אַביסעל געלד, לעבט זיך רוהיג דערפון און רעדט אויך אין דער קאַמער איבער „פרייע ארבייט". אַזעלכע זיינען דאָ אַסך! איך בין נאָר עפעס אַנדערש. איך בין ניט פענסיאָנירט, כ'האָב ניט אָבגעשפאָרט קיין געלד, כ'לעב ניט רוהיג, כ'רייד ניט אין דער קאַמער איבער „פרייע אַרבייט", און איך האָב געטהאָן מיין פליכט! דער אונטערשיעד

איז אַלזאָ צו בעדייטענד, אַזוי אַז איך קען דיך ניט אָנריהרען אַלס פּערזאָן.

נאָר דו ביסט געווען: דער מאַן, אויף וועמעס **„קענטניס, טרייהייט און איבערגעבענהייט"** דער קעניג האָט זיך פערלאָזט, בשעת ער האָט — דאָ אויך **אין נאמען פון דער נאציאָן** — דיר איבערגעגעבען אין די הענד די רעגירונג איבער אינסולינדע. איך שטעמפּעל דיך אַלס רעפּרעזענטאַנט פון'ם אויסזויגונגס-סיסטעם, וואָס האָלאַנד האָט זיך ערלויבט איבער דעם דאָזיגען לאַנד, און איך שטעמפּעל גראָד דיך דערמיט, ווייל אין אַ געוויסען זינן — גלייך ווענסט דו זעהן, אין וואָס פאַר אַ זינן — שטעהסט דו העכער ווי אַסך אַנדערע, וועמעס פעהלערן זיינען מיר פיעל סימפּאַטישער איידער דיינע טוגענדען. דו בעזיצסט אַ מין זינדלאָזיגקייט, וואָס לאַנגווייליט מיך, וואָס רופט אין מיר אַרויס אַן עקעל, און וועלכע האָט מעהר בייז געטהאָן אינסולינדע, איידער אַלע שלעכטע מעשים פון אַנדערע צוזאַמענגענומען. דו ביסט פאַר מיר דער טיפּ פון דער טוגענדהאַפטיגקייט, וועלכע איז רייך געוואָרען אויף אַן אָנשטענדיגען אופן. ס'איז מיר אונמעגליך צו דיינקען וועגען דיר, אָהן דעם אַריבערגעטראָגען צו ווערן בעת מעשה אין בית המקדש, וואו דער איינער האָט מתפּלל געווען: „האָב רחמנות, אָה גאָט!" און דער אַנדערער*)... נאַ, מר. וואַן טוויסט, איך מאַך דיך פאַר יענעם אַנדערן!

אַחוץ דעם, דו רופסט אַרויס מיין אימ'חן, ווייל דו רעדסט מיט אין דער קאַמער. איך וועל זעהן, אַז דאָס זאָל אויפהערען. עס ווערן דאָרט גערעדט אַסך זאַכען, וואָס האַלטען ניט אויס און ברייגנען קיין נוצען ניט, נאָר אַלע אַנדערע קען מען גיכער פערגעבען איידער דיר, ווייל דו ווייסט די זאַך בעסער פון זיי. — האָב איך אָדער האָב איך דיר ניט געשריבען די בריעף, וועלכע שטעהען פערצייכענט אין מולטאַטולי'ס בוך מכח דעם קאַפע? האָב איך אָדער האָב איך דיר ניט געשריבען דעם בריעף, וועלכען דערזעלבער מולטאַטולי האָט מיטגעטהיילט אין זיינע „איינדריקע פון טאָג"? האָבען זיך ביי דעם דאָזיגען לעצטען בריעף געפונען אָדער האָבען זיך ניט געפונען קיין ביילאַגען, וועלכע האָבען דיר געגעבען די מעגליכקייט צו וויסען, אַז איך אַלס אַסיסטענט-רעזידענט פון לעבאַק, האָב געטהאָן מיין פליכט, און אַז דו, אַלס גענעראַל-גובערנאַטאָר פון האָלענדיש-אינדיען, האָסט דיין פליכט ניט געטהאָן?

---

*) „איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר מיין טוגענד!"

האָסט דו ניט אויך אין דער קאַמער — „אַזויפיעל ווי מען האָט גע־קענט הערען און פערשטעהן" שטעהט אין דעם בעריכט... זאָג נור, פאַר־וואָס רעדסט דו איבערהויפט, אַז דו קענסט ניט ריידען, מען זאָל דיך הערען און פערשטעהן? — האָסט דו זיך ניט ענטשלאָסען און שניידענד אויסגעדריקט אין דער קאַמער־זיצונג פון 25טען סעפטעמבער 1860, בעת דער מיניסטער האָט ערקלעהרט: „דער צושטאַנד פון אינדיען איז אין יעדער הינזיכט אַ צופריעדענשטעלענדער"? האָסט דו ניט — אַזויפיעל וויפיעל עס איז געווען „פערשטענדליך" נאַטירליך — אין אַ לאַנגער רעדע ערקלעהרט — און איך מוז זאָגען: בעוויזען! — אַז דער מיניסטער האָט מיט דער דאָזיגער ערקלעהרונג ניט געזאָגט דעם אמת? און איז דאָס געווען נאַאיוויטעט פון דיין זייט, וואָס דו האָסט זיך כלומר'שט געמאַכט, אַזוי ווי דו וואָלסט גאָר ניט געטראַכט דערפון, אַז אַלעס וואָס איז ניט אַזוי צופריעדענשטעלענד מוז צום גרויסען טהייל דיר אַליין אַרויפגעשטעלט ווערן אויף'ן חשבון? דיר, וואָס דו האָסט זיך אָקאָרשט געהאַט צוריקגעקעהרט פון דאָרט? דיר, וואָס דו האָסט אָקאָרשט נאָך פערטראָטען דאָרט די נאַציאָן און דעם קעניג? דיר, וואָס דו האָסט גאָר ניט לאַנג פאַר דעם געהאַט די אויפגאַבע צו זיין אויף דער וואַך גענגען די אַלע שלעכטע מעשים, וועלכע דו האָסט דאָ אַזוי אָפענהערציג אויסגערע־כענט? אָפענהערציג? ניין, ניט אין גאַנצען! איך האָב פיעל צוצוגעבען, וואָס דו האָסט איבערגעהיפערט אין דיין אונפערשטאַנענער רעדע... יאָ, דאָס וויכטיגסטע האָסט דו פערשוויגען, און אויף אַזאַ'ן אופן, אַז מיר קומט שיער ניט אַרויף אויף'ן זינען, אַז דיין גאַנצע אויפריכטיגקייט אין די נעבען־זאַכען איז געווען אַ סטראַטעגישער קונץ, כדי אַוועקצולאַטכע־נען די הויפט־זאַכען.

אונ אָט די הויפטזאַך? **דער יאוואנער ווערט מיסהאנדעלט!**

דאָס איז די הויפטזאַך!

אַצונד ווענד איך זיך ווידער מיט דער אַלטער הפקר־שפּראַך צו די וועהלער, מר. א. י. דוימאַער וואַן טוויסט... נאָר דו דאַרפסט לעזען, וואָס איך שרייב. איך וואָלט זאָגאַר געזאָגט: איך וויל, דו זאָלסט עס לעזען, אויב דו האָסט עס שוין ניט געלעזען. לייקען, אויב דו וואָגסט!

וועהלער, פערצייהט מיר וואָס איך בין אַ ווילע אַראָב פון וועג און אָבגעטראָטען אָן אַ זייט צו אייער „געאַכטען שפּרעכער פון אַמסטערדאַם", אַ שפּרעכער, וועלכען איך אַכט ניט, און וועלכער ווערט ניט פערשטאַנען, ווען ער רעדט, ביי וואָס מען פערלירט גאָרנישט.

דער טיטעל איבער דעם דאָזיגען טהייל פון מיין בריעף צו אייך

הייסט: פערטער בעווייז, אז דער יאוואנער ווערט מיס־האנדעלט. איך האב אייך א פראגע צו שטעלען. נעהמט איהר עס אן אלס בעווייז פאר מיין בעהויפטונג, ווען איך איבערצייג אייך, אז די ארט און ווייזע, ווי איך האב געהאנדעלט אין לעבאק, ווערט ריכטיג פארגע־שטעלט אין׳ם בוך מכח דעם קאפע? איך רעד דא ניט פון סאאידיאה־ערצעהלונגען אדער ליעבעס ליעדער... איך רעד מיט געשעפטס־לייט מכח געשעפטען.

נו, נאכדעם ווי איך האב אין לעבאק אומזיסט געפאדערט רעכט ביי אייער איצטיגען „געאכטען שפרעכער פון אמסטערדאם“... נאכדעם ווי איך האב פערלאנגט מיין אבשיעד, אונטער אויפאפפערונג פון מיין עקזיסטענץ און מיין צוקונפט, ווייל איך האב ניט געוואלט דיענען דעם אונרעכט... נאכדעם ווי עס האט זיך אויף דעם גלענצענדסטען אופן ארויסגעוויזען, אז די איינגעבארענע, וואס זיינען כלומר׳שט געשטאנען אונטער מיין שוץ, האבען מעהר ניט געקענט ערווארטען קיין פארטהייל אדער שוץ דורך מיר, נאר אדרבה, זיי האבען זיך געמענט ריכטען אויף האס און פערפאלגונג פון די הערען סלימערינגען, וועלכע זיינען געבליבען ביי דער ממשלה אונטער׳ן הויכען שוץ פון אייער „געאכטען שפרעכער פון אמסטערדאם“... נאך דעם אלעם האב איך גע־שריבען צו דעם קאנטראלער פון דער אבטהיילונג לעבאק, צו דעם מאן, וועלכער האט מיך טאג־טעגליך בעאבאכטעט, וועלכער האט דורך זיין לאנגען אויפהאלטען זיך דארט געקענט וויסען נאך בעסער ווי איך, וואס דארט איז פארגעקומען, וועלכער האט געהאלטען דערביי אי־בערצונעהמען ביי מיר די פערוואלטונג פון אט דער אבטהיילונג... צו דעם דאזיגען מאן האב איך געשריבען דעם פאלגענדען בריעף. וועהלער, איהר דארפט אלזא מעהר ניט פרעגען: איז אמת דאס, וואס מולטאטולי האט געשריבען? אצונד איז דא אן ענטפער אויף דער פלינקער און קלוג געשטעלטער פראגע פון דעם קליינעם מיעלער בלעטעל, וואס האט — כמעט אליין צווישען פיעלע — בעגריפען, אז דא דארף גאר ניט גערעדט ווערן פון א בוך, פון שרייבער־טאלאנט, פון ראמאן־לעזעריי, נאר **וועגען דעם רעכט פון דער נאציאן צו וויסען דעם אמת!**

ראנגקאס־בעטונג, דעם 29טען מערץ, 1856.

איך האב די עהרע, אייך צו בעטען, און אויב נייטיג, אייך צו בעפעהלען: אויף אייער עהרע, אייער שבועה און אייער

געווים ען צו ענטפערן אויף די פאָלגענדע פראַגען ביי דער זייט, אויף דעם ליידיגען פלאַץ, אָבער אָהן אויסדרעהעריי, אָהן האַלבקייט, מיט **יאָ** אָדער **ניין**.

1. האָב איך, אזוי ווייט ווי אייך איז בעקאַנט, ווען עס איז בעהאַנדעלט דעם רעגענט פון לעבאַק אונפריינדליך, אונהעפליך אָדער גראָב? — 1. ניין.

2. האָב איך ניט אין געגענטהייל אַרויסגעוויזען פריינדליכקייט צו איהם, צ.ב. דערמיט וואָס איך האָב, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ געלד-פערלעגענהייט און געבעטען פאָראויס אַ טהייל פון זיין געהאַלט, אימער ערפילט זיין בקשה? — 2. יאָ.

3. איז עס אייך בעקאַנט, אַז איך האָב איהם זאָגאַר איינמאָל ניט-געבעטענערהייט אַריינגעשיקט געלד, ווייסענדיג, אַז ער האָט ניט קיין געלד אין הויז? — 3. יאָ.

4. האָב איך ניט, דאַן ווען דער רעגענט האָט אַזוי דרינגענד געבעטען, איך זאָל אויסצאָהלען דעם אונטער-קאָלעקטאָר די געלדער, וואָס האָבען איהם נאָך געקומט, — האָב איך ניט גלייך אויף מיין איינענער פערי-אַנטוואָרטליכקייט איינגעוויליגט, הגם ס'איז נאָך ניט געגעבען געוואָרען קיין ערלויבעניש דערצו און איהר אַליין האָט נאָך בעמערקט, אַז עס קען דאָך נאָך מעגליך זיין מען זאָל האָבען וואָס איינצואווענדען נעגען דעם קאָנטראָלער'ס פערוואַלטונג?*) — 4. יאָ.

5. איז דאָס ניט געשעהן אַ קורצע צייט איידער דער רעגענט פון טיאַניאַר איז אָנגעַ- — 5. יאָ.

---

*) זעה דאָס בוך איבער די אויקציאָנען ז. 118 און 119. איבעריגענס דאַרף מען פערגלייכען, וואָס איז שייך צו די הויפטזאַכען, אַלע ענטפערס פון דעם קאָנטראָלער מיט „מאַקס האַוועלאַאר“. ווער עס צווייפעלט נאָך אַליץ, האָט אַן אינטערעס צו צווייפלען און זאָגט ליגען צוליעב דעם דאָזיגען אינטערעס.

קומען, און האָב איך אייך ניט דערנאָך געזאָגט, אַז איך בין דערצו בעוואוינגען געוואָרען, דיינקענדיג, אַז דער רעגענט גופא נייטיגט זיך אין דעם דאָזיגען געלד, ווייל ער האָט אַזוי שטאַרק געבעטען דערפאַר?

6. האָב איך ניט דעם צוואַנציגסטען פעברואַר געפרעגט דעם רעגענט, צי איך וואָלט גאָרנישט געקענט טהאָן אָדער הייסען טהאָן, אום איהם בעהילפיג צו זיין ביי דעם עמפפאַנג פון'ם רעגענט פון טיאַניאַר? — 6. יאָ.

7. האָב איך אייך ניט געזאָגט, אַז דאָס קומען פון'ם רעגענט פון טיאַניאַר מוז געבען אַ שטיקעל גרונד, עפעס דורכצוזעהן דורך די פינגער, ווייל איך האָב גאַנץ גוט געקענט בעגרייפען, ווי פיינליך עס וואָלט געווען פאַר דעם אַלטען רעגענט צו זיין אַזאַ קאָנטראַסט געגען די ערשיינונג פון זיין פלימעניק? — 7. יאָ.

8. האָב איך זיך אין די פיעלע געשפרעכען, וועלכע איך האָב געהאַט מיט אייך, ווען עס איז בענוצט מיט אויסדריקע סיי פון אונרעספעקט, סיי פון אונפריינדליכקייט אין בעצוג צו דעם רעגענט? — 8. ניין.

9. האָב איך אייך ניט אין געגענטהייל מעהרערע מאָל געזאָגט, אַז איך האָב מיטלייד מיט איהם, וואָס ער געפינט זיך דורך דעם קומען פון'ם רעגענט פון טיאַניאַר אין אַזאַ שווערער פּאָזיציאָן, אַז ער האָט אַחוץ דעם נעהאַט שלעכטע ביישפיעלען, און נאָך אַזעלכע אויסדריקע, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען מיין פריינדשאַפט? — 9. יאָ.

10. האָב איך ניט מעהרערע מאָל געזאָגט, אַז דער רעגענט איז בעסער איידער אַסך אַנדערע, און אַז עס וואָלט מיר לייד געטהאָן, ווען גראָד ער זאָל מוזען ווערן דאָס אָפּפער, — 10. יאָ.

דאָס כפרה־הינדעל פֿון מיין ווילען צו בע־
קעמפּפֿען די שלעכטע האַנדלונגען?

11. האָב איך ניט איינמאָל, ווען איהר האָט 11. י״א.
געוואָלט פֿאָהרען נאָך סעראַנג, אייך אויס־
דריקליך געבעטען איבערצוגעבען דעם רע־
זידענט פֿאָלגענדעס: „אַז איך האָב
מורא, אַז ווען ער וועט הערען
מכח די געמיינהייטען, וועלכע
האָבען דאָ געטראָפֿען, וועט ער
זיין מיט דער מיינונג, אַז איך
פֿערהאַלט זיך גלייכגילטיג דער־
צו און טהו גאָרנישט געגען דעם.
אַז איך בעט איהם אַלזאָ, ער זאָל
דאָס ניט דיינקען וועגען מיר. אַז
איך בין אדרבה זעהר אויפֿגע־
בראַכט געגען דעם, נאָר אַז דער
רעגענט געפֿינט זיך אין אַזאַ
שווערער לאַגע. אַז איך האָב גע־
מיינט, איך וועל זיך קלוג און
מיט גוטען מוזען צופּאַסען צו
דער דאָזיגער בעזונדערער לאַגע.
אַז איך האָב נור דערום ניט גלייך
ראַפּאָרטירט, כדי איהם (דעם רע־
זידענט) ניט, אַזוי צו זאָגען, צו
צווינגען, ער זאָל די זאַך בע־
האַנדלען מיט דער גאַנצער
שטריינגקייט (איך מיין, איך האָב
זיך בענוצט מיט דעם אויסדרוק:
ער זאָל די זאַך גלייך אויספּוי־
קען), וואָרים איך האָב רחמנות
געהאַט אויף'ן רעגענט און איך
האָב אַפֿריהער געוואָלט פּרוא־
ווען, מיט מילדקייט איהם
ברייינגען צו זיין פֿליכט?“

12. איז עס אייך בעקאַנט, אַז ווען איך האָב פערלאַנגט פון דעם רעגענט אויפקלעהרונג מכח אַסך מיסברויכערייען, וועלכע זיינען מיר בעקאַנט געווען, האָב איך איהם פאַר-געלייגט דרייסיג פראַגען צו ענטפערן? — 12. יאָ.

13. זיינען אָט די פראַגען ניט געווען אַלע גע-שריבען פון מיר אליין? — 13. יאָ.

14. זיינען ניט אָט די פראַגען געשטעלט גע-וואָרען בלויז פערבייגעהענדיג, און נעמליך אונטערשריבען בלויז מיט די ערשטע בוכ-שטאַבען פון מיין נאָמען און אָהן דעם טיטול, און איז ניט אַחוץ דעם די גאַנצע זאַך אַראַנזשירט געוואָרען אַזוי צו זאָגען אויף א ניט אָפיציעלען אופן? — 14. יאָ.

15. האָב איך ניט שפּעטער, בשעת איך בין בעצוואונגען געווען אָט די געשטעלטע פראַ-גען מיט די ענטפערס דערויף איבערצוגע-בען צו אייך אין די הענד, — האָב איך אייך ניט געזאָגט: „אַז איך האָב עס געמאַכט אויף אַזאַ'ן אופן; כדי דער רעגענט זאָל ניט דיינקען, אַז איך וויל איהם שלעכטס טהאָן, און כדי איהם צו בעוועגען צו אויפריכטיגקייט"? — 15. יאָ.

16. איז עס אייך בעקאַנט, אַז די ענטפערס אויף די דאָזיגע פראַגען זיינען ניט געשריבען פון דעם רעגענט אַליין, פון וואָס עס ציינט זיך אַרויס, אַז ער האָט וויניגער ווי איך גע-האַט וואָס מורא צו האָבען, אַז ער קען קאָמפּראָמיטירט ווערן דורך דער דאָזיגער אונטערזוכונג? — 16. יאָ.

17. האָב איך אייך ניט שפּעטער מיטגעטהיילט, אַז דער „פאַטטיע" *) האָט מיר אין נאָמען — 17. יאָ.

*) „פאַטטיע" אָדער „פאַטטעה": אַן אינגלענדישער בעאַמטער, וועלכער שטעהט

פון דעם רעגענט אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר דער דעליקאַטער בעהאַנדלונג פון דער דאָזיגער זאַך?

18. איך בעט אייך צו פרעגען דעם „פּאַטטיע", אויב איך האָב ניט ביים איבערגעבען די דאָזיגע פראַגען:

1) אויסדריקליך געפאָדערט אויפריכטיגקייט?

2) געזאָגט, אַז דער רעגענט קען מיך בעטראַכטען אַלס פריינד, און אַז איך וועל איהם העלפען, וואו איך וועל נור קענען און מעגען.

3) אויב ער, דער „פּאַטטיע", האָט מיר ניט געדאַנקט און זיך דערביי בענוצט מיט די ווערטער: „בעלאָם אַדאַ סאַמו מואוואַן בימיאַראַ באַ-גימו"?*)

19. האָט איהר שפּעטער — ווען ביי מיר איז געבליבען, אַז איינפאַכע עצות און אויפמונ-טערענדע רייד וועלען גאָר ניט נוצען — עפּעס בעמערקט פון עפענטליכע אונטער-זוכונגען, אָדער וואָס פאַר עס איז אַנדער זאַך, וואָס איז געוועזן קאָמפּראָמיטירענד פאַר דעם רעגענט?

20. האָט איהר ניט אין געגענטהייל ערשט דעם 26טען פעברואַר זיך דערוואוסט פון מיינע בריעף, אין וועלכע איך האָב אָנגעקלאָגט דעם רעגענט, אי דאָס ניט פון מיר, נאָר פון דעם רעזידענט גופא, וועלכער האָט אייך פאַרגעלעזען די אייך אונבעקאַנטע בריעף?

18. דער „פּאַטטיע" האָט אויף אַט די אַלע פראַגען געענטפערט מיט יאָ און זאָגאַר ניט-גע-פרעגטערהייט האָט ער געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו שווערען דערויף; ער האָט נאָך אויסגעזועהן צו זיין גערירט פון אייער פריינדליכקייט.

19. ניין.

20. יאָ.

ביי דער זייט פון'ם רעגענט, און אין דעם פאָרליגענדען פאַל איז ער געוועזן דעם רעגענטס אָנפערטרויטער.

*) „קיינמאָל האָט נאָך אַ הערר אַזוי גוט גערעדט!"

21. וויט איהר ניט יענעם טאָג געווען זעהר 21. י א.
פערוואונדערט און האָט איהר ניט דער-
נאָך זיך בענוצט מיט אויסדריקע ווי די
פאָלגענדע: „איך האָב ניט געוואוסט,
וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנ-
דעלט... כ׳האָב ניט אָנגעהויבען
פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך"
און דערגלייכען, וואָס דאָס אַלעס האָט גע-
ציינט, אַז מיינע אונטערזוכונגען און די
רעזולטאַטען, וואָס זיי האָבען אַרויסגע-
בראַכט, זיינען געבליבען אונבעקאַנט פאַר
אייך?

22. גלויבט איהר ניט, נאָכדעם וואָס איהר 22. י א.
ווייסט וועגען מיינע האַנדלונגען בנוגע צו
אייך אָדער צו אַנדערע, — גלויבט איהר
ניט, אַז עס איז פאַר מיר אַ פרייד, ווען
איך קען גוטעס טהאָן?

23. האָט איהר ניט אַרויסגעזעהן, אַז איך בין 23. י א.
געווען דערפרעהט איבער די אָרעמקייט פון
דער בעפעלקערונג אין לעבאַק, אין דעם
זינן וואָס איך האָב עס בעטראַכט פאַר אַ
שעהנע אויפגאַבע צו זעהן, אַז די דאָזיגע
אָרעמקייט זאָל פערשווינדען?

24. האָב איך ניט זאָגאַר מעהרערע מאָל גע- 24. י א.
זאָגט, אַז: „ווי שטאַרק הינטער-
שטעליג איך זאָל ניט זיין אין
מיינע פינאַנציעלע פערהעלטני-
סען, וואָלט איך פונדעסטוועגען
פאָרט ניט גערן געוואָלט, מען
זאָל מיך איבערזעצען אויף אַן
אַנדער פלאַץ — עס מעג זיין
אויף אַ גרעסערער שטעלע אָדער
אין אַ בעסערער אָבטהיילונג —
און דערפאַר טאַקע, ווייל עס איז
פאַר מיר אַ פערגניגען צו העל-

פֿון די אָרעמע געדריקטע מענ־שען"?

25. האָב איך ניט אין אַלע מיינע האַנדלונגען אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב דאָס געמיינט פֿון טיעפֿען האַרצען?

25. יאָ.

26. איז עס אייך ניט, צום ביישפּיעל פֿון אַסך קליינע איינאָרדנונגען, קלאָהר געוואָרען, אַז איך האָב געהאָפֿט און געוואונשען און געטראַכט צו בלייבען לאַנג דאָ אין דער דאָזיגער אָרעמער אָבטהיילונג?

26. יאָ.

27. האָב איך ניט זאָגאַר געזאָגט, אַז איך וואָלט דאָ וועלען בלייבען אויף אימער, אָהן דעם מען זאָל מיך ווען עס איז דער־הויבען צו אַ העכערן אַמט, אויב מען וואָלט מיר נור לאָזען אַ פֿרייע האַנד, איך זאָל קענען גוטעס טהאָן?

27. יאָ.

28. גלויבט איהר, נאָכדעם ווי איהר האָט מיך דערקענט אין אַלע מיינע האַנדלונגען, אַז דאָס איז געוועזן אויפֿריכטיג געמיינט?

28. יאָ.

29. האָב איך ניט ביי אַסך געלעגענהייטען גע־זאָגט, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט אַזוי־פֿיעל פלענער אין קאָפּ צו פֿערבעסערן דעם צושטאַנד פֿון דער בעפֿעלקערונג — אַזוי ווי הערךענדיענסט, בעצאָהלונג פֿון אינלענדישע עלצטע, פּאַק־הייזער פֿאַר דעם זאַלץ־פֿערקויף, אַ מאַשין פֿאַר וואַסער־ליי־טונג, א. א. וו. — נאָר אַז קודם כל מוזען די ערפּרעסונגען אויפֿ־הערען?

29. יאָ.

30. האָט איהר דעם מוטה, אויב ס'איז נאָך אייער מיינונג נייטיג מוטה דערצו, גאַנץ איינפֿאַך צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, צי עס קומען פֿאַר ערפּרעסונגען אין לעבאַק?

30. איך בעט אייך, זיין אַזוי פֿריינד־ליך און מיך בע־פֿרייען פֿון דעם ענטפֿער אויף דער דאָזיגער פֿראַגע.

(בעמערקונג צו דער דאָזיגער פֿראַגע.
מיר איז אַלצאיינס, צי איהר וועט ענטפֿערן אויף דער דאָזיגער פֿראַגע, אָדער ניט; וואָרים ווי פֿאָרזיכטיג אייערע ראַפּאָרטען זיינען אויך געווען צוזאַמענגעשטעלט, האָט איהר פֿונדעסטוועגען פֿאָרט דאָ און דאָרט ניט געקענט אויסמיידען, אָנצודייטען דערויף. ס'איז אויך געווען שווער צו אונטערדריקען אָט די וואהרהייט איבעראַל אין שריפֿטליכע בעריכטען, ווען זי איז אין מינדליכע פֿערהאנדלונגען צווישען אונז אָנגענומען געוואָרען אַלס אַ זיכערע זאַך.)

31. ניט איהר צו, אַז איהר האָט מיר געזאָגט: „אַז אויך מיין פֿאָרגענגער האָט געקעמפֿט געגען מיסברויכע־רייען", און אַז איהר האָט דערנאָך צוגעלייגט די ווערטער: „ווען ער בלייבט דאָ לייגגער, וואָלט ער זיכער פֿערגיפֿטעט געוואָרען"? 31. יאָ.

32. ניט איהר צו, אַז ווען עס איז דאָ ניט לאַנג גערעדט געוואָרען מכח פֿערגיפֿטונג, האָב איך אייך אויף איינמאָל אַ פֿרעג געטהאָן: „אַה, כ'האָב גאָר פֿערגעסען, איהר האָט שוועסטער, פֿאַר וועלכע איהר זאָרגט; איז דאָס ניט אַקאָרשט דער גרונד פֿון אייער מורא, דערפֿון, וואָס איך רוף אימער האַלבקייט?", און אַז איהר האָט דערויף געענטפֿערט יאָ? 32. יאָ.

צום שלום בעט איך אייך נאָך אַמאָל אויסצודריקען די ענטפֿערס איינפֿאַך מיט **יאָ** אָדער **ניין**, און דערביי צו האָבען אין זינען, אַז ווי וויניג איהר וועט פֿילייכט אויף

די אויבינע ענטפֿערס, וועלכע זיינען ווי זיי שטעהען דאָ, געצייכענט פֿון מיר, האָב איך גע־

ווייטער מיט מיר האָבען צו טהאָן, איז געבען נאָך בעסטען ווי־
אָבער אייער געוויסען ניט אָבהיינגיג ניט סען און געוויסען.
פֿון מיין צוריקציהונג אָדער פֿון מיין
אַריבערגעהן אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

דער אַסיסטענט-רעזידענט
פֿון לעבאַק,
מאַקס האַוועלאַאַר.

דער קאָנטראָלער
פֿון לעבאַק,
ווערברוגגע.

איז דאָס אייך גענוג וועהלער? זייט איהר צופֿריעדען?

אָה, איך האָב נאָך מעהר!

ווילט איהר, איך זאָל אייך אָנווייזען דערויף, ווי דער איצטיגער גע־נעראַל-גובערנאַטאָר, אַזוי ניך ווי ער האָט נור בעקומען מולטאַטולי׳ס בוך איבער דעם קאַפּע, איז אין גרויס איילעניש אַוועקגעפֿאָהרען קיין לעבאַק— „אום דאָרט צו אונטערזוכען איינינע אָנגעלעגענהייטען", איז געשטאַנען אין דער „יאַוואַ׳שע קוראַנט" — און ווי אָט די אונטערזוכונג האָט ניט גע־פֿיהרט צו דעם אַזוי שטאַרק געווינשטען בעוויז, אַז מולטאַטולי איז אַ פֿערליימדער?

אַזאַ בעוויז וואָלט דאָך עפּעס ווערטה געווען!

ווילט איהר, איך זאָל אייך פֿערטייטשען די האַלטונג פֿון אַן אַנדער געוועזענער עקסעלענץ — איצט נאַטירליך אַ „געאַכטעטעם מיטגליעד" אין דער קאַמער —, וואָס האָט — אַזויפֿיעל וויפֿיעל מען האָט געקענט הער־רען און פֿערשטעהן נאַטירליך! — געזאָגט: „אַז ער וואָלט געוויס געקענט זאָגען עפּעס איבער דאָס בוך און איבער דעם פֿערפֿאַסער פֿון׳ם בוך, נאָר ער האַלט זיך צוריק דערפֿון, אוים מורא, מען זאָל איהם ניט חושד זיין אין פּאַרטייליכקייט"? איך גלויב עס גערן: ער האָט געהייסען וואַן טוויסט!

ווילט איהר, איך זאָל אייך אַנאַליזירען די שעהנע רעדע פֿון אַן אַנ־דער „געאַכטעטען מיטגליעד", וואָס איז פֿריהער אויך געווען אַן עקסעלענץ*) און איצט זיך אָננעהמענדיג פֿאַר דעם כבוד פֿון אַ געוועזענער מיט־עקסעלענץ, האָט עדות געזאָגט — ווידער אַמאָל אויף אַזויפֿיעל וויפֿיעל מען האָט געקענט הערען און פֿערשטעהן — „אַז עס פֿלעגט דאָך אַמאָל הערשען גערעכטיגקייט אין אינדיען אונטער זיין קאָלעגע וואַן טוויסט"? גאַ, ווירקליך?

*) מעעסטער פּ. מייער.

ווילט איהר, איך זאָל אייך אָבקאָפּירען די שטעלע פון דעם בעריכט פון דער רעגירונג איבער 1856, וואו עס ווערט איינפאך צו־געגעבען די בעגרינדעטקייט פון מיין בעהויפּטונג?*)

ווילט איהר, אַז איך זאָל נאָך דעם אַלעם נאָך ווייטער פאַרשטעלען, ווי פאַלש, ווי פייג, ווי שענדליך מען האָט מיך בעהאַנדעלט?

זאָל מיך גאָט אָבהיטען, וועהלער! עס קען נאָך אויסזעהן, אַזוי ווי איך וואָלט אָנערקענט מוסיע פובליקום אַלס ריכטער! וועגען דעם איז דאָך גאָר ניט צו דיינקען!

ניין... ניין... פון מיר אַליין רייד איך אַלזאָ ניט! זאָל מען מיך ווייטער בעשימפּען, בעליידיגען, פערלײמדען! זאָל מען מיך האַלטען פאַר אַ שלעכטען מענשען, פאַר אַ שד, פאַר אַ גייסטעס-פערוואָנדטען זאָגאַר... און זאָל מען נור ניט גלויבען, אַז מען וועט ווען עס איז קענען די זייט פון מיין זעעלע, וואו איך נעהם אויף די פייל, וועלכע איך וועל — גאַנץ אַנדערש טרעפענדיג — צוריקשליידערן, ווען מיין צייט וועט קומען.

---

*) זעהט, וואָס פּראָפעסאָר וועטה זאָגט וועגען דעם אין'ם „גידס" פון אויגוסט 1863:

„פון דאַן אָן האָט האָוועלאַאַר מיט די וויניגע געליטען מאַנגעל און גויט, ער איז געוואָרען אַ געגענשטאַנד פאַר די בעליידיגונגען און פערלײמדונגען פון די דראָגסטאָפּפעלס — וואָרים די דראָגסטאָפּפעלס אין האָלאַנד מאַכען תמיד יד אחת מיט די סלימערינגען אין אינדיען — ער איז געוואָרען מולטאַטולי (דער מאַן, וואָס האָט פיעל געליטען) ניט בלויז לויט דעם אָנגענומענעם נאָמען נאָך, נאָר טאַקע פאַקטיש.

„און וואָס בעווייזט אַלזאָ דער פאַקט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוריקגעצויגען איז ווירקליך פאָרגעקומען אָן אונטערזוכונג מכח די רויבערייען און די ערפּרעסונגען אין דער אָבטהיילונג לעבאַק, אַז דער רעגענט האָט געקריגען אַ שאַרפע וואָרנונג און עטליכע קלענערע עלצטע זיינען אַראָבגעזעצט געוואָרען?

„ערשטענס: די וואַהרהייט פון'ם גלייכווערטעל, אַז די קלייני גנבים הייננט מען און די גרויסע לאָזט מען לויפען.

„צווייטענס: אַז די זאַך איז שוין געוואָרען צו שטאַרק בעקאַנט, אַז זי זאָל נאָך קענען ווייטער אונטערדריקט ווערן.

„דריטענס: אַז די רויבעריי אין לעבאַק האָט שוין געמוזט זיין שרעקליך גענוג, אַז זאָגאַר אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך אַזוי גערן „געהאַלטען אין די ראַהמען" און אַזוי אונגערן פערפאָלגט אָן אינלענדישען בעאַמטען, האָט געמוזט בעשטעטיגען, אַז עס איז ווירקליך געווען אַ גרונד זיך צו בעקלאָגען, און אַלזאָ

„פערטענס: אַז האַוועלאַאַר האָט פאָלקאָם רעכט געהאַט."

אויך איבער די נויט פון'ם יאוואנער רייד איך אצונד נים. איך ווייס, אז איהר האט ליעב „געשעפטען", וועהלער! נו גוט, איך רייד אלזא וועגען „געשעפטען", וועגען קיין אנדער זאך נים, נור „געשעפטען". איך רייד מכח טויזענד מיליאן! זיינען דאס נים קיינע „געשעפטען"?

איך האב אייך געוויזען — נאר איך האב נאך מעהר בעוויזען! — ווי עס געהען דארט פערלארען טויזענד מיליאן אונטער דער רעגירונג פון איין איינציגען גענעראל-גובערנאטאר, וועלכער טהוט נים זיין פליכט!

איך האב מעהר, זאג איך אייך! אבער נעהמט פארליעב דאס, וואס איך גיב אייך היינט, און לאמיר אצונד איבערגעהן צו דעם לעצטען טהייל פון מיין בריעף, וואו איך וויל אונטערזוכען — גאנץ קורץ, איך פערשפרעך עס אייך — וואס מען קען דא טהאן, כדי דער יאוואנער זאל מעהר נים מיסהאנדעלט ווערן, וויינינסטענס אויב אייך פעהלט נים קיין אינטערעס פאר דער דאזיגער אונטערזוכונג... ווי מיר איז אמאל פארגעקומען.

טויזענד מיליאן!

איך ווייס נים, צי איהר געפינט עס פאר גענוג, וועהלער, אבער איך דיינק, אז עס איז פיעל! און איך פערזיכער אייך, אז די בעפעלקערונג דארט אין האלענדיש-אינדיען דיינקט אויך, אז עס איז צימליך פיעל. מען דארף לחלוטין נים זיין קיין בעזונדערער געלעהרטער פון דער שטאאטס-עקאנאמיע, אום צו בעגרייפען, אז דאס שטענדיגע אבנעהמען פון די דאזיגע טויזענד מיליאן איז נים געאייגענט, צו שאפען ביי דער בעפעלקערונג פון אייער האלענדיש-אינדיען א גינסטיגע שטימונג פאר אייערע בעאמטע, וועלכע מאכען מעגליך דאס דאזיגע אבנעהמען, און אויך נים פאר אייך, וועהלער, וואס איהר דערלאזט דערצו, אז אזעלכע בעאמטע זאלען דארט אנגעשטעלט ווערן.

איצט זיינען מיר אלזא צוגעקומען ביז צו דעם מוסר השכל, צו דער אנווענדונג פון אונזער דרשה.

נאר לאמיר אקארשט נאך אמאל פעסטשטעלען דאס, וואס מיר קענען אלזא אננעהמען אלס פעסטגעשטעלט:

האלאנד נייטיגט זיך אין אינדיען.

האלאנד מוז אלזא זעהן צו האלטען אינדיען אין זיינע הענד.

דערצו פאדערט זיך, אז די בעפעלקערונג פון אינדיען זאל האבען א „גוט הארץ" אנטקעגען דעם דאזיגען האלאנד.

דאס דאזיגע ציעל וועט נים עררייכט ווערן, אזוי לאנג ווי יעדער

נייער גענעראַל-גובערנאַטאָר וועט אַט דער בעפעלקערונג קאָסטען טווי־זענד מיליאָן פאָלקס-פערמעגען... און אַביסעל בלוט. נאָר דאָס בלוט היפּ איך איבער, ווייל איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז מיט אייך דאַרף איך דאָך נור ריידען וועגען „געשעפטען".

ס'איז אַלזאָ אין אייער אינטערעס צו זאָרגען דערפאַר, אַז אַזאַ גע־נעראַל-גובערנאַטאָר זאָל פערשטעהן אויף אַביסעל אַ ביליגערן אופן צו בעל-הבית'עווען מיט די אייגענטהימער פון דער דאָזיגער בעפעלקערונג. דאָס אין פאַל איהר ווייט איינפערשטאַנען מיט מיר, אַז טויזענד מיליאָן איז גענוג... אָדער צופיעל! אויב ניט, דאַן האָב איך אייך מעהר גאָרנישט וואָס צו זאָגען, און איהר קענט דעם מוסר השכל, די נוצאַנוועג־דונג איבערהיפּען.

און אַט די נוצאַנווענדונג?

ווען איהר וואָלט זיך נור געקימערט וועגען אייערע אַנ־געלעגנהייטען, וועהלער?

ווען איהר וואָלט נור אַריינגעשיקט אין דער קאַמער פּערזאָנען, וועלכע...

איך האָב עס אייך מעהר ווי איינמאָל געזאָגט, נאָר איהר האָט זיך ניט אומגעקוקט דערויף. פיליכט דערפאַר, ווייל איך האָב עס אייך אַבי־סעל איינפאַך געזאָגט און ניט אָנגעקניפּט קיין ערצעהלונגען אָן מיין איינפאַכקייט.

זעהט דאָ, ווי אַזוי איך האָב עס אייך שוין איינמאָל געזאָגט:

„איך גלויב, אַז אַ מאַן פון פאָרשונג איז נייטיג, נאָר ניט פון פאָרשונג אַליין. אַ מאַן פון פּראַקטיק, נאָר ניט פון פּראַקטיק אַליין. אַ מאַן, וואָס קען דאָס פאָלק אין אינדיען, וואָס האָט געלעבט צווי־שען איהם און מיט איהם, וועלכער איז אָבער אין דערזעלבער צייט גענוג מאַן פון וויסענשאַפט, אום ניט אַרויפגעפיהרט צו ווערן דורך זיין פּראַקטישער ריכטונג בלויז אויף דעם געביעט פון ערפאַהרונג. אַ מאַן, וואָס פערקערפּערט אין זיך „דאָס גוטע" דורך'ן שטרעבען צו וואַהר־הייט. אימיצער, וואָס איז ניט געבונדען ניט דורך סיסטעם-קייטען, ניט דורך דער מורא פאַר מענשען, ניט דורך די לוסט, נושא חן צו זיין ביי מיניסטאָרען אין די אויגען, און וועלכער זאָל וואַגען צו ווייזען און זאָל קענען ווייזען, ווי טיעף עס איז די וואונד, וואָס צופרעסט ווי אַ ראַק אונזער שטאַאַטס-פערוואַלטונג. ענדליך אימיצער, וואָס האָט

ערפאהרונג, וואס האט גענוג פעהיגקייט, מוטה, און דאס פאר אלצדינג: א מאן, וואס האט א הארץ!"*)

הארץ! יא... les grandes pensées viennent du coeur!; די גרויסע געדאנקען קומען פון הארצען!

וועהלער, ווען מען זאל אמאל דאך פרואווען געפינען אימיצען, וואס האט הארץ?

ווען איהר וואלט אמאל געגעבען אזא איינעם דעם פארצוג אנשטאט דער בעזונדערער בכבוד'יגקייט... וועלכע קען ניט ריידען?

אנשטאט דעם רעדע־טאלאנט פון די, וועלכע האבען גארנישט וואס צו זאגען, ווייל זיי ווייסען גארנישט?

אנשטאט דעם וויסען פון אזויפיעל, וועלכע ווילען ניט דאס גוטע, ווייל דאס שלעכטע קומט זיי אין דער רגע בעסער צוניץ?

אנשטאט דעם וועלען זאגאר פון די פיעלע, וועלכע זיינען ניט געבוירען געווארען דערצו, דורכצופיהרען זייער ווילען?

אנשטאט דער פלוידערייא פון די אדוואקאטען?

אנשטאט דעם שטארקען אינטערעס פאר פארלאמענטארישע פארמען און פארמעלאך?

אנשטאט דער קונסט, צו זאמלען שטימען דורך א מין טויש־האנדעל... דאס הייסט: אנשטאט דער אונפערשעהמטער פערלעצונג פון שבועה און פליכט, ווי עס קומט פאר טאג־טעגליך אין דער קאמער?**)

אנשטאט דער געוויסהייט, אז „אט די פערזאן וועט מיט דער גרעסטער אונפארטייליכקייט — קאמיש! — מיט דער גרעסטער אונפארטייליכקייט פערטרעטען די אינטערעסען פון איהער בעצירק"?***)

---

*) „בריעף צו די וועהלער פון אמסטערדאם", ביי י. ה. דע רויטער.

**) (בעמערקונג פון 1865.) „העלף אונז דערויין, דאן פערשפרעך איך דיר די שטימע פון דעם און דעם געאכטעטען מיטגליעד פאר יענער זאך!" שטעלט זיך פאר א מיטגליעד פון א דזשורי, וואס וואלט געזאגט צו א קאלעגע: „העלף מיר ברייננען אט דעם מאן אויף דער תליה, דאן וועל איך דיר העלפען פער'משפט'ן דעם אנדערן צו שמיץ!"

***) (בעמערקונג פון 1865.) איך ציטיר! וואס איך דיינק איבער דעם גלאקענטהורם־גייסט, קען מען ארויסזעהן פון פאלגענדען פאקט. לעזענדיג אין א פריעזישער ציייטונג, אז מען האט מיך פארגעשלאגען אלס קאנדידאט אונטער

אָנשטאָט דער איבערגעבענהייט צו איין פּאַרטיי... דאָס הייסט: צו איינער פֿון די צוויי קליקען, וועלכע זויגען אָבוועקסלענד אויס דעם יאַוואַ־נער אויף אַ ליבעראַלען אָדער אויף אַ קאָנסערוואַטיווען שטייגער?

אָנשטאָט דער רעקאָמענדאַציע, וואָס קומט פֿון די רעדאַקציעס פֿון די טעגליכע צייטונגען, וועלכע וואָלטען גוט געטהאָן, ווען זיי פֿערבייטען די ליימונג פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג אויף אַביסעל סאָלידקייט, אַביסעל קענטניס און אַביסעל סטיל?

אָנשטאָט די פּראָבלעמאַטישע, אונזיכערע פֿעהיגקייטען פֿון מענשען, וועלכע זיינען גאָרנישט אָדער ווינציג וואָס געווען?

אָנשטאָט די פּאָזיטיווע אונפֿעהיגקייטען פֿון אַזעלכע, וועלכע זיינען אפשר יאָ וואָס עס איז געווען, נאָר ויעלכע וואָלטען קיינמאָל עפּעס ניט געדאַרפֿט זיין?

זעהט, וועהלער, ווי וואָלט אַשטייגער געווען, ווען איהר זאָלט אָנ־שטאָט דעם אַלעם אַמאָל שיקען קיין האַאַג אימיצען, וואָס זאָל בעזיצען אַביסעל **האַרץ**?

אימיצען, וואָס זאָל געפֿינען גענוג פּראָטעסט אין דעם דאָזיגען האַר־צען, וואָס זאָל האָבען די שפּראַך און דעם טאָן, אום צו זאָגען צו די מיניסטאָרען:

„**איך קען מעהר ניט דערלאָזען, איהר זאָלט צווינגען דאָס האָלענדישע פֿאָלק אָנטהייל צו נעהמען אין דעם דאָזיגען אָנפֿאַנג, אין דעם דאָזיגען אונאויפֿהערליכען ברודער־מאָרד**"?

אימיצען, וואָס זאָל אויף דער קלאַגע, אַז ער האַלט זיך ניט ביי די „**פּאַרלאַמענטאַרישע פֿאָרמען**", וואַגען צו ענטפֿערן: „אַז אויך

דער פֿערזיכערונג, אַז איך בין אַ „**בעהאַרצטער פֿריעז**", האָב איך גלייך אויפֿגעהויבען אַ פּראָטעסט און מוחל געווען דעם דאָזיגען כבוד. בעהאַרצט בין איך טאַקע — און איך וועל עס בעווייזען — נאָר אַ **פֿריעז** בין איך **ניט**! אַ געשריי פֿון פֿערוואונדערונג האָט זיך אַרויסגעריסען, ווען איך האָב דעמאָלט ער־קלעהרט: „**פֿריעז אָדער ניט פֿריעז, דאָס איז אַלצאיינס. איך וואָלט סיי ווי סיי ניט געגעבען מיין שטימע פֿאַר אַ געזעץ צום שוץ פֿון'ם וואַכהאָלדער־בראַנפֿען, און ווען איך זאָל אפילו אויסגעוועהלט ווערן מיט אַלע שטימען אין שיעדאַם.**"
זעה „לעאוואַרדערט קוראַנט" פֿון 30טען אָקטאָבער 1860.

דער יאַוואַנער ווייסט פֿון פֿאָרמען, וועלכע פֿערבאָטען, ער זאָל זיך גאָר אָהן אַ שום שטראָף לאָזען שינדען"? אַז עס איז פּונקט אַזוי וויניג אַם פּלאַץ — אין וואָס פֿאַר אַ כלומר׳שט שטאַאַטס-וויסענשאַפֿטליכער פֿאָרם עס זאָל ניט זיין — דאָרט אין אינסולינדע כסדר צו זעען, כדי דאָ צו שניידען די תבואה... דאָרט צו מאַכען אַרבייטען, כדי דאָ צו געניסען... דאָרט צו לאָזען ליידען, כדי זיך דאָ צו באָדען אין וואוילטאָג... דאָרט צו מאָרדען, כדי דאָ צו בלייבען לעבען?

אימיצען, וואָס וואָלט געקענט דאָס אַלעס זאָגען אין אַ טאָן, וואָס זאָל ווירקען בעפֿעהלעריש אויף די קליינע מענער פֿון דער „פּאַרלאַמענ-טאַרישער פֿאָרם? אַזוי, אַז עס זאָל געהערט און פֿערשטאַנען און בעגריפֿען ווערן זאָגאָר אויסערהאַלב דער קאַמער?

אימיצען, וואָס זאָל קענען אויסשטרעקען די ליידיגע האַנד מיט דער ערקלעהרונג: „זעהט... אָט די האַנד איז ניט פֿערפֿלעקט פֿון בלוט"?

אימיצען, וואָס זאָל קענען אויסקעהרען די ליידיגע טאַשען און דערביי אויסרופֿען: „זעהט... איהר געפֿינט דאָ ניט דאָס גע׳גנב׳עטע איינענטהום פֿון אונזערע דער׳הרג׳עטע ברידער"?

אימיצען, וואָס וואָלט געוואָגט צו שטעלען די פֿראַגע: „זאָל האָ-לאַנד בלייבען אַ רויב-שטאַאַט?"

ענדליך אימיצען, וואָס זאָל זיין עפּעס מעהר ווי אַ געוועזענער גענעראַל-גובערנאַטאָר אָדער מיניסטער, עפּעס מעהר ווי אַ רייך-געוואָרענער אַמאָליגער בעאַמטער מיט געהע-ריגע פּרינציפּען? אימיצען, וואָס וואָלט בעהערט די קאַמער דורך אַ קורצשטונדיגע מיטגליעדשאַפֿט...

קורצשטונדיגע... יאָ! וואָרים, גלויבט מיר, וועהלער... אַזאַ איינער וואָלט ניט געוואָלט בלייבען צו לאַנג אַ מיטגליעד פֿון אייער גליי-צענדער פֿערטרעטונג, אַ זאַך, וואָס מען דאַרף גאָר אייגענטליך פֿון אַזאַ איינעם ניט פֿערלאַנגען.

וואָרים שרעקליך אומעטיג געהט עס צו ביי אייך אין דער קאַמער... דאָס וועט איהר דאָך צוגעבען! זאָל עס אמת זיין, אַז דער קייזער פֿון רוסלאַנד בעצאָהלט אייערע אָבגעאָרדענטע, כדי אַרויסצורופֿען ביי אייראָפּאַ אַן עקעל פֿאַר דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונגס-פֿאָרם. מען זאָגט אַזוי. און אויב עס איז אמת, מוז מען צוגעבען, אַז דער דאָזיגער קייזער ווערט ריכטיג געדיענט פֿאַר זיין געלד... אָבער ליידער, עס העלפֿט ניט! אייראָפּאַ קריגט עס ניט צו וויסען. וואָרים — און דאָס איז אַ

טרויעריגער פֿאַקט—מען גיט זיך ניט די מיה אין אייראָפּאַ, צו אונטערזוכען, וואָס עס ריידען דאָרט אייערע „געאַכטע שפּרעכער", וועלכע ווערן ניט פֿערשטאַנען.

וועהלער, איך שלאָג אייך גאַנץ ערנסט פֿאָר, איהר זאָלט דאָך אַמאָל זאָרגען פֿאַר אייערע אַנגעלעגענהייטען.

אַזוי ווי איהר האָט געוועהנליך אין זינען אייערע אינטערעסען און איהר בילדעט זיך פֿיליכט איין, אַז יעדער איינער איז אין דעם פּרט גלייך צו אייך, ענדיג איך מיט דער פֿערזיכערונג: אַז איך האָב צו אייך קיין איין וואָרט ניט גערעדט אין מיין אינטערעס.

אין געגענטהייל!

מיין אינטערעס איז, אַז איהר זאָלט זיך אויך ווייטער ניט קימערן וועגען אייערע אַנגעלעגענהייטען...

אַז איהר זאָלט לאָזען די מיניסטאָרען, די פּרעסע, די רעזידענטען, גובערנאַטאָרען און נאָך און נאָך אַנדערע בעל-הבית'עווען ווי אַזוי און וויפֿיעל זייער האַרץ גלוסט...

אַז איהר זאָלט שיקען קיין אינדיען גענעראַל גובערנאַטאָרען, וועלכע זיינען גאָרנישט געוועזען, אום צו פּרובירען, צי זיי קענען ניט עפּעס ווערן, אי דאָס אייף דעם פּלאַץ פֿון אַנדערע, וועלכע האָבען געמאַכט דיזעלבע פּראָבע און זיינען פֿאָלשטענדיג דורכגעפֿאַלען...

מיין אינטערעס איז, איהר זאָלט ווייטער מיסהאַנדלען דעם יאַוואַנער, ביז וואַנען ער וועט זיך אויפֿהויבען...

מיין אינטערעס איז, איהר זאָלט זיך אָנזויגען פֿול מיט ערדישען פֿערמעגען... איבער־פֿול... מעהר ווי פֿול... ביז איהר וועט פּלאַצען!

און דערמיט נעהם איך פֿאָרלויפֿיג דעם האַרצליכסטען אָבשיעד, אין דער האָפֿנונג, אַז איך וועל זיך קיינמאָל ניט לאָזען פֿערפֿיהרען צו דעם פֿערצווייפֿעלטען פֿערזוך, אייך אויף וויפֿיעל עס איז צו ברייגנען צום שכל, וואָס דערצו וואָלט אַפֿריהער נייטיג געווען... איך בעגרים אייך!

P. S. אויב מיין שרייבען איז פֿיליכט ניט נאָך אייער זינן, דאַן געדיינקט, אַז איך שרייב אייגענטליך ניט צו אייך. עס הויבט מיך ניט אָן אַרען, וואָס פֿאַר אַ מיינונג איהר האָט איבער מיין שרייבעריי. שפּאָרט זיך אַלזאָ די מיה, דעריבער צו אורטהיילען. גלויבט מיר, אַז אייער טאַדעל איז פֿאַר מיר אַ בעזונדערע עהרע, און אַז איך פֿיהל אַן עקעל פֿאַר

אייער לויב. מיר געהט עס דאָ בלויז אין דעם, שפּעטער צו קענען וויזען דעם יאַוואַנער און אייראָפּאַ, אַז איך האָב איך געוואָרענט. און דעם פאַקט פערצייכען איך דאָ.

צו טינע׳ן.

געפינסט דו ניט, טייערע, אַז דאָס איז פונקט ווי אַ דרשה? אַ דרשה מיט אָבטהיילונגען, אונטער אָבטהיילונגען, האַלב־אויסגעפיהרטע אָבטהיי־לונגען און נעבען־אָבטהיילונגען? ס׳ווערט זיכער אַלעמען געפעלען.

ווי שווער דאָס שרייבען צו די וועהלער איז מיר אָנגעקומען! כ׳האָב שטאַרק מורא, אַז איך וועל ניט פערשטאַנען ווערן! און דאָך איז עס איינפאַך. יאָ, טאַקע גראָד דערפאַר! אָבער איך האָב קיין אַנדערעס ניט צו דערצעהלען, נור איינפאַכע זאַכען. ווען איך וועל אַמאָל מאַכען אַ סיסטעם? שפּעטער, שפּעטער! אַצונד בין איך מיעד. איך האָב נאָך אַלץ דאָס מאָדנע געפיהל פון פוסטקייט אין מיר. זאָל עס קומען פון דעם קאָפּ? אָדער פון דער לבנה... וועלכע איז ניטאָ, וואָרים נעכטען אָבענד איז געווען דונקעל, ווען איך בין געגאַנגען שפּאַצירען מיט׳ן קינסטלער און זיין כלה.

נאָך אַלץ ניטאָ קיין ענטפער פון׳ם מיניסטער. איז מיין בריעף פיי־לייכט ניט גוט אָנגעשריבען געווען? ס׳קען מעגליך זיין. עס געהט מיר איצט אַלעס אַזוי שלעכט פון דער האַנד. אָט נעהם דעם בריעף צו די וועהלער... וואָס פאַר אַ לאַנג־סטילינגע זאַך! ס׳וועט זיכער געפעלען. שטעל זיך דאָס נור פאָר: איך... אָבטהיילונגען און אונטער־אָבטהיילונגען! מיר איז ניט גוט, דאָס פיהל איך אין אַלצדינג, נאָר וואָס מיר פעהלט, ווייס איך אַליין ניט. איך האָב נאָך אַלץ אָט די פוסטקייט אין האַרצען, אַקוראַט ווי מען וואָלט מיר אַרויסגעצויגען אַ באַק־צאָהן אויף דעם פלאַץ, און דאָס קען דאָך ניט געמאָלט זיין.

און דער מבול פון אַלערליי בריעף האַלט אָן. און מיינע טרויטען! זיי געזונד, ליעבע טינע! קענסט דו נאָך אויסהאַלטען אַ קורצע צייט? דער מיניסטער וועט אודאי ענטפערן... שרייב מיר, ווי געהט עס מיט די קינדער...

פון טינע׳ן.

אַלעס געהט גוט, מאַקס! די קינדער פיהלען זיך גאַנץ גוט! אויך איך פיהל זיך גאַנץ גוט, מאַקס! גלויב מיר, אַלעס געהט גאַנץ גוט...

פון טינע׳ן צו פענסי׳ן.

איך רוף דיך... איך בעט דיך פון גאַנצען האַרצען... איך בעשווער דיך, פ ע נ ס י, קום איהם און מיר צו הילף! ער וועט אונטערגעהן, אויב דו וועסט ניט קומען וואָס גיכער, און אפילו א י ך, וואָס איך בין דאָך אַ מוטער און וואָלט געדאַרפט זיין שטאַרקער ווי אַ מאַן! פענסי... פ ע נ ס י!

צו טינע׳ן.

ליעבע טינע! איך פיהל זיך זעהר ניט גוט. זעה דורכצוקומען נאָך אַ קורצע צייט, מיין קינד... איך וועל שוין בעסער ווערן. האָב נור מוטה, און זאָג די קינדער... אָה גאָט, איך בין מיעד!

פון טינע׳ן.

די קינדער פיהלען זיך גאַנץ גוט, מאַקס! און איך פיהל זיך גאַנץ גוט... אָה, אַזוי גוט! מיר זיינען אויפגעלייגט און פרעהליך... דו וואָלסט בעדאַרפט זעהן, ווי פרעהליך! אָה, מיר פיהלען זיך אַזוי גוט, מאַקס!

פון טינע׳ן צו פענסי׳ן.

איך רוף דיך... איך בעט דיך... האָב רחמנות: ק ו ם!

צו טינע׳ן.

טינע, איך בין בייז אויף דיר. כ׳האָב דיר הונדערט מאָל געזאָגט, אַז איך ווי ל ניט וויסען פֿון אַזאַ בעל־הבית׳ישקייט. איך קריג אַלערליי בריעף פֿון מענשען, וועלכע פֿערלאַנגען געלד פֿון מיר. זיי זאָגען, אַז איך בין עס זיי שולדיג! דו ווייסט דאָך, איך ווי ל ניט וויסען פֿון קיין שול־דען! ליעבערשט בעצאָהל אַ רעכנונג פֿינף מאָל, צעהן מאָל — אַלצ־איינס! — איידער דו זאָלסט דערלאָזען, איך זאָל געמאָהנט ווערן פֿון סוחרים און אַלערליי מענשען!

פֿוי, פֿוי, פֿוי! ס׳איז אַ חרפה, אַז דו זאָלסט מיך אַזוי ווייט אַרויס־שטעלען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט דורך דיין אונרעגעלמעסיגען לעבען! הערסט דו? ד ו, ד ו, ד ו שטעלסט עס מיך אַרויס און מאַכסט מיך צו שאַנד און שפּאָט! ס׳איז אַ דאַנק ד י י ן נאַכלעסיגקייט, וואָס איך קריג דאָ בריעף, אָקוראַט ווי איך וואָלט געווען אַן אונאָנשטענדיגער מענש, אַ שלעכטער צאָהלער, אַ באַנקראָטניק. בעצאָהל אָט די מענשען און אום גאָטעס ווילען, זעה, אַז אַזוי וואָס זאָל מעהר ניט פֿאָרקומען. איך בעט דיך, דו זאָלסט אַלע פֿער׳יתום׳טע קינדער געבען ווינטערדיגע קליידער, און זאָג זיי, אַז זיי דאַרפֿען ניט בעטען גאָט פֿאַר אונז, וואָרים דאָס העלפֿט ניט, און מיר נייטיגען זיך ניט אין קיין בעטעריי. לייז אויס אַ פּאָר אָרעמע מיידלאַך, וועלכע טראָגען שאַנד־קרוינען, און הורראַ, הורראַ איהם, איהר, גאָלגאָטהאַ, וואַן טוויסט, פֿענסי...

פֿענסי... קענסט דו פֿ ע נ ס י ׳ ן? לאַנגע האָר, ניין, די שטיפֿמוטער אין אַ בעסערונגס־אַנשטאַלט. וואָס איז דאָ פֿאָרט? איך ווייס עס שוין, אַצונד ווייס איך אַלעס. זיי מאַלען און מאַכען ריין! און זיי מויערן! בויט נור, בויט נור... הויך און ענג... ענג... ענגער... אָם ענגסטען... אַלץ ענגער, ביז עס וועט מיך דערווערגען... מיט פֿרייער אַרבייט... פֿריי, פֿריי, פֿריי... אַלעס פֿריי! לאָז איהם אָב, דעם וואַן טוויסט... ער האָט קיין חשק ניט צו פֿריי־אַרבייטען מיט א י י ן בופֿלאַקס... נעהם גאָרנישט אָב ביי איהם... און די שוהל־מייסטער... פּסט, פּסט, פּסט... רוף זיי אַלע אַהערצו... מען זאָל איהם געבען אַ ווייס האַלז־בענדעל, און אַ בלעכער־נעם שטערן אויף דער ברוסט... הייס, הייס... אַך, ווילסט דו אַקאָרשט אַריבערזעצען דאָס קינד... אויף דער אַנדער פּלייצע... עס דריקט אַזוי... די פּלייצע איז פֿערוואונדעט... רויט איז דער רוקען... ס׳איז אַ פֿיינער שפּאַס! ביזט דו די מוטער אָדער די פֿרוי? וואו זיינען די קינדער? זיינען די קינדער שוין פֿערקויפֿט? האָ, האָפּ... וואו איז דיין טורבאַן? זינגט,

קינדער, זיננט, אייער פֿאָטער טראָגט דאָס קרייץ! גוטען טאָג, שמואל... גוטען טאָג אייך דיר, נתן... גוטען טאָג, יודאַ! האָסט דו געזעהן פּענסי'ן? קומט מיט, קומט מיט, קומט אַלע מיט... יוכבד, ווילסט דו דעם גענע־ראַל־גובערנאַטאָר אַביסעל אויפֿהויבען אין דער הויך? שווער איז ער ניט! גיב איהם אַ בופֿלאַקס... א י י נ ע ם, דו הערסט? זאָל ער זיך שפּיעלען אין קרייציגען... דאָס אָרעמע שעפֿעלע! גיב איהם אַהער... קענסט דו זעהן, פֿלינקער אפרים? האָסט דו נאָך עפּעס פֿון דיינע זילבערנע שקלים? בוק זיך, בוק זיך... שנעל... טויזענד מיליאָן... אייל זיך צו!... מאַך עס שנעל, ליעב קינד, פֿול מיט פֿליים, קענטנים און איבערגעבענהייט! נעהם אַקאָרשט מרים'ן, יוכבד... און שליידער אַלעם אַוועק... קליק, קלאַק... אַ זעץ מיט דער בייטש... זעה, אָט קייקעלט זיך אַלעם אַוועק צווישען עולם! הע, הע, טרעט ניט דערויף... ס'איז אַ פֿריי־אַרבייטער מיט פּרינ־ציפּען! טויזענד מיליאָן זילבערנע שקלים פֿאַר וואָן טוויסט! קויף אַ שטי־קעל פֿלייש פֿאַר די קינדער און שפּאַר זיך ניט אַזוי, יוחז! הורראַ, הורראַ אייך, גאָלגאָטהאַ און דער האָלענדישער נאַציאָן! הורראַ דעם א י י ן בופֿ־לאַקס, עקסעלענץ! א י י נ ע ם... א י י נ ע ם... א י י נ ע ם, זאָג איך אייך, א י י ן עקסעלענץ, און א י י ן בופֿלאַקס... אַ ז ו י מוז עס זיין... הורראַ! איך בין מיעד!

פון טינע'ן צו פענסי'ן.

פּ ע נ ס י... ער געהט צו גרונד! איך רוף דיך. איך בעפֿעהל דיר: קום איהם צו הילף!

ברעכסט דו אַלזאָ דעם נדר, וואָס דו האָסט מיר אַזוי פֿייערליך גע־טהאָן, בשעת איך האָב זיך מיט איהם פֿערבונדען?

ביסט דו ווי אַ גאָט, פֿון מענשען געמאַכט, וואָס דו ענטפֿערסט ניט די, וועלכע רופֿען דיך?

פּ ע נ ס י, אין נאָמען פֿון דער הייליגער שליחות, וואָס דו האָסט אויף זיך גענומען צו ערפֿילען, בעפֿעהל איך: קום איהם צו הילף!

פון פענסי׳ן צו טינע׳ן.

קליינסוטהינע! אויף וואָס בעקלאָגסט דו זיך? וועגען וואָס וואונדערסט דו זיך אַזוי? האָסט דו ווען געזעהן אַ קיים זאָל אַרויסשפּראָצען פון אַ נים־צושפּאָלטען זריעה־קערענדעל? האָסט דו ווען געזעהן אַ געבורט אָהן וועהען?

זיי רוהיג, איך וועל דאָרט זיין צו דער רעכטער צייט!

איך זאָג דיר, אַז ער האָט אויסגעהאַלטענקייט, דער וואָס געהט דאָרט! ער וועט אויף׳ן קרייץ זיכער נים שטאַרבען שווייגענדיג...

איך זאָג דיר: זיי רוהיג... דער סוף איז נאָהענט!

צו טינע׳ן.

ליעבע טינע! איך בין אמת פרעהליך! דו קענסט נים טרעפען, פאַר־וואָס? יאָ, ליעבע, קיין געלד קען איך דיר נים שיקען... מחמת דעם איז עס נים! אויך האָט נאָך דער מיניסטער נים געענטפערט. מחמת דעם איז עס אַלוא אויך נים! ניין, אָבער איך בין אין דער לעצטער צייט געוועזען אַביסעל נים געזונד, און, טינע, איך גלויב זאָגאַר, זעהר נים געזונד. נאָר איצט פיהל איך זיך אַסך בעסער, און דאָס מאַכט מיך אַזוי פרעהליך. כ׳קען דיר נים בעשרייבען אויף ריכטיג, וואָס מיט מיר איז אַזוינס געשעהן, נאָר איך האָב פיעל געחלום׳ט און פאַנטאַזירט. דו ווייסט דאָך, וואָס האַמלעט האָט געזאָגט:

There are more things in heaven and earth, Horatio,
Than are dreamt of in your philosophy...

נו, האַמלעט איז גערעכט געוועזען! האַמלעט איז גערעכט געוועזען!

אין מיין קראַנקהייט — וואָרים וואָהרהאַפטיג, עס ווייזט אויס, אַז איך בין געוועזען קראַנק — אין מיין קראַנקהייט האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין פערליעבט. דאָס איז גאָר נים אַזוי זאָנדערבאַר, ווען דו זאָגען. נאָר עס איז געוועזען אַ מאָדנע ליעבע... הער נור אויס! אָט איז זי געוועזען אַ מיידעל, און אָט אַ גייסט! אָט האָב איך זי אומאַרעמט, ווי איך אומאַרעם דיך, און אָט איז שוין ווידער גאָר נים געוועזען צו דיינקען פון אומאַרמען, וואָרים איך האָב זי נים געזעהן. יאָ, כ׳האָב זאָגאַר נים געוואוסט, וואו זי אָדער ווער זי איז געוועזען. אָט איז זי געזעסען אָבענד־צייט לעבען מיר און מיר עפּעס פאָרגעלעזען, און אָט איז זי געקומען אונטער מיין פענסטער

און געשפּיעלט גיטאַר. זי האָט גערעדט פראַנצויזיש, האָלענדיש, מאַלאַאיש, קאָפּטיש, סאַנסקריט און אַלערליי אַנדער־ע שפּראַכען, וואָס איך האָב זאָגאַר די נעמען זייערע פערגעסען, נאָר וועלכע איך האָב גאַנץ פליסענד גערערט און גוט פערשטאַנען. אָט האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי איז מעכטיג און שטאַרק... און אָט איז מיר פאָרגעקומען, אַזוי ווי זי ווערט דערדריקט און זי דאַרף האָבען מיין הילף. און זי האָט מיר דערצעהלט געשיכטען... אָה! ניט אַלעס איז מיר געבליבען אין קאָפּ... דו ווייסט דאָך, ווי עס געהט צו ביי אַ היץ־קריינק... אָבער דאָך עפּעס, און איך מיין, דאָס וויכטיגסטע.

אַפריהער מוז איך דיר זאָגען, ווי אַזוי איך בין מיט איהר צוערשט בעקאַנט געוואָרען. אָט די געשיכטע האָב איך דיר שוין עפּטערס דערצעהלט, נאָר איך האָב ניט געוואוסט, אַז זי וועט האָבען אַזעלכע פאָלגען.

אַז איך בין אַלט געווען צעהן יאָהר, האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אויף דעם „הויכען קאַנאַל" אין אַמסטערדאַם. ס'איז געווען אַ שבת־נאָכמיטאָג. עס ליגט מיר נאָך אין טעם דאָס געפיהל פון דעם שבת'דיגען טאָג: מאָרגען איז ניטאָ קיין שולע! קירבע... יאָ, נאָר דאָס געדויערט ניט לאַנג, הגם עס זעהט אויס לאַנג דורך דער לאַנגווייליגקייט.

ס'איז געווען אַ שבת. וואָס פאַר אַ מאַסע אידען אין אַזאַ טאָג! און ווי פרעהליך זיי זיינען און ווי פערשיערענפאַרביג זיי זיינען געקליידעט! נאָך איצט האָב איך הנאה צו קוקען דערויף. דער אידישער פאַראַד אום שבת האָט מיך פון תמיד אָן מעהר אָנגעצויגען איידער אָט די קאַלטע, ניכטערע רעפאָרמירטקייט. ווען איך וואָלט געווען גאָט, וואָלט איך אַראָבגעשיקט אַ נביא מיט אַ מיטטהיילונג, אַז איך האַלט פיעל פון לופט, ליכט, לעבען, פאַרבען... און אַז איך האָב הנאה פון פרעהליכקייט. מיר איז דער געדאַנק ניט פרעמד, אַז די אידען זיינען דערפאַר אויסערוועהלט געוואָרען פון אַלע פעלקער, ווייל זיי האָבען אַ געפיהל פאַר פראַכט און גלאַנץ. נאָר אַביסעל מעהר געשמאַק וואָלט ניט געשאַדט. ווען זיי וואָלטען דאָס געהאַט, וואָלטען זיי פיליכט געבליבען אויסערוועהלט. עס קען אויך גאַנץ גוט מעגליך זיין, אַז זיי האָבען פערלאָרען זייער געשמאַק, זיך אַרומטרייבענדיג אַזוי לאַנג צווישען די קריסטען.

אַ קליין אידיש אינגעל האָט שפּאַצירט מיט זיינע שוועסטערלאַך און איז מיר געקומען אַנטקעגען. ער האָט געטראָגען אַ היטעלע מיט אַ שאָטלענדיש געקעסטעלטען ראַנד, און האָט אויסגעזעהן צו זיין גאַנץ שטאָלץ דערויף. ס'האָט שטאַרק געבלאָזען, און דאָס היטעלע איז אַראָבגעפלויגען. אָך, ווי דערשלאָגען די קינדער זיינען דאָס געווען! דאָס פ. פ. פובליקום

האָט געשריען: אַ מיץ אין וואַסער! און האָט געהאַט זיין שפּאַס פון דעם קליינעם אינגעל'ס אַנגסט. אין יענער צייט איז עס פאַר מוסיע פובליקום געווען אַן אמת גליק, ווען אַ־מיצער האָט זיך געפונען אין אַ נוים. דער מוסיע האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז דאָס שאָטלענדיש געקעסטעלטע היטעלע איז אַ שבת'דיגע פערציערונג, אַ פאַמיליען־שטיק, אַ האָפנונג פון דער פאַמיליע, אַ בעשיצונג! ס'איז ניט געווען: אַ מיץ, ס'איז געווען: די מיץ! נו, איז אין דעם אונגליק פון אונזערע בעסטע פריינד אימער פאַרהאַן עפּעס, וואָס פערשאַפט אונז פערגניגען. קענסט זיך אַלזאָ פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שמחה ס'איז געווען פאַר מוסיע פובליקום, צו זעהן אין נוים אַ־מיצען, וואָס איז ניט נור ניט געווען קיין בעסטער פריינד, נאָר דערצו נאָך אַ אינגעל פון אַן אַנדער גלויבען!

די קינדער האָבען פערבראַכט מיט די הענד, און דאָס פּ. פּ. פּובליקום האָט די ווייניגע אַריינגעשטעקט אין די טאַשען, אַזוי טיעף ווי ס'איז נור געגאַנגען.

אַן אַלטער מויערער אָדער בוי־אַרבייטער מיט אַ ליים־בריעטעל, אַן אָבגעקאַלכטע באַק און נאָך אַנדערע סימנים פון זיין פאַך האָט מיך אַנגעקוקט. כ'האָב געפיהלט, אַז ער האָט עפּעס געזאָגט, און איך האָב איהם פערשטאַנען. ער האָט געענטפערט אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב זיך אַליין געשטעלט: „וואָלט איך ניט געקענט צוריקגעבען דעם קליינעם אינגעל דאָס היטעלע? דאָס קינד איז אַזוי דער־שלאָגען"...

פיליכט האָב איך ניט גוט פערשטאַנען דעם ענטפער פון יענעם אַלטען מאַן. פיליכט איז דאָס שוין געווען דער גרויסער שטאָלץ, וואָס האָט זיך פערקליבען צו מיר אינעווייניג און וועלכער האָט מיר אונטער־געזאָגט: „געוויס, געוויס, דו קענסט העלפען!" ווי דאָס זאָל ניט האָבען געווען, פובליקום איז ניט געווען שטאָלץ. איך האָב דעם קינד צוריקגעגעבען זיין היטעלע, און נאָך בין איך צופריעדען, וואָס איך בין געווען שטאָלץ.

אַז איך בין ווידער געשטאַנען אויף דעם „הויכען קאַנאַל", האָב איך געזוכט דעם בוי־אַרבייטער, כ'האָב איהם אָבער ניט געפונען. אַ דאַמע האָט געשמייכעלט צו מיר און געזאָגט: „זוך ניט, איך בין עס!" און זי האָט מיר אָנגערופען איהר נאָמען, וועלכען איך האָב שפּעטער פערגעסען, אָבער דאָ ניט לאַנג צוריק געפונען: פּענסי.

— איך בענש דיך! — האָט זי געזאָגט. — איך גיב דיר אַצונד דעם ווילען, שפּעטער די קראַפט און אַם ענדע דעם יעג!

דאָס האָב איך דעמאָלט ניט פֿערשטאַנען, ווייל איך בין נור געווען אַ קינד, ליעבע טינע. ווען איך וואָלט געקענט בעטען ביי איהר וואָס עס איז, וואָלט איך זיכער געזאָגט: פֿ ר י י פֿ ו ן ק י ר כ ע מ אָ ר ג ע ן! ווייטער גאָרנישט.

אָט די געשיכטע האָב איך קיינמאָל ניט פֿערגעסען, נאָר זי איז נאָ־טירליך פֿערשטופּט געוואָרען אין הינטערגרונד דורך אַלערליי זאַכען, וואָס האָבען אויסגעזעהן צו זיין פֿון גרעסערער וויכטיגקייט. מעהרערע מאָל האָב איך דערנאָך ווידער געזעהן פֿ ע נ ס י ' ן, נאָר יעדעס מאָל אַנדערש. דאָס, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געענדערט, איז געווען איהר פֿערשפּרע־כען: „אַ צ ו נ ד דעם ווילען, שפּעטער די קראַפֿט און אַם ענדע דעם זיעג!"

דאָס אַלעס ווייסט דו, בעסטע טינע!

נאָר זעה, ניט לאַנג צוריק בין איך געקומען אין בעריהרונג מיט אַ יונג מיידעל, וואָס האָט זיך געקלאָגט איבער די ענגקייט, די בעשריינקט־קייט פֿון איהר אומגעבונג. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז זי ליידעט. דו ווייסט, אַז איך האָב ליעב אַלעס, וואָס ליידעט. דערפֿאַר אודאי האָב איך אַזאַ סך ליעב געהאַט, און אַזוי פֿ י ע ל! זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהר עפּעס לערנען, און דאָס האָט מיר געגעבען אַ מורא'דיגען זעץ אין האַר־צען. וואָרים תחילת האָב איך געמיינט, אַז איך האָב דאָ צוריקגעפֿונען די דאַמע פֿון דעם „הויכען קאַנאַל", און דו פֿערשטעהסט דאָך געוויס, ווי דערשלאָגען איך בין געווען, ווען איך בין גאַנץ איינפֿאַך אַרונטערגעפֿאַלען אין די אַלטעגליכקייט פֿון אַ בעל־הבית'יש ערצויגענער מיידעל, וואָס „גרייט זיך צו" צו איהר עקזאַמען אַלס אונטער־לעהרערקע! נאָר פֿון דער אַנדער זייט האָט מיך צוגעצויגען דאָס, וואָס זי האָט זיך געניטיגט אין הילף. ס'איז אמת, אַז איך וויים אַליין אויך ניט פֿיעל, האָב איך זיך גע־טראַכט, דאָך קען איך איהר אויף וויפֿיעל עס איז צוהעלפֿען, און איך האָב איהר געשריבען אַלערליי בריעף. וואָס און ווי אַזוי איך האָב געשרי־בען, דאָס געדיינק איך שוין ניט. ס'האָט אַודאי געמוזט זיין שעהן און הויך־קלינגענדיג! דערוווייל האָב איך זיך אין איהר פֿערליעבט, הגם איך האָב זי קיינמאָל ניט געזעהן, וואָרים זי האָט כלומר'שט געהאַט אַ שטיפֿ־מוטער, וועלכע האָט געהערט, אַז איך בין אַזאַ שלעכטער מענש, וואָס פֿערפֿיהרט אַלע מיידלאַך און האָט ניט קיין שום גלויבען. דערצו האָט עס נאָך געהייסען, אַז איך האָב ערגעצוואו אין דער אָדער יענער „געזעלשאַפֿט צום נוצען א. א. וו." געהאַלטען אַ רעדע געגען זאָקען־שטאָפּען. אַזוי וויי־ניגסטענס האָט מיר די קליינע געשריבען, נאָר איך בין איהר איצט חושד,

אַז זי האָט מיך גענאַרט. ס'איז נור געווען אַן אויסרייד, כדי אין מיר אַרויסצורופֿען אַן אינטערעס און ניט דערלאָזען, אַז איך זאָל זיך זעהן מיט איהר אָדער זי אַריבערברייינגען צו מיר. אָט דאָס קליינע, דומע, צו־גאָרנישט־טויגענדע מיידעל האָט געמוזט זיין פּ ע נ ס י! וויפֿיעל פֿערגניגען וואָלט זי געהאַט פֿון מיין פּוסטען שטאָלץ, וועלענדיג איהר עטוואָס לערנען, און פֿון דער העזה, וועלכע האָט מיך געטריבען, איהר צו פֿערשפּרעכען די ערלייזונג פֿון ענגען הויז!

אין דער לעצטער צייט האָט מען מיר דאָס לעבען זויער געמאַכט. כ'האָב — אויך אָהן מיידלאַך מיט שטיפֿמאַמעס — געהאַט גענוג צו דיינקען און צו בעטראַכטען, מיין קאָפּ איז געווען פֿערנומען מיט אַלערליי געדאַנקען, און נאַ דיר, דאַרף זיך גראָד מאַכען, אַז אין דעם הויז, וואו איך האָב אַ צימער, האָט מען זיך פֿערנומען מיט איבערבויען און איבער־מאַכען. אַלערליי אַרבייטער האָבען זיך אַזוי ווי אָבגעלייגט דערויף, מיר צו פֿערקלאַפּען דעם אָרעמען קאָפּ מיינעם. ווי אַ ווילדער בין איך אַרומגע־לאָפֿען איבער'ן צימער אַרויף און אַראָב. כ'האָב געהאַט אַזויפֿיעל צו טהאָן און האָב גאָרנישט געקענט בעווייזען. צווישען אַנדערעס האָב איך געדאַרפֿט שרייבען צום מיניסטער, אום איהם צו פֿרעגען, אויב דער נייער גענעראַל־גובערנאַטאָר וויל זיך לאָזען דיענען פֿון מיר, צו מאַכען אַ סוף צו דער גאַנצער באַנדיטעריי, וועלכע וועט גאָר אין גיכען ברייינגען דערצו, אַז די האָלענדער וועלען זיך מעהר ניט קענען האַלטען דאָרט אין אינדיען. אויך דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב געוואָלט שרייבען אַ בריעף צו די וועהלער, אין וועלכען איך האָב — איידער איך ווענד זיך דירעקט צום אויסלאַנד — זיי געוואָלט איבערצייגען, אַז עס איז נייטיג צו שאַפֿען אַ ד ר י ט ע פּ אַ ר־ ט יי, וואָס זאָל האָבען די אויפֿגאַבע אַרונטערצוּוואַרפֿען די צוויי קליקען, וועלכע מיסהאַנדלען ביידע דעם יאַוואַנער. און איך האָב נאָך געהאַט אַסך מעהר צו טהאָן, ווי דו ווייסט!

כ'האָב געהאַלטען אין שרייבען און ניט געקענט געהן ווייטער. נו פֿערשטעהט זיך, אַז איך האָב געפֿלוכט! פֿערצווייפֿעלט, ניט ווייסענדיג וואָס מען הויבט אָן טהאָן, בין איך צוגעלאָפֿען צום פֿענסטער, און דאָ האָב איך דערזעהן אַ בוי־אַרבייטער, וועלכער האָט געשלעפּט שטיינער. זיין האַלטונג, זיין געזיכט, זיין בליק... אַלעס האָט מיך ווידער דערמאָנט אָן יענעם שבת! איך בין געוואָרען אויסער זיך און האָב געוואָלט עפּעס זאָגען, כ'האָב אָבער גאָרנישט געקענט אַרויסברייינגען פֿון מויל, אויסער... פּ ע נ ס י!

וואָרים זי איז דאָס ג ע ו ו ע ן!

יאָ, דאָס איז געווען איהר געוואַלטיגער קאָפּ, מיט די לאַנגע לאָקען, זיך שאָקלענדיג מיט טראַץ און מיט אַן אײפּציטערן ווי דאָס אויפציטערן פון דעם פייל, וואָס בויערט זיך אויס זיין וועג אין דעם גוט-געטראָפענעם ציעל! יאָ, דאָס איז געווען דער בליק פון איהרע גרויסע אייגען, מיט וועלכען זי האָט מיט יאָהרען צוריק איינגעזויגען אין זיך מיין גאַנצע קינ־דערשע נשמה! יאָ, דאָס איז געווען די קורצע איבערשטע ליפּ, וועלכע האָט אָהן אַ שום קלאַנג ווידערהאָלט איין וואָרט: איך וויל!

— פּ ע נ ס י, — האָב איך אויסגערופען, — פאַרוואָס האָסט דו מיך אַזוי לאַנג געלאָזט אַליין? ווער ביזט דו? וואו וואוינסט דו?

— איך בין שטענדיג געווען ביי דיר, דו אונדאַנקבארער! נאַר...

זי האָט געוואָרפען אַן אומעטיגען בליק אויף עטליכע שרייבערייען, מיט וועלכע איך בין געווען בעשעפטיגט... בריעף צו קעניגע, וועהלער און מיניסטאָרען, גלויב איך.

— שטענדיג בין איך געווען ביי דיר! איז עס מיין שולד, אז דו ביסט בלינד... מענשען-קינד?!

— איך האָב דיך ליעב, פּ ע נ ס י! אָה, כ'בין דאָך ווירקליך ניט מעהר ווי אַ מענשען-קינד... דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליעב! נאַר, פּ ע נ ס י, פערגעס ניט, אַז עס איז דאָ אַן אונטערשיעד צווישען דער מאָס פון מיין קראַפט און דער מאָס פון מיין ווילען!

און מיט אַמאָל האָט מיר פאַר'ן גייסט געשוועבט אַן ערדישע ליעבע.

כ'האָב זי געוואָלט אומאַרמען, נאָר זי האָט זיך אויסגעדרעהט פון מיינע הענד...

— איך וועל דיך ערלייזען, פּ ע נ ס י! איך וועל...

— נאַר! ניט איך בין דאָס אָרעמע מיסהאַנדעלטע קינד, וואָס דאַרף האָבען ערלייזונג! ניט איך נייטיג זיך אין וויסען און קענען. דאָס וועלט־אַל ליגט אָפען פאַר מיר ווי אַן אויפגעמאַכט בוך. קיין שטאָף שליסט מיך ניט איין, קיין באַנד האַלט מיך ניט געבונדען! איך בין דער, וואָס איז, וואָס איז געווען, וואָס וועט זיין, פון אייביגקייט צו איי־ביגקייט!

כ'האָב געוואָלט ריידען, נאָר אַ וואונק האָט מיר געהייסען שווייגען.

— הער אַלזאָ! פערציג יאָהר לאַנג — אָה, אינענדליך לייננער! נאָר מיט אייך מוז מען ריידען פון צ י י ט! — פערציג יאָהר נאָכאַנאַנד האָט מיין אויג געוואַכט איבער דיר. שטענדיג האָסט דו געוואָלט, נאָר ביז

היינט ביזט דו געווען שוואַך. דו האָסט געהאַט אַלערליי פֿעהלערן, וועלכע האָבען מיר פֿערשאַפֿט שמערצען! וועלכע האָבען מיר פֿערשאַפֿט שמערצען גראָד אָן דיר, וואָרים דו ביזט בעשטימט געוואָרען פֿאַר עפּעס בעסערס ווי וועלען אַליין, דו מוזסט קענען! קענען... דאָס הייסט: אַזוי וועלען, אַז דו זאָלסט קענען!

און איהר געזיכט האָט מיר געוויזען, ווי מען מוז וועלען, אום צו קענען! נאָך ווידער אַמאָל איז מיר פֿאָרגעקומען, אַזוי ווי איך וואָלט זי שוין געהאַט עפּעטערס געזעהן... ערשט דאָ ניט לאַנג... און איך האָב געפֿיהלט אַ שמערץ, פֿאַרוואָס זי דרעהט זיך בסדר אוים פֿון מיר.

— אָבער פֿענסי, — האָב איך זיך אָבגערופֿען, — ניט דו ביזט עס געווען, וועלכע האָט אָנגעבאָטען הילף און צוגעזאָגט הילף אין איין און דערזעלבער צייט? ניט דו ביזט עס געווען, וועלכע האָט מיר פֿערשפּראָכען... מיין גאָט... ס'איז וואָהר... אָט די פּוסטקייט ביי מיר אין האַרצען... די נייע לבנה...

און איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנד צו די לאָקען, וועלכע האָבען בעדעקט דעם הערליכען קאָפּ... נאָר ווידער אַמאָל אומזיסט!

— דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, בלייבט געזאָגט, — האָט זי געענטפֿערט. — דאָס, וואָס איז פֿערשפּראָכען געוואָרען, בלייבט פֿערשפּראָכען! און דו: דו טהו דיין פֿליכט!

— איך וועל... איך וועל! איך וועל זי בעפֿרייען... זאָג מיר, וואו זי איז, פֿענסי, איך וועל זי בעפֿרייען!

— אָט דאָ איז זי! — האָט זי מיט אַן ערנסטען טאָן געזאָגט, און מיט אַ פֿייערליך אויסגעשטרעקטער האַנד האָט זי אָנגעוויזען אויף דער קאַרטע פֿון אינדאָלינדע, וועלכע איז געהאַנגען אויף דער וואַנד. זעה דאָרט דאָס שטיפֿקינד, וואָס פֿיהלט אַ בעדערפֿעניש נאָך רוים, נאָך פֿרייהייט, נאָך בעוועגונג! זעה דאָס מיסהאַנדעלטע וועזען, וואָס האָט אַ רעכט אויף אַביסעל פֿלעגע און גליק! זי בעפֿריי... דאָס איז די שליחות, די אויפֿגאַבע, וואָס איך לייג אויף דיר אַרויף!

— אָבער פֿענסי, געניוס, מלאך מיינער, גראָד דאָס האָב איך שטענדיג געוואָלט...

— געוואָלט... יאָ! איך האָב דאָס דיר געגעבען אָט דעם ווילען...

אָה, ליעבע טינע, ביי די ווערטער איז זי פֿערשוואונדען! איז עס ניט צו בעדויערן? גראָד דאַן ווען איך האָב ביי איהר געוואָלט בעטען די קראַפֿט!

איך קען דיר גאָרנישט שיקען, טייערע! איך האָב גאָרנישט. דער מיניסטער ענטפֿער־ט נים. קענסט דו נאָך אַ ווייליגקע אויסהאַלטען? אויב נים, געה נאָך האָט. האַלאַנר האָט אַ רעכט צו זעהן, ווי דו געהסט צו גרונד. יעדען איינעם דאָס זייניגע. לאַ עקען האָט נים בעצאָהלט פֿאַר אַזאַ שוישפּיעל. איך פֿיהל זיך אַסך בעסער. איך האָב נאָך אַלץ אַ שמערצ־ליך געפֿיהל אין הארצען, נאָר ס'איז שוין נים אַזוי שטאַרק.

פון פענסי׳ן.

ליעבער מאַקס! הו... וואָס לייגנער, אַלץ ערגער! איצט פֿערלאַנגען זיי פֿון מיר אַ בעקענטניס, אַז איך גלויב אין אַלערליי זאַכען, וואָס זיינען געשעהן פֿאַר אַכצעהן הונדערט יאָהר! איך ווייס גאָרנישט דערפֿון. און אַז איך מאַך נים דאָס דאָזיגע בעקענטניס, ווערן זיי בייז און זאָגען, אַז איך בין אַ שלעכט מיידעל, און דאָס איז דאָך נים אמת.

איך האָב שוין לאַנג גאָרנישט געהערט פֿון דיר. צי ביסט דו נים אַקאָרשט קראַנק? דאָס וואָלט מיר לייד געטהאָן. גראָד איצט האָב איך געהאָפֿט פֿון דיר צו דערגעהן, ווי אַזוי איך זאָל זיך נוהג זיין מים דעם דאָזיגען בעקענטניס. דאָס קאָמישסטע איז, וואָס איך מוז אין דערזועלבער צייט אויך בעקענען, אַז איך וועל שטענדיג זאָגען דעם אמת. דאָס קלאַפּט דאָך נים! איך שטעל זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַן אַרבייט דאָס וואָל־ט געווען אַריינצוהאַקען אַ ווילדען אין קאָפּ — איך גרייט זיך צו צו מיין עקזאַמען אַלס הילפֿס־לעהרערין — אַריינצוהאַקען אַ ווילדען אין קאָפּ דעם פֿאָל־גענדען לעהר־זאַץ:

„כדי צו זיין גליקליך נאָך דיין טויט, מוזסט דו גלויבען, אַז אַלערליי זאַכען, וועלכע קענען נים געשעהן, זיינען געשעהן פֿאַר דיין געבורט."

איך דיינק, אַז אַזאַ ווילדער וואָלט נים געקענט בעגרייפֿען דעם צוזאַמענהאַנג דערפֿון, און איך בין שרעקליך ווילד אין דער הינזיכט.

ליעבער מאַקס, פֿונדעסטוועגען קען איך נים פֿערוואַרפֿען אַלצדינג, וואָס שטעהט אין דער ביבעל. שיר השירים, געפֿין איך, איז שעהן... אַך, איך וואָלט שוין נאָר גערן חתינה געהאַט! עטליכע קאַפּיטלאך תהלים אויך. און דאָס בוך פֿון די מאַקאַבעער... דאָס איז אַן אַבת העלדען־געדיכט! און איך בין בעגייסטערט פֿאַר איוב׳ן! איוב איז מיין מענש! נאָר נים צוליעב זיין געדולד, ניין, צוליעב דער דרייסטקייט, מים וועלכער

ער האָט זיך אויפגעהויבען אַנטקעגען גאָט, וועלכער האָט איהם איבער־געגעבען צו דעם שטן אין די הענד... ציטליך פֿאַלש פֿון איהם, דיינק איך.

איך האָב פֿיעל געלעזען די ביבעל, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר גע־שריבען, אַז דאָרט שטעהט אַזויפֿיעל, וואָס אַן אָנשטענדיג מיידעל טאָר נים וויסען. די מעשה מיט שמשון׳ן האָט מיך בעזונדערס פֿעראינטע־רעסירט, ווייל עטוואָס עהנליכעס איז מיט מיר אַליין פֿאָרגעקומען. ניין, איך האָב נים גע׳הרג׳עט קיין פלשתים... און מיט אַ לייב האָב איך אויך נים געקעמפֿט. אָבער מיינע האָר... ס׳איז אַ פֿעררינקטע געשיכטע. שטעל זיך פֿאָר, בעת איך בין אַלט געווען זעקס יאָהר איז פּראָפֿעציים געוואָרען, אַז אַ לאָק פֿון מיינע האָר — אָבגעשווירען אין דעם טאָג פֿון׳ם מולד, פֿון דער נייער לבנה — וועט געבען קראַפֿט... מען רופֿט מיך, מאַקס! מאָרגען מעהר. דאַן איז דער טאָג, ווען מיינע האָר ווערן געשווי־רען. איך וועל דיר דאַן אויך דערצעהלען אָט די געשיכטע. איצט פֿער־שטעה איך זי בעסער... דורך שמשון׳ן, ווייסט דו! מען רופֿט מיך אויסציהען וועש. מאָרגען...

אָה, מאַקס, ווען קריג איך די צעהנטע געשיכטע פֿון דער אווי־טאָריטעט?

צו פֿענסי׳ן.

אָה, מיט פֿערגניגען. עס ליגט אַ רויב־שטאַאט ביים ים, צווישען מזרח־פֿריעזלאַנד און דער שעלדע...

נאָר וואַרט אַקאָרשט! פֿענסי, אויך דו האָסט דאָך מיר עפעס צוגע־זאָגט! ווען קריג איך...

פֿון שעפּס.

מיין הערר! מיין נאָמען איז שעפּס! מיינע געשעפֿטען געהען זעהר גוט, און איך פֿיהר אַ רוהיג און אַ בעקוועם לעבען. איך זעה, אַז נים קוקענדיג אויף קיין זאַך האַלט איהר נאָך אַלץ אין איין בעמיהען זיך פֿאַר די שטיפֿטעכטער פֿון מיין פֿרוי. דאָס קען איך שוין מעהר נים פֿערשטעהן.

מיין פרוי קען מיט די קינדער טהאָן, וואָס זי וויל — דערפאַר איז זי מיין פרוי — און איך וועל זעהן, אַז אייער אונמאָראַלישע שרייבערייַ זאָל ניט קומען צו זיי אין די הענד. איך בין זעהר צופרידען מיט דער איצטיגער איינריכטונג פון מיין הויז, און דאָס איז דער עיקר. מיין נאָמען איז שעפס. איך וועל זאָגען מיין פריינד, דעם קרעמער, אַז איהר זייט אַ דעמאָקראַט... א. א. וו.

פון א פאסטאר.

גאָט לאָזט ניט שפּאָטען פון זיך. איך בעט אייך, מיר אָבשיקען צו־ריק מיין האַלז-באַנד, וואָס איך האָב דאָ ניט לאַנג געלאָזט ליגען ביי אייך. אייער פערדאַמונג איז בעשטימט, וואָרים עס שטעהט געשריבען: „אַ יע־דער זאָל זיין אונטערטהעניג דער הערשאַפט, וועלכע האָט די מאַכט איבער איהם.“ איך ערוואַרט מיין האַלז-באַנד מיט דער פּאָסט. איך וועל וואָרענען די קינדער געגען אייך אין דער רעליגיאָנס-שטונדע, און איך וועל זיי אַריינקלאַפּען אין קאָפּ, אַז זיי זאָלען וויכען פון אייך ווי פון דעם אַנטיקריסט...

פון א פעטער.

אויב איהר וועט אָנגעהן ווייטער מיט אייערע שטיק און לערנען די קינדער פון מיין ברודער אַזעלכע זאַכען, וואָס גראָבען אונטער די עלטער־ליכע אויטאָריטעט, דאַן וועל איך בעקאַנט מאַכען אויף דער בערזע, אַז אייערע אידעען זיינען קאָמוניסטיש און אונאָנשטענדיג... א.א.וו.

פון א שטיפמוטער.

איך טהו מיט מיין מאַן'ס קינדער, וואָס איך וויל, און אויב איהר וועט ניט אויפהערען זיי צו דערצעהלען זאַכען, וועלכע זיי טאָרען ניט וויסען, וועל איך אייך איינזעצען. עס געהט אייך גאָרנישט אָן, וואָס איך שלאָג אַרויס פון די קינדער דאָס, וואָס איך קען אַרויסשלאָגען, און וואָס

איך לאָז זיי אַרבייטען פֿאַר מיר, וואָס זיי טהוען, אגב אורחא, גאַנץ פֿרייוויליג. איך האָב גאָרנישט וואָס צו טהאָן מיט אַלע אייערע געשיכטען. זיי מאַכען נור אונאָרדנונג ביי מיר אין הויז. אויב איהר וועט ניט אויפֿהערען, וועל איך געגען אייך אַפּעלירען צום געזעץ און איבעראַל דערצעהלען שלעכטס וועגען אייך... א. א. וו.

פון א מיידעל.

איך בין אַ זינדערין, וואָס איז גרייט תשובה צו טהאָן, און איך קען אייך מעהר ניט רופֿען ברודער. וואָרים אָנשטאָט צו ענטפֿערן אויף מיינע פֿרומע בריעף, שטויסט איהר אָב פֿון זיך דעם היילינגען גייסט און בעריהמט זיך מיט אייערע אייגענע טהאַטען. וואַהרהאַפֿטיג, איך זאָג אייך, איהר דאַרפֿט ריהמען דעם איינציגען, וואַהרען, פֿעסטען גרונד־שטיין פֿון׳ם גלויבען, יעזוס, דאָס איז דער קריסטוס, וועלכער איז אַראָב אין גיהנום, און איז דערהויבען געוואָרען צו גאָט׳ס רעכטער האַנד. רייניגט זיך מיט דעם בלוט פֿון׳ם קרייץ. אַניט וועל איך זיין געצוואונגען איינצואָרדנען אַן איבונגס-שטונדע, כדי צו וואָרענען געגען אייך, און איך וועל אַלעמען דערצעהלען, אַז איהר האָט זיך אויפֿגעהויבען געגען דעם געזעץ פֿון גאָט...א.א.וו.

פון א קאנסערוואטיוועו.

איך וועל פֿערשפּרייטען איבעראַל, אַז איהר זייט אַ ראַדיקאַל, און אַן אונרוה־מאַכער, און אַז איהר בעצאָהלט ניט אייערע חובות... א. א. וו.

פון א ליבעראל.

אויב איהר וועט ניט אויפֿהערען, אונז רופֿען היפּאָקריטען און זאָגען, אַז אונזער גרויסער שטאַאַטסמאַן טהאָרבעקע איז אַן אונבעדייטענדער קאָ־ליק, וועל איך זיך פֿיהלען פֿערפֿליכטעט, אייך איבעראַל אויסצוגעבען

פּאַר איינעם, אויף וועמען מען קען זיך נים פערלאָזען, אַלס גנב, אַלס הולטאַי, אַלס שעהן-שרייבער, אַלס משוגענעם און אַלס דיכטער... א.א.וו.

פון א גענעראל-גובערנאטאר אויף פענסיע.

איך וויל נים ענטפערן אויף אַלע אייערע בעשולדיגונגען. ווען איך וואָלט געזוכט צו בעווייזען, אַז איך בין נים קיין געוויסענלאָזער לומפּ — ווי איהר זאָגט אויף מיר — וואָלט איך גערעדט מירא האָבען, זיך שולדיג צו מאַכען אין פאַרטייליכקייט. דערום וועל איך ליעבערשט — אויף ווי וויים עס וועלען דערלאָזען מיינע בעשריינקטע מיטלען, די קריסט-ליך-פליכטמעסיגע זאָרג פאַר מיינע אייגענטהימער און די אויפזיכט איבער מיין לאַנד-גוט — דערום וועל איך ליעבערשט איבעראַל דיסקרעדי-טירען, כדי אייך זאָל שווער ווערן צו אַרבייטען, און כדי איהר זאָלט ענדליך ווערן טיעף נידערגעשלאָגען פון זאָרג און פערלירען דעם מוטה און אויפהערען אָנצוגרייפען דאָס טייערסטע, וואָס איך בעזיץ, מיין אָבגעשפּאַרטען געהאַלט... איבעריגענס... א. א. וו.

פון פענסיע'ן.

מיין פערשפּרעכען?... אָט זעה!...

נאָר איצט האָב איך אַ רעכט אויף די צעהנטע געשיכטע פון דער אויטאָריטעט!

אָבער, מאַקס, איך וואָלט געוואונשען, דו זאָלסט צוגעבען אַ שלום דערצו!

דו קענסט עס... יאָ... אַצונד קענסט דו!

צו טינע'ן.

איך האָב עס... איך ווייס עס... איך פיהל עס! מיין האַרץ איז שוין מעהר נים פוסט! זי האָט מיר געשיקט...

אָה גאָט, איך בעגרייף אַלעס!

צוערשט דעם ווילען... אצונד די קראַפּט... און אם ענדע דעם זיעג!

טינע... איך וועל זיעגען! איך פערשפּרעך דיר היילינ, אַז איך וועל זיעגען! זיי רוהיג!

— קוקט זיך פון צייט צו צייט אום אויף דעם הערר אין נומער 6! — האָט דער דאָקטאָר פון ליטעראַטור געזאָגט צום הויז־דיענער.

דער דאָזיגער האָט ערפּילט דעם וואונש, און ער האָט געפונען „דעם מאַן אין צימער" גאַנץ געזונד. ער האָט אויסגעזעהן גוט אויפגעלייגט און פרעהליך.

דער דיענער האָט פערשטאַנען, אַז דער ליטעראַטור־דאָקטאָר האָט פאַלש געאורטהיילט.

און דאס פערשטעה איך אויך.

ווי דו פערשטעהסט עס, פובליקום, איז מיר אַלצאיינס.

ניין, נים אין גאַנצען! ווען דו וואָלסט געוועזען איין מיינונג מיט דעם דיענער און מיט מיר... וואָלט איך זיך צוגעאיילט צו ענדערן מיין מיינונג!

צום ווידערזעהן!